STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08944

VER IZ SHULDIG?

Sarah B. Smitah

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ווער איז שולדיג?

פון

סאַראַה ב. סמיטה

פארלאג "ליטעראטור"
מ.מ. הערשענזאָהן-ארויסגעבער

Copyright 1919
by
Sarah B. Smith

איך ווידמע דיעזען בוך מיט ליעבע צו מיין מאן מאקס מ. סמיטה און צו חעם אנדרענקען פון מיין זון דזשעראלד ב. סמיטה, וועמעס קורצער לעבען האט מיר אזוי פיעל גליק פערשאפט.

סאראה ב. סמיטה.

אינהאַלטס־פערצייכניס.

זייטע.

פאָרוואָרט ....
מערי 11
צוריסענע שיך 15
שולדיג 18
א קאָמעדיע 23
זי פאָלגט 27
שרעק 31
די מויז 35
זיינע אויגען 38
דער אייביגער חתן 45
זינד 48
זיינע ערפאַהרונגען 52
א „מאַדאַם" 56
א מערדער 62
„פאַפּאַ איז א באָם" 66
די סטאַטוע 68
שוועסטער געגען שוועסטער 72
די פערשטויסענע 76
מאַשקע טיגער 79
א מוטער 83
צייהן 87
ווער איז שולדיג? 92
א פערלאַבונג 98
תחית המתים 102
א פערברעכער 106
קאָנקורענטען 111

פּוידזיש.
די טראַגעדיע פון אַ נאַר 115
שלעכטע ווערטער 120
אויסגענאַרט 125
דער לעבעדיגער מת 130
פייער 133
בען ד. דוד 137
די קאַקעטקעס 141
די מוטער און קינדער 145
זיין דיפּלאָם 149
ראַכע 154
אָבגענאַרט 158
איהר ירושה 162
„פריינד" 166
דער געוועזענער שרייבער 174
דאַס שטרענגע געזעץ 169
אַ כלה פון דער אונטערוועלט 178
דער אמת 183
דעם דאָקטאָר'ס פרוי 187
די ליגנער 192
ליעבע מיט פּעטש 196
שוועסטערלעך 200
די „וואהלטהעטיגע" 206
בעפרייט 212
דאַס נאַטיץ־ביכעל 216
שוועסטער 221
אַ מאָרד 225
נדן 230
אַ דאָקטאָר 233
אַפּאָלאָ'ס געליעבטע 237
אונטערבראָכענע קאַריערען 243
דער קליינער עדות 247

פאָרוואָרט.

סאַראַה ב. סמיטה איז דעם אידישען לעזער ניט אין גאַנצען אַן אומבעקאַנטער נאָמען. די לעצטע עטליכע יאָהר האָט זיך דער נאָמען אָפט געזעהן אין איינע פון אונזערע גרעסטע אידישע טעגליכע צייטונגען. אָבער גאַנץ ניי איז דער נאָמען אויף אַ בוך. דאָס איז די ערשטע זאַמלונג פון איהרע שאַפונגען אין אַ פאָרם, וואָס וועט מאַכען מעגליך די ריכטיגע אָפשאַצונג פון זייער ווערטה.

עס מוז אָבער דאָ גלייך געזאָגט ווערען, אז די פאַרפאַסערין פּרעטענדירט ניט דאָס זי האָט געשאַפען ליטעראַרישע מייסטער־ווערק. אַלס מיטגליעד פון אַ גרויסען צייטונג־סטאַף, אלס איי־נע וואָס האָט באַדאַרפט צושטעלען רעגעלמעסיג לעזע־שטאָף פאַר די לעזער, האָט זי זיך ניט געקענט אָפּשטעלען צו לאַנג אויף דעם פאָרם פון די זאַכען וואָס זי האָט מיט איהר פעדער געשאַפען; און דאָס אַליין האָט שוין געמאַכט אונמעגליך, אז די געשאַפענע זאַכען זאָלען האָבען יענע אייגענשאַפטען וואָס זיינען דער פונ־דאַמענט פון אמת'ע קונסט.

אָבער סאַראַה ב. סמיטה איז אַ קינסטלערין אין נשמה. זי האָט אַן אויג וואָס זעהט דאָס טראַגישע און דאָס קאָמישע פון לעבען, און זי זעהט דאָס דוקא דאָרט וואו די מעהרסטע מענשען וואָלטען גאַרניט געזעהן. אַלע בילדער וואָס זיינען געזאַמעלט דאָ זיינען ניט מעהר ווי איהרע איינדרוקען פון דעם וואָס זי האָט באַ־געגענט אין די געריכטס־הייזער פון דער גרויסער, רוישיגער וועלט־שטאָדט ניו יאָרק. קיין זאַך איז ניט אויסגעטראַכט, זאַנדערען אויפגעכאַפּט. מיט איהר שאַרפען אויג דרינגט זי אריין אין די אומשטענדען וואָס ברענגען פאַר דער יוסטיץ אזוי פיעל מענשען פון פערשיעדענע כאַראַקטערע און קרייזען, און אין עטליכע שטרי־כען ענטפּלעקט זי פאַר אונז זייערע ליידען און פריידען, זייערע

טרעהרען און געלעכטער, אויף אז אופן וואס לאזט אונז ניט איבער גלייכגילטיג.

אט אין דעם שטעקט איהר קונסט.

זי נויטיגט זיך ניט אין א סך פארבען. זי איז איינפאך און אביסעל פרימיטיוו. אבער זי פארפעהלט קיינמאל ניט פארצושטעלען פאר אונז א פאלשטענדיגען בילד, ניט בלויז פון דער פערזאן וואס ווערט גע'משפט, נור אויך פון די אנדערע פערזאנען ארום. דאס בילד איז ניט אלע מאל פאלירט, אדער פארענדיגט אין אלע דעטאלען, אבער דאך קלאר גענוג צו ריהרען אונזערע סימפאטיען און ארויסרופען אונזער אינטערעס. עס איז דא אזוי פיעל מענשליכעס אין יעהען, אפילו אין דעם ברוטאלסטען אדער דעם נידעריגסטען געפאלענעם, אז דאס הארץ ווערט פערקלעמט ביי דער פאראורטיילונג פון יעדען פארברעכער, און ניט ווילענדיג קומט ארויף אויפ'ן זינען: ווער איז שולדיג?

יא, ווער איז שולדיג?

סאראה ב. סמיטה, זעהענדיג אין די געריכטס־הייזער אזוי פיעל פארברעכער פארביינגעהן פאר איהר, פארגעסט ניט אויף קיין איין מאמענט אז די אלע גענגסטערס, שווינדלערס, שארלאטאנעס, ביגאמיסטען, אלפאנזען, פראסטיטוטקעס, מערדעריגס און אנדערע אומגליקליכע באשעפעניסען זיינען ניט מעהר ווי מענשען אין קייטען, מענשען וועמעס האנדלונגען זיינען דיקטירט פון די סאציאלע אומשטענדען אונטער וועלכע זיי לעבען, און זיי קענען ניט געהאלטען ווערען פאראנטווארטליך אין גאנצען פאר זייערע מעשים רעים. און דאריבער שרייבט זי וועגען זיי מיט אזוי פיעל סימפאטיע, אז דער לעזער ווערט אויך מיטגעריסען. זי פראפאגאנדירט ניט. זי לערענט ניט. זי דערצעהלט נור. זי איז רעאליסטיש ביז'ן העכסטען גראד. זי לעגט פאר'ן לעזער אוועק דאס גאנצע מאטעריאל אין א רויהער פארם. זי ציהט ניט קיין שליסע. אליין האלט זי זיך אין הינטערגרונד. אבער זי דערגרייכט איהר ציעל. עס געלינגט איהר צו פאראינטערעסירען שטארק דעם לעזער, און וואס נאך מעהר קען א שרייבער האפען?

ס'איז אין גאנצען א יאהר צעהן זייט מאראה ב. סמיטה האט אנגעהויבען שרייבען. זי איז געווען די ערשטע פראפעסיאנעלע פרויען מיטארבייטער פון א אידישער צייטונג אין אמעריקא. דער שרייבער פון די צייליען איז געווען איהר ארויסהעלפער די ערשטע צייטען, און עס איז געווים א צופריעדענהייט פאר איהם צו זעהן ווי זי האט זיך ענטוויקעלט די לעצטע עטליכע יאהר צו א באדייטענדער צייטונג־שרייבערין. די בילדער פון די געריכטס־הייזער וואס מרס. סמיטה לעגט פאר פאר דעם ערשטען מאל אין בוך־פארם זיינען זיכער ניט די בעסטע זאכען וואס זי וועט אין איהר לעבען באשאפען. זי האלט זיך נאך אין ענטוויקלען. ווען איהר שאפונגען וועלען קריגען א מעהר ליטערארישע פארם, וועט מען זיך מיט איהר מוזען רעכענען אין דער אידישער ליטעראטור. זי האט א טאלאנט פאר פארשטעלען גאנצע בילדער מיט בלויז עטליכע שטריכען. פון איהר וועט ארויסוואקסען א זעהר אינטע־רעסאנטע קראפט אלס שרייבערין פון קורצע ערצעהלונגען. אבער אויך איצט קען מען זי שוין לעזען מיט פארגעניגען, ווייל זי דער־גרייכט די געפיהלען פון די לעזער אויף א נאטירליכען, ניט־גע־קינצעלטען אופן.

אין די בילדער דא' איז דא אפשר אן איין־טאניגקייט. אבער מען דארף האבען אין זינען אז דא האט די פארפאסערין צו טהאן מיט פארברעכער, מיט מענשען וואס ווערען געפאנגען אין איינס און דעם זעלבען נעץ, און די געמיין פון גערעכטיגקייט איז אלע מאל שטרענג און ערנסט און מאנאטאן. פון דענסטוועגען געלינגט עס דער פארפאסערין, פון צייט צו צייט, צו געפינען א מענשליכען אויסדרוק אין די אויגען פון אפילו דער פארהארטעוועטער מאדאם יוסטיץ און זאגאר א שמייכעל אויף איהרע צוזאמענגעדריקטע ליפען. און דאס איז א דאנק דעם, וואס מאדאם סמיטה איז אליין א בריינט־הארציגער מענש, וועלכע זעהט פאר זיך נור דאס אייביג מענשליכע אין דעם מענש און אין די געמער וואס דער מענש האט זיך גע־שאפען.

25טער מאי, 1919. ווילאיאם עדלין.

מ ע ר י.

מערי ג.! — האט אויסגערופען דער נידעריגער, פעטער קלוירק.

פון צווישען א לאנגע רייהע פריזאנערס, וועלכע זיינען געזעסען רעכטס נעבען די אייזערנע גראטעס, האט זיך אויפגעהויבען מערי. איהרע טריט זיינען געווען אונזיכער, ווי צעהלענדיג די שפאן.

זי איז אויפגעטראטען פאר דעם ריכטער.

דער יונגער ריכטער האט זי פערטראכט אנגעקוקט עטליכע סעקונדען, און האלב שמייכלענדיג געזאגט:

— מערי. איהר זעהט אויס אביסעל געענדערט, וואס טהוט איהר ווידער דא?

— געענדערט צום בעסערען, אדער ערגערען? — האט זי געפרעגט, איגנארירענדיג זיינע לעצטע ווערטער.

— ערגער, מערי! — האט דער ריכטער פריינדליך ערקלעהרט.

— א שעהנעם קאמפלימענט גיט איהר מיר, — האט זי געזאגט מיט א שמייכעל.

איך ווייס ניט אויב איהר שמייכעל האט געקענט אנגערופען ווערען שמייכעל. זי האט מאדנע פערקרימט איהרע פערטריקענטע ליפען. נאר אין די אויגען האט מען געקענט זעהן אביסעל דעם שמייכעל, דאס גאנצע פנים האט געהאט א זויערען אויסדרוק. א שרעקליך פנים איז דאס געווען! איך האב שוין געזעהען א סך פנים'ער פון די אויסוואורפען פון דער געזעלשאפט, מיאוסע פנימער, אבער מערי'ס איז געווען אנדערש.

דאס מערקווירדיגסטע איז געווען דאס נערוועזע דרעהען מיט איהר קין. אט איז דער קין געווען שעהן, כמעט גוט פארמירט, אביסעל שפיציגער, און א סעקונדע שפעטער איז ער שוין געווען פערדרעהט אביסעל אויף א זייט, מיטנעהמענדיג מיט זיך א האלבען מויל אין איין זייט נאז.

דער מויל וואלט ניט געווען שלעכט. שהנע פולע ליפען, אביסעל צו טרוקענע אבער מיט א קרומען שמייכעל אויף זיי.

די נאז א לענגליכע, בעשאטען מיט א סך רויטע פרישטשיקעס, און פון אונטער דער טיעף רויטער, פאלשער פארב אויף די באקען, האבען די פרישטשיקעס אויסגעזעהן בלוי, קרענקליך.

עס איז געווען א פנים פון וועלכען מיר רוקען זיך אינסטינקטיוו אב...

אויגען שווארצע, מיעדע, מיט דיקע געשוואלענע דעקלעך. דער שטערען רויט צוקראצט, האלב פערדעקט מיט א שמוציגען שווארצען שטרוי הוט, פון אונטער וועלכען עס האבען אין גרויסער אונארדענונג אפיר געהאנגען לאנגע פאסעס האלב גראהע האר.

קליידער שטארק אבגעטראגענע. א לאנגער גרין־שווארצער מאנטעל, שמוציג, גלאנציג מיט אויסגעריבענע, פעדימדיגע, צו לאנגע ארבעל, פון וועלכע עס האבען זיך ארויסגעזעהן צוויי מאגערע, שמוציגע הענט.

צוויי גרויסע מענערשע שיך, פערבונדען ניט פערשנירט מיט ברוינע בענדלעך. דינע שווארצע זאקען, מיט עטליכע לעכער, און איין זאק האט זיך געזעהן א קליין בלאהע באקסעלע.

און דאס איז געווען מערי!

און דאס האט געשמייכעלט.

— מערי, וואס טהוט איהר ווידער דא? — האט נאך אמאל געפרעגט דער דזשאדזש.

— ס'האט זיך מיר פערבענקט נאך אייך, יור האנאר, — האט זי געענטפערט מיט א קרומען וואונק.

דער יונגער ריכטער איז רויט געווארען. ער האט שטייף אויסגעצויגען זיינע ברייטע פלייצעס, א דרעה געטהאן זיינע קליינינקע

זואנצעס, געפרובט זיין שטרענג און אין א מילדער שטימע שטיל געזאגט:

— מערי, זייט ערנסט.

— צו וואס? איהר זייט שוין ערנסט פאר מיר אויך.

— אפיסער, וואס איז די קלאגע געגען איהר? — האט זיך דער ריכטער אונגעדולדיג געווענדעט צו דעם הויכען, דארען פאליסמאן.

דער געזעץ־היטער איז ארויף אויפ'ן עדות־שטוהל, געשוואויגען, צו דערצעהלען דעם אמת, און מיט א גראבער מאנאטאן שטימע ער־קלעהרט:

— איך האב זי ווידער געטראפען שלאפען אין פארק. זי איז גע־ווען בעזאפען, קיין איין סענט אין טאש. איך האב זי אוועקגעפיהרט אין נאיט־קאורט, און פון דארט האט מען מיר געהייסען איהר ברייני־גען אהער, ווייל דאס איז שוין ניט איהר ערשטער פערברעכען.

— און דאס איז אויך ניט דיין ערשטער ליגען! — האט זי טראציג געזאגט, קוקענדיג דעם פאליסמאן גלייך אין די אויגען.

— מערי, מערי! — האט זי דער ריכטער געווארענט.

— איך בעליידיג זיך ניט פון אזעלכער, — האט דער פאליסמאן רוהיג ערקלעהרט.

— איך וויים, ווען איך זאל ניט מורא האבען, אז מ'וועט מיך שווער בעשטראפען, וואלט איך דיר געזאגט עטליכע זאכען, פון וועלכע דו וואלסט זיך יע בעליידיגט! צום ביישפיעל, איך וואלט דיר דערמאנט, אז מיט יאהרען צוריק, ווען איך האב יא געהאט א "סענט אין פאקעט" —

ווייטער האט זי ניט געקענט ריידען, א זעהר דיקער קאורט־אנ־געשטעלטער האט זי א שלעפ געטהאן פאר'ן ארעם.

דער ריכטער האט מיט זיין קליינעם האמער, גערופען צו אר־דנונג. מערי'ס טראציגע מינע האט זיך געביטען, דער פנים איז גע־ווארען אונטערטהעניג, מיט דעם קאפ אויף א זייט האט זי געקוקט אויף דעם ריכטער.

— איהר האט געשלאפען אין פארק? — האט ער געפרעגט.

— אז מען איז שלעפעריג, מוז מען דאך שלאפען.

— ענטפערט ניט מיט קיין פראַגען!

— אהא, איהר ווערט שטרענג? פליעז, ווערט ניט דראַמאַטיש, ווערט ניט שטאַלץ. כ'האָב דאָס פיינט. באַלד וועט איהר מיר אפשר אויסרעכענען אַלע חטאים? מיר דערמאַנען אַן אַלעס? פע, איך וויל דאָס ניט, איך וויל פערגעסען! כ'האָב געזינדיגט? כ'האָב געשלאָפען אין פאַרק? פערשיקט מיך! וויפיעל, פופצעהן טעג? צוואַנציג טעג? זאָגט, און אַן עק!

דער ריכטער האָט זי רוהיג אויסגעהערט, זי האָט גערעדט שנעל, אויפגערעגט. און די מאָרדע האָט נערוועז געטאַנצט, ער האָט אַ טיעפען זיפץ געטהאַן און ווי מעכאַניש ערקלערט:

— דרייסיג טעג!

מערי איז געוואָרען אַביסעל איבערראַשט. זי האָט אַ ציה געטהאַן מיט די אַקסלען און טראַציג געזאָגט:

— האַ, זיך נוקם געווען?

דער דיקער קאורט אַנגעשטעלטער האָט זי אַנגעכאַפּט ביים אָרעם און גענומען איהר ארויסשלעפען. שנעל, קוים מערקבאַר, האָט זי ארויסגעכאַפּט דאָס בלויע באַקסעלע פון זאַק, עטוואָס אריינגעכאַפּט אין מויל און צוריקגעשטופּט דאָס שאַכטעלע אין זאַק.

דער הויכער דאַרער פּאָליסמאַן האָט עס געזעהען, און אויפהויבענדיג די האַנד, האָט ער אויסגעשריען:

— יור האָנאָר, זי האָט מאָרפין אין זאַק!

— מערי, יאָ? — האָט געפרעגט דער ריכטער.

— נעהמט! — האָט מערי ערקלערט און אויסגעשטרעקט דעם פוס.

דער דיקער אַנגעשטעלטער האָט זיך שווער איינגעבויגען, ארויסגענומען דאָס באַקסעלע פון דעם צוריסענעם זאַק, עס אַ וואָרף געטהאַן צום קלוירק, און מערי'ן ארויסגעפיהרט.

צוריסענע שיך.

עס האט זיך איהם זעהר געוואלט זיין רייך. זיין גאנץ יונג לעבען איז געווען א י י ן לאנגער קאמפף פאר געלט.

ווען ער איז נאך געווען גאר קליין, איז געלט געווען דאס פאפולערסטע ווארט אין זיין היים. געלט, געלט, געלט — וועגען דעם האט מען זיך שטענדיג געקריעגט, צו דעם האט מען געשטרעבט און געבליבען זיינען זיי אייביגע קבצנים.

אז ער איז געווען קליין האבען אפט אויסגעפעהלט שיך און בייגאכט אויף זיין געלעגער פלעגט ער ביי זיך בעשליסען אז ער וועט ווערען גרויס און פערדיענען געלט, וועט ער זיך קויפען א סך, א סך שיך.

זיינע חלומות פון א סך שיך זיינען דערווייל נ י ט פער־ווירקליכט געווארען. טראצדעם וואס ער ארבייט שוין פיער יאהר קומט איהם נאך איצט אויך אוים גאנץ אפט צו בעהאלטען איין פוס אונטער'ן צווייטען, ווייל איין שיך איז אפט א צוריסענער. איבערהויפט פלעגט ער זיך שעהמען מיט די צוריסענע שיך אין סאבוויי אדער אין א קאר, וואו מען מוז אבזיצען א לענגערע צייט מיט די פיס פאר זיך. דאן האט ער שטענדיג גערוקט די פיס אונטער'ן זיץ און עס האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז די, וואס זיצען אנטקעגען איהם און נעבען איהם, קוקען ניט אין זייערע צייטונגען, נאר בגנבה קוקען זיי אויף זיינע צוריסענע שיך.

אין סאבוויי איז ער נאך געווען צופריעדען, ווען עס איז גע־ווען געפאקט, און די שיך האבען זיך ניט ארויסגעזעהן. דאן

פלעגט ער פערגעסען די שיך און טראַכטען וועגען אַנדערע זאַכען, וועגען גוטע זאַכען, ווייל חלומען איז געווען א טייל פון זיין לעבען.

אַמאָל פלעגט ער חלומ׳ען, אַז ער ארבייט זיך ארויף אין דער באַנק, וואו ער איז אַנגעשטעלט אלס שיק־באַי, ווערט א גרויסער בעאַמטער דאָרט, ער האָט א סך געלט און טהוט שוין אויף זאַכען.

ערשטענס וועט ער אַוועקשיקען דעם קורצזיכטיגען קלוירק, וואָס צושרייט זיך שטענדיג אויף איהם און צווייטענס — צוויי־טענס ווער ער קויפען שיך, א סך שיך.

דער מאַמען — געלע, שעהנע, מיט הויכע קנאַפעל; דער שוועסטערעל האַלב ווייסע און האַלב שווארצע מיט א סך קנעפ־לעך, און דעם טאַטען... אַה, ניין, דעם טאַטען וועט ער ניט קוי־פען קיין שיך, ווייל ער איז זיכער, אַז דער טאַטע האָט אַפט פער־טרונקען דאָס געלט אַנשטאָט צו קויפען איהם שיך און ער ווערט ברוגז אויף דעם טאַטען.

דערפאַר אָבער וועט ער פאַר זיך קויפען שווארצע, געלע און קאָלירטע, אַזעלכע, וואָס סקריפען ביים געהן און אַט ווייזט זיך איהם שוין אויס, אַז זיינע פיס זיינען שוין בעציערט מיט די שעהנע, סקריפענדע שיך, ער וויל זיי בעקוקען, אָבער עס איז זעהר ענג אין סאַבוויי.

איינבויגענדיג זיך, דערמאַנט ער זיך אַן דעם פּעקעל געלט, וואָס ליעגט אין דעם לעדערנעם טאַש, וועלכען ער האַלט אין האַנט און דאַרף אַבטראַגען אין א צווייטער באַנק. ער נעהמט אויסער־בעגען וויפיעל פּאָר שיך ער וואָלט מיט דעם געקענט אַבקויפען. ער דערשרעקט זיך, דאַכט זיך, ער וואָלט געקענט בעקליידען מיט שיך אַלע וועמען ער קען.

באַלד פאַלט איהם איין וויפיעל קען דאָרט זיין, און עס ווילט זיך איהם בעקוקען. ער מאַכט אויף דעם טאַש, עס איז אָבער צו ענג, געהט ער ארויס אויף דער נעקסטער סטיישאַן און נעהמט צעהלען דאָס געלט.

פופצעהן טויזענד דאָלאַר!

ער דערשרעקט זיך א ביסעל. קוקט זיך ארום און דערמאהנט זיך, אז ער איז אבגעשטיגען ניט ביי זיין סטיישאן. ער געפינט זיך אין צוויי־און־פערציגסטער סטריט, גרענד סענטראל. פון דאנען דאכט זיך פאהרען אב א סך טריינס אין וויטע שטעדט. ער טהוט א ציטער און מאכט צו דעם טאש.

ער שטעלט זיך אוועק ווארטען אויף א טריין וואס פארט דאון־טאון. דא איז גרוים, ער דערזעהט זיין לינקען שוך וועלכער איז צוריסען גראד ביים שפיץ, דארט וואו יעדער קען עס זעהן, און ער לאזט זיך לויפען.

נאך דעם איז אלעס געווען גראדע אזוי ווי זיינע חלומות וועגען רייכטום, ער האט געלעבט, געקויפט דימענטען און געקויפט שיף, א סך שיף, אבער דאס האט בלויז געדויערט עטליבע חדשים. די ניו יארקער דעטעקטיוום האבען זיך דערוואוסט, אז ער איז אין שיקאגא, און זיין חלום האט זיך געענדיגט.

דאס אלעס האט ער מיר דערצעהלט אין פריזאן "פען„ וואו ער האט געווארט אויף זיין "נעקסט„.

איצט שטעהט ער מיט אן אראבגעלאזטען קאפ און די דזשורי ערקלעהרט איהם שולדיג.

דער דזשאדזש האלט א לאנגע לעקציע און פערשיקט איהם אין א "רעפארמאטארי„ אויף דריי יאהר.

ווען דער הויבער קאורט־בעאמטער האט איהם ארויסגעפיהרט האט ער צו מיר שטיל געזאגט:

"די אלע צוועלף דזשורארס האבען שעהנע שיך, און איך האב מיינע געלאזען אין שיקאגא„.

„שולדיג“!

שטומע שטילקייט האט געהערשט אין קאָרט רום. די מעהרסטע אנוועזענדע זיינען געווען בלאַס און אויפגערעגט, מיט נערוועזע בליקען האט מען געקוקט אויף דער טהיר דורך וועלכע די דזשורי האט געדארפט אריינקומען.

אלע זיינען געווען נייגעריג צו וויסען דעם אורטייל — זיינע פריינד און זיינע שונאים.

דער אנגעקלאַגטער, וועמעס לעבען עס איז איצט געהאנגען אין דער לופט איז געזעסען שטיל, מיט זיינע לאַנגע, אויסגעדארטע הענד, פערלעגט אויף די קניה.

מיט א שטאַרען בליק האט ער געקוקט אויף די הענד — די הענד מיט וועלכע ער האט זיין יונגע פרוי ערמאָרדעט.

זיינע קאַלטע, שווארצע אויגען האבען זיך אַפט אויפגעהויבען צום זייגער, ער האט מיט אונגעדולד געקוקט אויף די ווייזערס, וועלכע האבען זיך זעהר לאַנגזאַם געריהרט, עפּעס ווי זיי וואָלטען פערשטאַנען דאַס אונגליק, וואָס די נעקסטע מינוטען וועלען איהם ברענגען...

זיין טיעפע מוזיקאַלישע שטימע האט מיר נאָך געקלונגען אין די אויערען, און ווען ער האט בעוועגט זיינע בלויליכע ליפּען האט זיך מיר אויסגעוויזען, דאַס ער רעדט, ער דערצעהלט וויע-דער די גרויזאַמע טראַגעדיע.

לאַנגזאַם מיט שווערע מיה האט זיין לאַיער ביי איהם ארויס-געקריגען די פּאַסירונגען פון יענע שרעקליכע מינוטען.

איינציגע ווערטער האָט ער גערעדט, שווער געשלונגען נאָך יעדען וואָרט. עס האָט זיך געפיהלט, אז ער דערצעהלט דעם אמת.

זיין מאַמע איז געווען אן אלמנה. ער האָט פאר איהר געזאָרגט. זי האָט פון קיין נויט ניט געוואוסט ביז ער האָט זיך מיט דזשעני׳ן בעגעגענט.

דזשעני איז געווען אין זעהר שלעכטע אומשטענדען, ווען ער האָט זיך מיט איהר בעקענט.

זי פלעגט אָבלעבען דעם טאָג מיט א באַטעל מילך און עטליכע קרעקעס. זי איז געווען זעהר צאַרט, אָבער שעהן, א ווייסע, בלאַסע שעהנהייט.

אלץ וואס זי האט פערדיענט, האָט זי אוועקגעגעבען פאר פיאַנאָ לעסאָנס. מוזיק — א מוזיקערין האָט זי געוואָלט זיין.

ער האָט איהר געהאָלפען, זי האָט פראָטעסטירט, אָבער ער האָט איהר געהאָלפען.

זיי האָבען חתונה געהאַט. אין א קורצער צייט האָט זי אויפגע־בליהט אין פולען פראַכט...

און איהר מוזיק האָט אויך געבליהט.

באַלד, באַלד זיינען זייערע האָפנונגען ערפילט געוואָרען.

לאַנגע שטונדען אין דער נאַכט פלעגט ער אָבזיצען און זיך איינהערען צו איהר שפּיעלען.

ער פלעגט זיין שטאַרק מיעד, נאָך א לאַנגען טאָג שווערע אר־בייט איז איהם שווער אָנגעקומען זיינע אויגען אָפען האַלטען ביז שפּעט אין דער נאַכט.

ער איז געווען אן אינזשיניער, און לאַנגזאַם האָט זיך אָנגע־פאַנגען צו פיהלען אין זיין ארבייט די מיעדקייט...

עס זיינען אָנגעקומען נעכט ווען ער פלעגט איינשלאָפען אויף דעם טשער נעבען איהר פיאַנאָ. זי פלעגט זיך פיהלען שרעקליך בעליידיגט פון דעם, און אלס רעזולטאַט פלעגט זי ארומגעהן עט־ליכע טעג אָנגע׳ברוגז׳ט אויף איהם.

ווען די האפנונגען וועגען איהר צוקונפטיגען ערפאָלג זיינען געווען אמשטארקסטען, זיינען איהרע פערלאנגען פון איהם געוואָרען גרעסער יעדען טאָג.

ער האט אנגעפאנגען קארגען פון זיין מוטער אום עס זאָל איהם זיין מעגליך איהרע ווינשען צו ערפילען.

צו ביסלעך האָט זי אָנגעפאנגען אליין צו געהן צו קאָנצערטען. זי איז געוואָרען שעהנער און ער מיעדער, זי איז א היים געקומען שפעטער און ער איז געוואָרען פערביטערטען געגען איהר.

איין נאָכמיטאג איז ער א היים געקומען שטארק אויפגערעגט, די ארבייט איז ניט געגאנגען גוט.

— דזשעני האָט זיך געהאלטען ביים אָנטהאָן, — האָט ער דער־צעהלט, — איהר בעגריסונג איז געווען שרעקליך קאַלט, נאָך עטליכע מינוטען שווייגען האָט זי זיך מיט מיר גענומען אויסרע־כענען, ווי איך פערנאכלעסיג איהר, איך טהו ניט מעהר נאָר איך שלאָף, און איהר איז שלעכט.

— צום ערשטען מאָל האָב איך איהר דאן פאָרגעוואָרפען איהרע הונגער טעג.

דאָס האָט זי שעקליך אויפגערעגט, שנעל האָט זי גענומען ריי־סען די קליידער פון זיך, אלעס, האָט זי געשריגען, וועט זי מיר צוריק געבען.

— איך האָב ביטער געלאכט — אלץ? איז דאָס דען געווען מעגליך?

— אָה, וואָס פאר א סצענע דאָס איז געווען!

מיט ביידע הענד האָט ער פערדעקט זיין בלאָס פנים און ווי בעהאלטענדיג זיך האָט ער ווייטער דערצעהלט:

— שרעקליכע ווערטער זיינען געפלויגען פון איהרע ליפען. קלאָפענדיג ווילד מיט די פיס האָט זי געשריען אז זי ליעבט מיך ניט, האָט מיך קיינמאָל ניט געליעבט, אז זי האָט מיט מיר חתונה געהאט ווייל איך בין געווען א "בעקוועמליכקייט„ אבער זי איז מיעד, זי קען שוין מעהר ניט זיין פערשטעלט!

— איך קען אייך ניט דערצעהלען וואס שפעטער האט גע־פאלגט, עס איז שווער צו געדענקען.

— זי האט אבגעלאכט פון מיר, פון מיין פראסטער, ניט מוזיקאלישע נשמה, פון מיין אויסגעארבייטען קערפער, פון מיין "נאטירליכער נייגונג„ צום שלאפען, פון אלץ!

— טויזענדע מאל האט זי געשווארען דאס זי ליעבט מיך ניט, איך וויים ניט איך בין געוועז ווי משוגע, — זאגט ער אבוויי־שענדיג דעם שווייס פון זיין שטערען.

— איך האב געשאסען און איצט בין איך דא — האט ער מיט א פערקרימטען שמייכעל געענדיגט און וויעדער פערדעקט די אויגען.

ווען עס האט זיך אויסגעוויזען דאס די וויייזערס פון זייגער ריהרען זיך שוין גאר ניט פון ארט, איז דער דזשאדזש אריין, זיין "דראמאטישער„ ארויפגעהן אויף דער "בענטש„, זיין האנד, וועלכע ער האט מיט קענטיגער אויסרעכענונג אוועקגעלעגט אויף'ן הארצען. (יעדען טאג אויף דעם זעלבען פלאץ), זיין טעאט־ראלישער בוקען זיך צו די אנוועזענדע האט עפעס איצט אין די שרעקליך־ערנסטע מינוטען אויסגעזעהן אזוי לעכערליך.

די דזשורי, מיט בלאס ערנסטע פנים'ער, מיט פערקלעהמטע ליפען זיינען ווי מיט געצעהלטע טריט לאנגזאם אריין אין „באקס"

שטיל איז אן אויפגערעגטער שטימע האט דער פארמאן ער־קלעהרט: "שולדיג„!

אלע האבען געקוקט אויף דעם אנגעקלאגטען, איך האב אויך געקוקט. עפעס האט זיך מיר אויסגעוויזען, דאס ער ווערט קלע־נער, קלענער יעדע סעקונדע...

זיין הויכער קערפער איז געווארען קליין, די אדערען אויף זיין שטערען זיינען געווארען גרויס און בלוי, שנעל ווי א בליץ האט ער א כאפ געטהאן דאס גלאז מיט וואסער פון טיש, צודריקט עס אין זיין האנד און מיט דעם גלאז זיך צושניטען זיין האלז.

עס איז געוואָרען א שרעקליכער טומעל, מאַנכע האָבען בלויז געזעהן בלוט, בלוט האָט זיך געגאָסען פון דעם אָדער וועלכען ער האָט איבערגעשניטען.

פרויען האָבען גענומען חלש'ען און מענער ווילד לויפען, אלץ האָט אויסגעזעהן רויט, נאָר די ווייזער פון זייגער האָבען אויסגעזעהן שוואַרץ — שרעקליך שוואַרץ...



א קאמעדיע.

א בעקאנטער האט מיך געפרעגט: „ווארום שרייבט איהר ניט אמאל א קאמעדיע? איהר מוזט זיך געווים אנהערען א סך שפאס אין קאורט“. און איך האב איהם צוגעזאגט, אבער עס איז שווער. דארט אין יענער געביידע פון טרעהרען און אומגליק; דארט וואו איהר זעהט די נשמה אינגאנצען א נאקעטע, דארט זיינען אויך די קאמעדיעס הארצרייסענדע טראגעדיעס. יעדער שפאס האט דארט א טרויעריגען מקור. צום ביישפיעל: איך דענק, אז יעדעס קינד וואס קומט אויף דער וועלט איז בערעכטיגט צו א וואנעלע, אז אייגען וואנעלע, וואו עס שטרעקט אויס די יונגע גליעדער און וואו עס בעווייזט די ערשטע קונצען שפיעלענדיג מיט'ן וואסער, שפריצענדיג אויף דער שמייכלענדער מאמע. קענט איהר זעהן א שפאס אין דעם פאקט, אז א פאטער קען ניט בעזארגען זיין נייגעבוירען קינד מיט א וואנעלע? און דאך איז אזא פאסירונג געווען א שפאס אין געריכט. אלע האבען יענעם פריהמארגען געלאכט; מאנכע מיט ביטערע שווערע הערצער. אבער מען האט געלאכט.

צוויי שטארקע, הויכע פאליסליַיט האבען איהם אריינגעבראכט. גאר קליין האט ער אויסגעזעהן נעבען זיי. פון זיין קערפער, וועלכער איז געווען פון מיטעלען וואוקס, זיינען לויז געהאנגען די קליידער. זיין מאגערער פנים האט בעוויזען, אז עס איז

שוין עטליכע טעג ניט געווען ראַזירט. אַ פּאָר קורצע, געלע וואָנצען האָבען זיך אַריינגעשטופּט אין זיין דינעם מויל. די אויגען זיינען געווען ווילד און איבערגעשראָקען און אין זיין האַנט האָט ער פעסט געהאַלטען אַ קליין וואַנעלע.

די פּאָליסלייט, דער צושראָקענער מאַן און דאָס וואַנעלע האָבען פאָרגעשטעלט אַ טראַגי־קאָמיש בילד. אין קאורט האָט אויסגעבראָכען אַ הויכער געלעכטער. מען האָט גענומען זיך וויצלען: „ער דאַרף אַ באָד“; „זעהט נאָר, ער וויל זיך באָדען“; „נאַר, וואָרום האָט איהר שוין ניט גע'גנב'עט אַ גרויסע וואַנע? איהר האָט מורא פאַר אַ סך וואסער?“ אזעלכע און עהנליכע שפּאַסען האָבען זיך געהערט פון פערשיעדענע ווינקלען פון געריכט־זאַל. דער יונגער דזשאָדזש האָט אויך געשמייכעלט און ווי לפנים נאָר לאַנגזאַם געקלאַפּט מיט דעם קליינעם האַמער פאַר אָרדער.

עס איז געווען אַ פּאָליס־קאָורט, וואו נייע אַרעסטאַנטען ווערען געבראַכט. דאָרט ווערט ענטשיעדען, אויב איינער זאָל פערהאַלטען ווערען פאַר אַ ווייטערען פּראָצעס אָדער בעפרייט ווערען.

מיט אַ לייכטען שטופּ האָבען די פעטע פּאָליסלייט אַוועקגעשטעלט דעם צושראָקענעם יונגענמאַן פאַר דעם ריכטער. דער יונגערמאַן האָט מיט שרעק זיך ארומגעקוקט, לאַנג געקוקט אויפ'ן זייגער און אַוועקגעלעגט דאָס וואַנעלע נעבען זיך.

דער ריכטער האָט איהם לאַנג בעטראַכט און מיט אַ לייכטער שטימע געפרעגט:

— גע'גנב'עט דאָס וואַנעלע?

דער יונגערמאַן האָט אַ לייכטען ציטער געטהאָן. איינער פון די פּאָליסלייט האָט זיך אויסגעהוסט און הויך ערקלעהרט:

— ניין, יור האָנאָר!

— טאָ וואָרום האָט איהר איהם אַהער געבראַכט?

ער האָט זיך צושלאָגען מיט דעם גאַרד אויף אַ טהוירד עוועניו עלעווייטעד סטיישאָן, — האָט געענטפערט דער צווייטער ליסמאַן.

דער יונגער ריכטער האט זיך העפטיג אויפגעזעצט און עטליכע סעקונדען געקוקט אויף דעם צושראָקענעם מאַן.

— ער זעהט ניט אוים ווי איינער וואָס שלאָגט זיך, — האט ער ענטשלאָסען ערקלעהרט.

— דער גארד האָט אזוי געזאָגט.

— וואו איז דער גארד?

— ער איז ווייטער געפאָהרען.

— איהר האָט געזעהן, ווען ער האָט זיך געשלאָגען?

— נ־ניין, — האבען ניט ווילענדיג ערקלעהרטביידע פאַ־ליסלייט.

דער ריכטער האט ווידער געשמייכעלט און געזאָגט:

— איך דענק, אז איך וועל אייך אויסהערען, — ווענדענדיג זיך צום אנגעקלאָגטען.

יענער האט צושראָקען א ציטער געטהאָן, זיך אנגעכאַפּט מיט איין האנט אן דער פארענטשע און שטיל געזאָגט:

— איך האָב געוואָלט אריין אין טריין און ער האָט מיך אָב־געשטויסען, אבגעשטויסען.

— ווארום?

— יוייל, ווייל א־איך האָב ניט געוואוסט אז איך טאָר דאָס וואַנעלע אין טריין מיט זיך ניט נעהמען. ער האָט מיר דאָס ניט געזאָגט, נאָר מיך אָבגעשטויסען, האָב איך איהם אָנגערופען מיט א נאָמען וואָס פאַסט פאר איהם.

— וואָס האָט איהר געוואָלט מיט דער וואַנעלע? — האָט דער דזשאַדזש ווייטער געפרעגט.

— איך האָב קיין שלעכטס ניט געמיינט: איך פערזיכער אייך.

— אָבער וואָס האָט איהר געטהאָן מיט דער וואַנעלע? — האָט דער דזשאַדזש געשמייכעלט.

אין קאורט־רום האט זיך געפיהלט א פערשטיקטער געלעכטער.

— מיין, מיין שוועסטער וואוינט אין סאָפאָלק סטריט, האָב איך דאָס ביי איהר גענומען: זי וועט דערויף שווערען.

— אָבער צו וואָס ? !

— כ'האָב איך דען ניט דערצעהלט ? זעהט נאָר, איהר ווייסט ניט ! — און זיינע אויגען זיינען אַנגעצונדען געוואָרען מיט א גליקליך פייעריל, פון זיין פנים איז אראָב די שרעק און עס איז געוואָרען אַן אנדער פנים.

מיט אַ שטילער, געענדערטער שטימע האָט ער פאָרטגעזעצט:

— מיין פרוי, מערי, האָט היינט פאַרטאָג א אינגעל געבוירען. מיר האָבעןביידע געוואָלט אַ אינגעל. און אזוי ווי מען האָט מיר נאָר אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, בין איך שנעל געלאָפען צו מיין שוועסטער אין סאָפאָלק סטריט. חאָס הייסט, איך בין געפאָהרען. ווייל מיר וואוינען אין דער הונדערט און דריטער סטריט. געלאָפען בין איך צו נעהמען די וואָנעלע, ווייל מיין שוועסטער האָרף עס איצט ניט האָבען און איך קען איצט ניט קויפען. שטעלט ער מיר גאָר אָב, אַזאַ באָם !

— און דאָס קינד האָט נאָך אַלץ ניט געקראָגען קיין באָד ? — האָט דער ריכטער געפרעגט.

— ניין, ניין ! און מערי וועט ניט וויסען וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט, — האָט ער געענטפערט, קוקענדיג מיט אַנגסט אויף די ווייזערס פון זייגער, וועלכע האָבען זיך שנעל גערוקט.

—טאַ געהט אַהיים און באָדט אָב דאָס קינד, — האָט דער דזשאָדזש געזאָגט.

און איידער ער האָט נאָך ארויסגעזאָגט דיזע ווערטער איז שוין דער מאַן געלאָפען, אַנהאַלטענדיג דאָס וואָנעלע מיט ביידע הענט.

און אין קאָורט־רום האָט מען שטאַרק געלאַכט....

זי פאָלגט.

ער איז אַ גענגסטער און זי איז זיין געליעבטע. ער גנב'עט און זי בעהאַלט זיינע גנבות. ער שיסט אַמאָל און זי בעהאַלט דעם רעוואָלווער. ער בעהאַלט זיך און זי העלפט איהם.

ער איז אַ הויכער, אַ שוואַרצער, מיט אַ גרויסען שפּיציגען נאָז, מיט דיקע ליפּען וועלכע זעהען שטענדיג אויס טרוקען, מיט זעהר אַן אונאַנגענעהמען אויסדרוק אַרום זיי, מיט פּראָמינענטע גרויסע אויערען, וועלכע הענגען אַרונטער ווי ביי אַ הונט. דאָס איינציגע שעהנע אין איהם זיינען זיינע אויגען. זיי זיינען גרויס, זעהר שוואַרץ, לאַשטשענד, וועלכע זיינען אין איין מאָמענט שטיל, בענקענד, און אין דעם צווייטען — פייערדיג, אַרויסרופענד.

ער איז פּראָצעסירט געוואָרען פאַר אַטאַקירען אַ זיבעציגיעהריגען מאַן. און ווען איך האָב זיי ביידען געזעהן אין געריכט האָב איך ניט געקענט פערשטעהן, וועלכע געהיימניספולע בענדער פון דער נאַטור בינדען דאָס יונגע, בלאָנדע מיידעל צו דעם הויכען ברוטאַלען מאַן.

זי איז געווען אַזוי יונג, מיט אַזא קינדערשען אויסדרוק, אַז זי האָט מיך דערמאָנט אַן די בילדער פון גאַר יונגע מיידלעך, וואָס די מאָלער האָבען מיט יאָהרען צוריק געמאָלען און וועלכע מיר זעהען איצט אין די מוזעאומס. און ווען מיר קוקען אויף זיי וואונדערען מיר זיך וואָרום מיר זעהן איצט ניט אַזעלכע מיידלעך. איהרע אויגען זיינען געווען קינדעריש־בלוי און ווען זי האָט גע־

קוקט אויף איהם זיינען זיי געווארען נאס און פול מיט געבעט.

איהר שטערען איז געווען א הויכער, א קלוגער, עפעס האט זיך מיר געוואלט גלעטען דעם שטערען.

זי איז געזעסען אויף דער לעצטער באנק און האט שטענדיג געצויגען דעם שנעע־ווייסען האלז און געקוקט אויף איהם.

ער איז געזעסען — א גרויסער, א ברייט־פלייצעדיגער אויף דער אנקלאגע־באנק. זעלטען האט ער געווארפען א בליק אויף דאס בלאסע קינד. און ווען ער האט אויף איהר יא געקוקט איז איהר פנים געווארען אנגעצונדען מיט דער ליכט פון הימלישען פרייד.

א סך עדות האבען דערצעהלט וועגען זיין שלעכטער אויפ־פיהרונג, אבער דאס מיידעל האט אויסגעזעהן אזוי ווי זי הערט קיין איין ווארט פון דעם, וואס מען דערצעהלט: אזוי ווי זי וואלט געווען זיכער, אז עס איז ניט אמת. זי האט בלויז געקוקט אויף איהם. און פון דארט וואו זי איז געזעסען האט זי בלויז געקענט זעהן זיין דיקען ראזירטען האלז. אבער זי איז געווען מיט דעם צופריעדען.

אין דער פינסטערניש פון דער נאכט האט ער צוזאמען מיט נאך עטליכע חברים בעפאלען אן אלטען מאן, ביי איהם אוועק־גערויבט זיין זייגער און די עטליכע דאלער, איהם אנגעקלאפט און אנטלאפען. די חברים זיינען פערשוואונדען און איהם האט מען געכאפט.

פון די בעווייזע האט זיך ארויסגעוויזען, אז זיי האבען ניט געזוכט דעם מאן מיט זיינע פאר דאלער, נאר אז דער מאן האט געהאט א שונא און דער שונא האט געדונגען די גענגסטערס זיי זאלען איהם אנקלאפען.

דאס מיידעל האט עטליכע מאל שווער אבגעזיפצט, ווען די בעווייזע זיינען דערצעהלט געווארען, און ער האט געביסען זיינע דיקע ליפען און געשמייכעלט.

אז די פערטיידיגונג האט זיך אנגעפאנגען איז זי געווען דער ערשטער עדות.

ערשט האט זי אויסגעזעהן אזוי פערצווייפעלט, אזוי פערלארען אין דעם גרויסען עדות־שטול. שטאמלענדיג האט זי אנגעגעבען איהר נאמען, אדרעס און די יאהרען. זיבעצען יאהר! און די בעריהמטע געליעבטע פון א בעריהמטען געגנסטער שוין צוויי יאהר!

זיין אדוואקאט פרעגט:

— קענט איהר דעם יונגענמאן?

— יא, שוין צוויי יאהר.

— קענט איהר איהם אלס פיינעם מאן?

— יא, יא.

ווייסט איהר וואו ער איז געווען דעם אבענד פון פערטען אפריל?

— איך...

דא האט זי זיך אבגעשטעלט און געקוקט מיט א האלב אפען מויל אויף דעם אנגעקלאגטען.

יענער האט פערביסען די ליפען. זיינע שעהנע שווארצע אויגען זיינען געווארען שרעקליך. א בייזער פייער האט זיך אין זיי אנגעצונדען. זיין ברוסט האט זיך שנעל געהויבען און זיינע לאנגע אויערען האבען זיך געטרייסעלט. ער האט אויף איהר געקוקט מיט א שרעקליכען בעפעהל אין זיינע אויגען. זי האט דעם בליק פערשטאנען און געפאלגט:

— ער איז געווען מיט מיר — האט זי ענטשלאסען געזאגט.

— וואו?

ווידער האבען איהרע קינדערשע אויגען געקוקט אויף איהם, געזוכט דעם ענטפער אין זיין פנים און ווידער האט זי געפאלגט און מיט א געמאכט געלעכטערל געזאגט:

— מיט מיר, מיט מיר אין אונזער צימער, הע, הע, מיט מיר...

און א גרויסער טראפען שוויים איז ארונטערגערונען פון איהר קינדערשען שטערן.

און ווידער האט זי געקוקט אויף איהם און זיינע דיקע ליפען האבען איצט געשמייכעלט. צווישען זיי האט זיך בעוויזען צוויי

רייהעם זעהר שעהנע צייהן. ערמוטיגט ביי דעם שמייכעל האט זי ווידער געזאגט:

— מיט מיר. איך שווער אייך, אז מיט מיר איז ער געווען.

דער ערנסטער ריכטער האט זיך אוועקגעדרעהט מיט פער־אכטונג.

אין צוויי שטונדען שפעטער, ווען די דזשורי האט דעם געגנ־סטער ערקלערט שולדיג, האט דער ריכטער גערולדיג געבעטען די מיידעל, זי זאל געהן אהיים און זיין גוט. אבער זי האט ביטער געוויינט און געשריען:

— איך וועל געהן מיט איהם, איך וויל געהן מיט איהם.

שרעק.

איהר פראצעס איז געווען פון יענע שטילע פראצעסען, וואו אלעס געהט צו לאנגזאם און די עדות רעדען שטיל, האלב פערשטיקט.

זי איז געזעסען א צובראכענע אויף דער אנקלאגע באנק. איהר ווייסער קאפ איז פערצווייפעלט אראב־געהאנגען אויף איהר ברוסט. איהר גאנצער אויסזעהן האט גע־וויזען אויף אלטער, וועניגסטענס אויף די מיטעלע יאהרען פון א פרוי, אבער ווען זי האט דעם ווייסען קאפ אויפגעהויבען, האבען אויף אייך געקוקט א פאר יונגע גרויסע אויגען און גאר טיעף, אין די גרויסע אויגען האט מען געקענט זעהן סמנים פון איהרע ליידען. דער פנים איז אויך געווען יונג, א חוץ צוויי טיעפע קנייטשען ביים מויל, וועלכע האבען דערציעהלט וועגען גרויסען צער.

אין געריכטס־זאל זיינען געווען בלויז מענער. א חוץ עטליכע זשורנאליסטקעס האט דער היטער ביי דער הויכער טיר קיין פרויען נישט אריינגעלאזען.

— די בעווייזע זיינען נישט פאר א פרוי׳ס אויערען — האט ער שטיל געזאגט יעדעם מאל, ווען א פרוי האט געוואלט אריינגעהן.

די קלאגע געגען דער אלט־יונגער פרוי איז געווען „אנגריף“. און דער קלעגער איהר אייגענער מאן!

דאס סענסאציאנעלע, דאס וואס דער היטער ביי דער טהיר האט געהאלטען פאר ניט פאסענד פאר די אויערען פון פרויען, האט געדארפט קומען אין די אויסזאגונגען פון דעם מאן.

אבער די, וואס האבען אויף דעם געווארט, זיינען געווען ענ־

טוישט, ווייל דער מאַן איז געווען אַ זעהר צוריקגעהאַלטענער ערות. אין האַלבע אַבגעהאַקטע ווערטער האָט ער אין אַ שוואַכער שטימע קוים געענטפערט אויף די פראַגעס פון דיסטריקט אַטוירני.

ווען די ערשטע צוויי ערות, אַ פּאָליסמאַן און אַ דאָקטאָר, האָבען דערצעהלט, אַז זיי האָבען געטראָפען דעם מאַן אַ פערוואונדעטען, זיין קאָפּ צושניטען פון אַ פלאַש, האָט די פרוי געקוקט גלייכגילטיג פאַר זיך. ערשט ווען איהר מאַן איז אַרויף אויפ'ן ערותשטול האָט זי נייגעריג, מיט פערביסענע ליפּען געקוקט אויף איהם מיט אַ לאַנגען דורכדרינגענדען בליק, פון וועלכער ער איז געוואָרען שטאַרק צומישט און שטאַמלענדיג אַנגעגעבען זיינע יאָהרען: „אַכט-און-דרייסיג“.

ער איז געווען אַ הויכער, ברייט-פּלייציגער מאַן, מיט סימפּאַטישע ברוינע אויגען און מיט אַ ברוטאַלען שטריך אַרום זיינע פולע רויטע ליפּען.

אונטער זיין רעכטען אויער איז געווען אַ טיעפער רויטער שניט, קוים פערהיילט, וועלכער האָט זיך געצויגען כמעט ביז צו זיין פיערעקיגער מאָרדע.

ווען זיינע אויגען האָבען בעגעגענט זיין פרוי'ס האָט ער שנעל אַרויסגענומען אַ וויים טאַשענטיכעל און בעהאַלטען דעם שניט. זיין האַנט האָט געציטערט.

זיין שטימע איז געווען אונזיכער, ווען ער האָט געענטפערט אויף דעם דיסטריקט אַטוירני'ס פראַגע, ווער עס האָט איהם פערוואונדעט.

— מיין פרוי.

— מיט וואָס ?

— מיט אַ פלאַש.

— וואָרום ?

— איך... איך... איך קען ווענען דעם ניט רעדען. איך האָב זיך גענוג געבעטען, איך וויל ניט זיין קיין ערות.

און וואָס מעהר דער דיסטריקט אַטוירני האָט געפרעגט און דער ריכטער האָט בעפוילען, אַלץ מעהר האָט ער זיך געשלאָגען

מיט ווערטער, געשטאַמעלט און געלייקענט, ביז ער האָט זיך אַרויס־געדריעהט פון זייערע פראַגעס.

ווען זי איז אַרויף אויפ'ן וויטנעס־סטענד אלס עדות פאַר זיך אליין איז איהר פנים געווען זעהר רוהיג, א חוץ איהר אונטערשטע ליפ, וועלכע איז געווען בלאַהליך־ווייס און האָט שטאַרק געציטערט.

— ווי אַלט? — האָט געפרעגט איהר לאַיער.

— פינף־און־דרייסיג — איז געקומען אַ שטילער ענטפער און איבער דעם געריכטס־זאַל האָט זיך געהערט אַן איבערראַשט מור־מלען:

— פינף און דרייסיג און שוין גרוי.

— קינדער?

— יע. זעקס.

— האָט איהר געוואָרפען אַ פלאַש אין אייער מאַנ'ס קאָפּ?

— וואָס איז אין דער פלאַש געווען?

— יע. אַ פּעטענט מעדיצין, וואָס איך האָב מאַנאַטען לאַנג גענומען זיך צו שטאַרקען, אָבער וועלכע האָט מיר ניט געהאָלפען.

— וואָרום האָט איהר דאָס געטהאָן?

— ווייל... ווייל... — איהר בלאַס פנים איז שטאַרק רויט געוואָרען און אונטער דער דורכזיכטיגער הויט האָט מען געקענט זעהן, ווי דאָס בלוט פערלויפט איבער דעם גאַנצען פנים. — איך בין געווען שטאַרק נערוועז יענעם אָווענד. איך בין שטענדיג נערוועז. יענעם טאָג זיינען די קינדער געווען זעהר שלעכט. איך האָב מיט זיי ניט געקענט אויסקומען. דער קאָפּ איז מיר געווען אַזוי גרויס און שווער. עפּעס האָט זיך מיר געמישט אין קאָפּ. מיין איינגסטע קינד איז צוויי יאָהר אַלט. ווען אַ קינד איז אַכצעהן מאַנאַטען אַלט, האָב איך שוין שטענדיג אַן אַנדערס. ווען די ער־שטע דריי זיינען געקומען האָט מיר נישט געאַרט. איך בין נאָך געווען יונג און שטאַרק. איך האָב געהאַט כח און האָב געקענט אַרבייטען. אָבער מיט די לעצטע דריי האָב איך שוין פערגעסען, אַז איך בין אַ מענש. אַרבייטען אַרום זעקס קינדער און נאָך דאַר־פען נעהען פאַר זיי, ווען איך וויל זיי זאָלען זיין אָנגעטהאָן, איז

ניט פאר מיינע כחות. דעם אינגסטען איז טאקע שלעכט. איך האב קיינמאל קיין צייט ניט איהם צו געבען אביסעל לופט. און זינט ער איז געבארען האלט איך אין איין בעטען גאט, אז ער זאל זיין דער לעצטער. דער געדאנק פון נאך א קינד מאכט מיך משוגע. ווען מיין מאן שמייכעלט צו מיר בעהאלט איך זיך... איך האב מורא פאר איהם... איך האב מורא פאר זיך אליין... אין יענעם אווענד בין איך געווען אזוי מיעד, אזוי אויפגערעגט, מיין מאן האט מיך געוואלט ארומנעהמען. די שרעק פאר נאך א קינד האט מיך געמאכט ווילד... דאס פלעשעל מעדיצין איז געווען ביי מיין האנט און ניט טראכטענדיג האב איך עס אין זיין קאפ גע־ווארפען. איך האב בלויז געזעהן בלוט. איך האב פערגעסען, אז ער איז אמאל געווען מיין געליעבטער. איך וויל נישט מעהר קיין קינדער!

אן אויסגעמאטערטע איז זי שטיל געבליבען.

די דזשורי האט געזאגט „ניט שולדיג“ און איהר געשיקט אהיים ווידער ארבייטען.

„די מויז“.

די אונבעדייטענד קליין, און דאָך בערויערנסווערטה זעהען אויס די מענשליכע ווערקצייג וואָס ווערען בענוצט פון גרויסע שווינדלער, כדי אויסצופיהרען זייערע פערברעכענס.

איהר קוקט אָן דאָס מענשעלע, עס איז קליין, זעהר צושראָקען, ער מאַכט אויף איך דעם איינדרוק פון אַ מייזעל.

ער האָט ניט דעם זיכערען, דעם אונפערשעהמטען בליק, ווי דער אמת'ער פערברעכער, וועלכער האָט קוראַזש און בעגעהט דעם פערברעכען, דיקטירט פון אייגענעם ווילען.

ער איז פון די מענשלעך וואָס מען שיקט, פון די וואָס לאָזען זיך לייכט איבעררעדען און פאַר עטליכע דאָלאַר זיינען זיי גרייט צו טהאָן אַלע שענדליכע פערברעכענס.

אַט אַזאַ מייזעלע איז יענעם פריהמאָרגען געזעסען אויף דער אַנקלאַגע־באַנק. אַנדערע, ניט ער, האָבען געמאַכט טויזענדער און טויזענדער דאָלער פון זיין פערברעכען; איהם האָט מען גע־כאַפּט און ער, דער נאַר, וועט צאָהלען דעם פּרייז.

פּונקט ווי אַ מויז אין דער פינסטערער נאַכט, ווען מענשען שלאָפען, איז ער אַרויס פון זיין לאָך, זיך אַרומגעקוקט מיט זיינע קליינע, שפּיציגע אויגעלעך און אָנגעמאַכט שאָדען. איין אונטער־שיעד בלויז: זיין ארבייט האָט געשטעלט אין געפאהר טויזענדער לעבענס.

ער איז געווען אַ פייער־מאַכער. ער האָט געמאַכט פייערס פאַר געלט, אמאָל פאַר גאָר קליינע סומען געלט!

זיין ארבייט, וועלכע איז בעשטאנען פון א קורצער שעה א נאכט, א ביסעל שרעק און פערשמירטע הענט פון קעראסין, האט איהם געבראכט קוים א לעבען, אבער פאר איהם, דעם פוילען איז דאס געווען גענוג, אבי ער דארף ניט ארבייטען. ער האט ניט פערשטאנען, אז פון זיין אונמענשליכער ארבייט ווערען זיינע באלעבאטים. וואס דינגען איהם, רייך.

און איצט, ווען דאס שטרענגע געזעץ האט איהם געקוקט אין די אויגען, איז ער געזעסען א צושראקענער א צוזאמענגעשרומ־פענער און זיך אייגגעהערט צו די בעווייזע פון עדות, ענדליך האט זיין קליינע נשמה אין איהם אזוי גענומען טאנצען, אז ער האט זיך מודה געווען.

זיינע אויסזאגונגען, האבען אריינגעשלעפט פיעל „אנשטענ־דיגע" מענשען.

עס איז געווען א גאנצע באנדע „אגענטען". וועלכע זיינען רייך געווארען פון אזעלכע פייערען און עס איז אזוי געמאכט גע־ווארען איבער א מיליאן דאלאר.

אבער ער, די מויז, האט פון דעם גאר א קליינעם טייל בעקומען, און דעריבער האט ער גערעדט מיט ביטערקייט וועגען יענע, וואס האבען איהם געהאלטען בלויז פאר א ווערקצייג און האבען פער־געסען, אז אויך א ווערקצייג קען אמאל ריידען.

איצט האט דאס ווערקצייג גערעדט:

— זיי האבען מיך געשיקט, און איך בין געגאנגען.

— וואס האבען זיי אייך געהייסען טהאן? — האט געפרעגט דער דיסטריקט אטורני.

— זיי האבען מיר געהייסען מאכען א פייער, זיי האבען מיר אפילו ניט געזאגט, ווי אזוי. איך האב אליין געדארפט קויפען קעראסין, אליין טראגען צייטונג פאפיער, אליין אנצינדען דאס פייער און אליין אוועקלויפען און נאך זעהן זיי אנזאגען, אז אלעס איז אלרייט.

— וואס האבען זיי אייך געזאגט, ווארום שיקען זיי אייך מאכען דעם פייער?

— ווייל, ווייל איך האב אליין פערשטאנען, אז, אז זיי בע־קומען עטוואס פון די לייט ביי וועמען איך מאך דאס פייער, אז זיי. די וואס שיקען מיך, זאלען זאגען פאר די אינשורענס קאמפאניעס, אז עס איז געווען א גוט, גרוים פייער.

— וואס הייסט א גוט גרוים פייער?

— דארט וואו עס ווערען ארויסגערופען עטליכע פייערלעשער קאמפאניעס.

— וויפיעל האט איהר בעקומען פאר אזא פייער?

— אין אנפאנג האבען זיי גוט געצאהלט. אמאל ג א נ צ ע ה ו נ ד ע ר ט ד א ל א ר. אבער שפעטער זיינען זיי געווארען קארג. פאר דעם לעצטען „דזשאב" האב איך בעקומען ניט מעהר ווי 50 דאלאר.

— און ווען פלעגט איהר די „דזשאבס" מאכען? — האט ווייטער געפרעגט דער דיסטריקט אטוירני.

— ביי נאכט.

— האט איהר אמאל געטראכט אז ביינאכט שלאפען אזוי פיעל אומשולדיגע מענשען וועלכע קענען ווערען א קרבן פון אייער „דזשאב?"

— איך, ניין, איך האב פון דעם קיינמאל ניט געטראכט. — האט ער געענטפערט מיט א נארישען שמייכעל.

לאנג האט מען איהם אויסגעפרעגט, און ער האט געענטפערט ניט פערשטעהענדיג די וויכטיגקייט פון זיינע ענטפערס.

און ווען דער ריכטער האט איהם פעראורטהיילט, האט ער אין אנבעטראכט גענומען דאס, וואס ער איז א נאר און איהם „בלויז" פערשיקט אויף ניט ווייניגער ווי צוועלף יאהר, און ניט מעהר ווי פיער־און־צוואנציג יאהר אין פריזאן.

און ער, דאס קליינע מייזעל האט דאנקבאר געשמייכעלט.

זיינע אויגען.

דער טאג איז געווען א גרויער, א פארבלאזער. פון יענע אומעטיגע הערבסט טעג, וועלכע ברענגען קראנקהייט און ליידען... באלד אין דער פריה איז געפאלען א געדיכטער רעגען און די פערזאמעלטע האבען מיט זיך מיטגעבראכט א היבש ביסעל אומעט אין דער ניט צו־ווארעמער אטמאספערע פון קאורט־רום.

אבער דער רעגען האט זיי ניט געשטערט. אלע זיינען געקומען בייוואוינען דעם רעזולטאט פון דעם לאנג־געצויגענעם פראצעס. אלע האבען נייגעריג געקוקט אויף דער שעהנער קינדער־מערדעריז, וועלכע איז מיט פארלייגטע הענט געזעסען אויף א ברעג פון א „טשער".

דער רוהיגער אויסדרוק, דער שטארקער בליק און די גרויסע בלויע אויגען, וועלכע האבען שטענדיג אראבגעקוקט אויף די פער־לייגטע לאנגע, ווייסע הענט — דאס איז געווען די טעגליכע האל־טונג פון דער אנגעקלאגטער. ניט קיין פאלשע, געמאכטע האל־טונג איז דאס געווען; זאגאר די היציגסטע ארגומענטען פון איהר לאיער האבען איהר ניט געשיינט צו אינטערעסירען, אזוי ווי ניט איהר מיינט מען.

אזא האלטונג איז א קרימינעלער פרוי זעהט מען ניט אפט. דער געוועהנליכער קאורט־בעזוכער איז געוואוינט צו זעהן געוויסע חנ'דלעך, מיט וועלכע עס בענוצען זיך זאגאר די מיאוס'סטע פרויען.

מיט דעם זעלבען אויסדרוקסלאזען פנים האט זי דערצעהלט איהר ליידענספאלע יוגענד־טראגעדיע.

לאנג האָט זי איהר לאַיער געבעטען זי זאָל ריידען. דער דזשאַדזש האָט זי אויך געבעטען, אָבער זי האָט געשוויגען. ערשט ווען דער ריכטער האָט גענומען שטרענג סטראַשען, האָבען זיך איהרע ליפּען לאַנגזאַם געעפענט און טרויעריג קוקענדיג פאַר זיך, האָט זי געפרעגט:

— ווארום האָט מען מיך ניט געלאָזען שטאַרבען?

אין געריכט־זאַאַל איז געוואָרען זעהר שטיל. לאַנגזאַם האָט זי אויפגעהויבען איהרע שעהנע אויגען און געקוקט אויף דעם ריכ־טער, וועלכער האָט נערוועז געקלאַפּט מיט זיינע פינגער אויף א דיקען געזעץ־בוך.

— ווייל עס איז געגען געזעץ! — האָט ער אין א ליידיגען טאָן געענטפערט.

דעם ערשטען מאָל האָט זיך איהר מינע געביטען. א לייכטער איראָנישער שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף איהרע דינע ליפּען.

— געגען געזעץ? דאָס געזעץ וואָלט איהר געמעגט אויסמעקען פון בוך!

לאַנגזאַם האָט זי זיך ארומגעקוקט אין קאורט־רום און שטיל ערקלעהרט:

— איך בין בעגאַנגען א שרעקליך פערברעכען... מיין אייגען קינד דערשטיקט... — מיט איין האַנד האָט זי פאַרדעקט די אויגען און מיט דער צווייטער נערוועז געדרעהט א קנעפּעל פון קאָוט — איך האָב עס געטהאָן, און איך האָב דערפאַר געוואָלט בעצאָהלען מיט מיין לעבען. איך בין געווען זעהר שוואַך, קוים זיך ארויפ־געשלעפּט אויף דעם עלעווייטעד סטיישאָן, געוואַרט פאַר א טריין, מיט פערגעניגען געשפּרונגען, מען האָט מיך גערעטעט... דאָס גע־זעץ דאַרף מיר האָבען, מיך פּראָצעסירען... און די ענדע? — דער עלעקטריק־טשער, דער טויט?... איך האָב קיין רעכט, דאָס געזעץ האָט מעהר רעכט אויף מיין לעבען!...

דאָ האָט זי אויפגעדעקט איהרע אויגען, האָט פאַרביסען די ליפּען און אנשוויגען געוואָרען.

שמיל האט זי געענטפערט אויף איהר לאיער'ס פראגען:

— 23 יאהר אלט, געבוירען אין עסטרייך, עלף יאהר אין אמע־ריקא.

— מיט וועמען זייט איהר אהער געקומען?

— א טאנטע האט מיך אהער געבראכט.

— דערצעהלט אונז וועגען אייער קינדהייט, איהר זייט א יתומה?

— ווען איך בין געבוירען געווארען איז מיין מוטער אראפ פון זינען. איך דערצעהל עס אייך ניט אום צו העלפען מיין פער־טיידיגונג. איך דענק, אז איהר זייט אינגאנצען אומגערעכט מיט דעם, וואס איהר זאגט, אז ווען איך האב מיין קינד ערמארדעט בין איך געווען וואהנזיניגג. איך פערזיכער אייך, איך בין געווען ביים פולען פערשטאנד.

און נאך א קורצער פאוזע האט זי ווייטער פארטגעזעצט:

— ווי איהר זעהט, האב איך באלד מיט מיין געבורט אונגליק געבראכט. פיער קליינע קינדער זיינען מיר געווען. די מאמע האט מען אוועקגענומען, מיין עלטסטע שוועסטער, וועלכע איז עלף יאהר אלט געווען, האט מיך ערצויגען. מיינע פריהערסטע עראינערונגען זיינען קללות. די קינדער האבען מיר אלע געהאסט איך האב פון זיי די מאמע צוגענומען...

— מיין פאטער... איך וויים ניט... נור דאכט זיך, ער האט מיר קיין מאל קיין קוש ניט געגעבען. ווען איך בין עלטער געווארען, האב איך פערשטאנען, אז ער איז בייז, ווייל ער קען ניט חתונה האבען. די מאמע לעבט... און זי האט געלעבט, אויב מען קען דאס אנרופען לעבען, אכט יאהר. מען האט זי געהאלטען אין אייזענס. אין אן אנשטאלט, וועלכער איז גוט בעקאנט געווען פאר די רציחות וואס זיינען דארט בעגאנגען געווארען.

— איינמאל האט מען מיך מיטגענומען זי זעהן. דוכט זיך, אז א גוטע שכנה האט עס פארגעשלאגען, אפשר וועט די מאמע, מיך דערזעהענדיג, ווידער קלאר ווערען.

— עס איז געווען אן אונגליקליכער געדאנק. זי האט זיך

וואהרשייגליך ערראינערט. אז איך בין די אורזאכע פון איהר אונ־גליק. דורך די אייזערנע גראטעס האט זי אונז געהייסען זיך אויסשטעלען, אונז געמאסטען, און ווען זי האט דערזעהן, אז איך בין די קלענסטע, האט זי מיך א סעקונדע אנגעקוקט. אה, וואס פאר א שטארער בליק דאס איז געווען! גאר ניט קיין אויגען, טיעפע לעכער. צוערשט איז דער בליק געווען ערנסט, דאן האט זי זיך ווילד צולאכט. און מיטביידע הענד גענומען מיך שלעפען... שלעפען דורך די אייזערנע גראטעס... ווילד האט זי מיך געריסען צו זיך, אברייסענדיג מיין ארבעל, מאכענדיג מיר טיעפע וואונדען אייף דער האנד.

— ווען מען האט מיך פון איהר אוועקגעריסען, בין איך געווען האלב איין אהנמאכט. אבער איך האב געהערט איהרע יאמערליך־ווילדע געשרייען און דאס קלאפען פון איהר ארעמען קאפ אן די אייזערנע גראטעס... איך הער עס נאך איצט...

— עטליכע טעג שפעטער האט מען די מאמע אהיים געבראכט טויט.

— ווען איך בין נייו יאהר אלט געווען, האט מיין שוועסטער חתונה געהאט. א קורצע צייט שפעטער איז איהר מאן פערשוואונ־דען און זי איז צוריק אהיים געקומען. אהיים?...פיער לעדיגע ווענט... דער טאטע האט חתונה געהאט און איז אוועק אין א צווייטער שטאדט, די ברידער זענען זיך אויך באלד צולאפען.

— איך און די שוועסטער האבען געלעבט פון האנד־ארבייט. דייכע פרויען האבען עס פון אונז אפגעקויפט פאר געצעהלטע פע־ניס און מיר האבען דערפון געהאט צוויי און אמאל בלויז איין מאלצייט א טאג. מיין שוועסטער האט מיר נאך איצט מעהר גע־האסט. איהר מאן האט זי פערלאזען, ווען ער האט זיך וועגען דער מאמען דערוואוסט. און דער מאמען איז דאך אלעם געקור־מען דורך מיר. בין איך דאך ווידער שולדיג.

נערוועז האט זי געווישט איהר שטערען מיט קראמפהאפטע פינגער, עטליכע סעקונדען געטראכט, און מיט א ביטערען שמייכעל געפרעגט:

— קענט איהר פערשטעהן, וואס פאר א ווירקונג דאס האט געהאט אויף מיינע קינדערשע געדאנקען? איך האב אלעם פיינד געהאט. די שוועסטער, דאס הארטע שווארצע ברויט, די גע־דיכטע שטעך, און איבערהויפט דאס צעהלען פון די מאשין ווען איך האב שפיצען געמאכט — דאס צעהלען פלעגט מיך אזוי צו־מישען.

— מיין שוועסטער האט זיך פערקיהלט און איז קראנק גע־ווארען. עס זיינען אונז אנגעקומען צוויי טיקעטס פון אמעריקא, אבער איך בין אליין געפאהרען, מיין שוועסטער איז געשטארבען.

— איך האב שטארק מורא געהאט פאר אמעריקא. די טאנטע, וועלכע האט מיר העם טיקעט געשיקט איז דער מאמע'ס שוועסטער און פיליכט וועט זי מיר אויך האסען; איך האב דאן פעסט גע־גלויבט, דאס איך בין שולדיג אין דער מאמע'ס וואהנזין.

— עטליכע וואכען איז מיר דא גוט געווען. איך בין אין סקוהל געגאנגען... אין קורצע 6 וואכען איז מיין אנקעל געשטארבען. די טאנטע איז געבליבען אהן געלד און איך בין אוועק ארבייטען ביי ווייסטלעך. אין מיינע ביטערסטע מאמענטען מוז איך שמייכלען, ווען איך דערמאן מיך אן יענע טעג... עס איז געווען א קליינער שאפ, און יעדעס מאל ווען די טהיר האט זיך געעפענט, האב איך זיך געמוזט בעהאלטען אונטער א טיש, מורא האבענדיג פאר א „באארד אוו העלטה" אינספעקטאר. מען האט מיך אויסגעלערענט ווי צו זאגען אויף ענגליש „איך בין פופצעהן יאהר אלט". איינ־מאל האט מיך א פרויען־אינספעקטאר דערזעהן אונטער א טיש. און ווען זי האט מיך ארויסגעשלעפט און געפרעגט ווי אלט איך בין? האב איך ציטערענדיג געענטפערט: „פופציג יאהר".

— דער באס איז בעשטראפט געווארען און איך האב מיין דזשאב פערלוירען.

— אן אנדער שאפ... אנדערע ערפאהרונגען... די טאנטע האט חתונה געהאט, איך בין געווארען א באארדערקע, געגאנגען אין סקוהל ביינאכט, געמאכט א לעבען און שוין באלד, באלד געפיהלט זיך גליקליך... אבער מיין לעבען איז געווען שטארק פוסט. אי־

בעראָל האָב איך געזוכט ליעבע, איך האָב זיך אַלעם שנעל געלערענט, געגאַנגען צו לעקטשורס, פיעל געלעזען, דאָס האָט מיך אָבער ניט צופריעדען געשטעלט. איך האָב געוואָלט ליעבע...

— און מיט צוויי יאָהר צוריק האָב איך מיך מיט „איהם“ בעגעגענט — האָט זי שטיל פאָרטגעזעצט. — און באַלד האָט ער מיך בעקענט מיט ליעבע...

— פון דער צוקונפט האָבען מיר קיינמאָל ניט גערעדט. איך בין געווען גליקליך. אַז ער האָט מיך געקושט בין איך געווען אין זיבעטען הימעל: אַז ער האָט מיינע האָאר געגלעט, האָב איך אָפט געטראַכט דאָס ער טהוט עס אנשטאָט דער מאַמען, דעם טאַטען... מיין הונגעריג הארץ איז געווען גליקליך... קיין זאַך האָט מיך ניט געאַארט. ווען מיר האָבען זיך צוויי יאָהר געקענט, האָב איך דערפיהלט, אַז איך ווער מוטער. איך בין אין שאָפּ מעהר ניט געגאַנגען, אין מיין צימער האָב איך פרעהליכע ליעדלעך געזונגען און געמאַכט זיסע קליינע קליידעלעך... אויב... — און ווידער האָט אַ לאַנגע ווייסע האַנט פערדעקט די אויגען, אָבער בלויז אויף אַ סעקונדע, ווען זי האָט ווייטער דערצעהלט, איז איהר שטימע געוואָרען פיעל שוואַכער.

— זיינע אָפּטע בעזוכען זענען געוואָרען זעלטענער, און איצט עראינער איך מיך ווי געביטען, ווי קעלטער ער איז געוואָרען. אָבער איך האָב דאַן קיין זאַך געזעהען. ווען ער האָט דערצעהלט, אַז זיין מוטער איז קראַנק, האָב איך מעהר קיין פראַגעס געפרעגט. און דאַן איז ער אַ וואָך ניט געקומען. איך האָב טעלעפאָנירט, געשריעבען, געשיקט טעלעגראַמען — קיין ענטפער. איך בין זיכער געווען, אַז זיין מוטער איז געשטאָרבען.

— דריי טעג איידער מיין קינד איז געבוירען געוואָרען, האָב איך אַ בריעף בעקומען. דער פּאָסט־מאַרק איז געווען פון אַטלאַנטיק סיטי. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ וואָך צוריק. איצט איז ער אויף זיין האָכצייטס־רייזע. איך האָב עס איבערגעלעבט. איהר זייט מענער... עס איז אייך געווים שווער צו פערשטעהן... און אויך דאַן האָב איך פאַר איהם געפונען אַן אויסרייד. עס מוז

געווים זיין דער איינפלוס פון זיין מוטער... ער איז א יונגער דענ־טיסט, זי וויל אודאי א געלד־שידוך... ווען מיין קינד איז צוויי טעג אלט געווען, האב איך זיך דערוואוסט פון זיינעם א פריינד, דאס ער האט געהייראט א בילד־שעהנע מיידעל, מיט וועלכער ער האט זיך זיבען מאנאטען געליעבט.

—א שעהנע... געליעבט... איך האב דאס קינד לאנג בעטראכט. איך ווייס איצט ניט וואס איך האב דאן געדענקט... איין זאך האט מיר הילביג געהאמערט אין קאפ. מיט מיינע קושען, מיט מיינע הייסע קושען... צו אן אנדערער אוועק!... איך האב דאס קינד צו זיך געדריקט. עס האט די אויגעלעך געעפענט, עס האט אויף מיר געקוקט מיט ז י י נ ע אויגען. איך ווייס ניט... ווען איך קוק איצט אויף מיינע הענט גלויב איך ניט, אז איך האב עס געטהאן... דאס קליינע קערפער'ל איז געווארען קאלט, די אויגעלעך שטאר, עפעס ווי מיט פארוואורף האבען זיי אויף מיר געקוקט; פיבעריש האב איך זיך אנגעטהאן, לאנגזאם זיך ארויסגע'גנב'עט פון צימער...

און ווידער האבען די הענד פארדעקט די אויגען.

לאנג האט איהר לאיער גערעדט צו דער דזשורי, אנווייזענדיג איהר וואהנזין אלס א ירושה פון איהר מוטער.

ווען די דזשורי האט ארייגעבראכט דעם אורטייל „שולדיג“ האט זיך א טראציגער אבער צופריעדענער שמייכעל בעוויזען אויף די בלאסע ליפען. ווען זיי האבען מיט זייער אורטייל אויך גע־בראכט א ביטע צום דזשאדזש ער זאל די שטראף מאכען לייכטער, ווייל זיי גלויבען, דאס זי האט דעם פערברעכען בעגאנגען אין א מאמענט פון וואהנזין, וועלכעס טרעפט זיך אפט ביי געווינעריננס, האט זיך אן ענטטוישונג בעוויזען אויף איהר פנים.

און ווען דער ריכטער האט מיט א קורצער לעקציע זי פער־שיקט איז אן אויסבעסערונגס־אנשטאלט, האט זי גלייכגילטיג אויפגעצויגען מיט די פלייצעס און האט מיט מעכאנישע טריט לאנגזאם פערלאזען דעם קאורט־רום.

דער אייביגער חתן.

דער אנגעקלאגטער האט מיר אויסגעזעהן זעהר בעקאנט. „פון וואנען קען איך איהם?“ האט מיר די פראגע געהאמערט אין קאפ די גאנצע צייט, וואס ער איז געשטאנען און געווארט אויף א „נעקסט“.

דער קליינער מענשעלע מיט די רויטע באקען, מיט זיינע קליינע, שטעכיגע אויגעלעך, וואס זיינען טיעף אריינגעזונקען אין זיין גרויסען אונגעלומפערטען קאפ, מיט די שווארצע וואנצעס, וואס ער האלט אין איין קייען, מיט דעם „פאמפאדור“, וועלכער פערדעקט כמעט זיין גאנצען קורצען שטערען האט ער עפעס דערמאנט אן א הארציגען לאך. לאכען פון זיין אויסזעהן גיין, וואס קען עס פארט זיין?

— איך וועל זיין מיין אייגענער לאיער — האט ער געזאגט מיט א באסאווער שטימע. און באלד האב איך מיך ערוואנערט, ווער ער איז. דאס איז דער מאן, וועלכער ווערט קיינמאל ניט עלטער; וועלכער נארט אפ פיעלע פרויען און איז זיין אייגענער לאיער!

און באלד האב איך געלאכט. מיטגעלאכט מיט אלע אנוועזענדע אין קאורט.

— ווי אלט? — פרעגט דער קלוירק.

— צוויי און דרייסיג — ענטפערט דער חברה־מאן וואס זעהט אוים אריבער פופציג.

די קלעגערין געגען איהם איז א פרוי פון א יאהר זעכציג. זי דערצעהלט, דאס מיט עטליכע מאנאטען צוריק האט זי איהם

געגעבען הונדערט און פופציג דאלאר אויף חתונה הוצאות און אויף דאס הויז איינצופיקסען, און עטליכע טעג פאר דער חתונה איז ער פערשוואונדען.

ער נעהמט איהר אויפ'ן קרייץ־פערהער, מעשה לאיער. ער ציהט אויס זיינע רונהע פלייצעס, טהוט א גלעט דעם „פאמפאַ־דור", הוסט זיך אויס און פרעגט שטרענג:

— וואו האט איהר מיך בעגעגענט, אין באסטאָן אדער ניו יארק? ענטפערט „יא", אדער „ניין"!

די פרוי בלייבט א דערשראָקענע. אין קאורט־רום ווערט א געלעכטער, זאגאר דער דזשאדזש נעהמט הוסטען אין א טאשען־טיכעל אריין.

— ענטפערט! "יא" אדער „ניין" — שרייט ער יעדעס מאָל, ווען די ארימע פרוי וויל עפעס ארויסריידען.

— דער חברה־מאַן איז זעהר א קלוגער — זאגט דער פרוי'ס לאיער.

— איך פראטעסטיר! — שרייט דער קליינינקער, אויסשטרע־קענדיג א פינגער ווי א לאיער.

ענדליך ווערט ער פארטיג מיט דעם קרייץ־פערהער און דער לאיער פון דער קלעגעריןנעהמט דערצעהלען די געשיכטע פון דעם אנגעקלאגטען. און די גאנצע צייט, וואס ער רעדט, שטעהט דער קליינינקער א שטאלצער און שווייגט. אבער ווען דער לאיער זאגט: „ווייסט איהר פון וואנען ער האט זיך אויסגעלערענט צו זיין אזא גוטער לאיער?" ער איז שוין עטליכע מאָל פערשיקט געווארען פאר אבנארען מיידלעך, און מיט פופצעהן יאהר צוריק פאר „ביגאמי". אט דער יונגער צוויי־און־דרייסיג יעהריגער מאַן!

— אה, שאט אפ! — ווערט ער אויפגערעגט, פערגעסענדיג אינגאנצען זיין בכבוד'יגע, לאיער'שע האלטונג.

א מיידעל, וועלכע האט עטליכע יאהר שווער געארבייט אויף דריי הונדערט דאלאר, דערצעהלט מיט א מאנאטאנער שטימע ווי אזוי דער „יונגער מאן" האט זי געלאזט „ווארטען" אויף איהם, און איז ניט געקומען צו דער חתונה, וועלכע האט געזאלט זיין אין

א גרויסען האַל, מיט א גרויסאַרטיגען סאַפּער פאַר פיער הונדערט לייטע. איך הער זי אוים און בעוואונדער, ווי זי קען אזוי קאַלט ריידען וועגען דעם האַל, דעם סאַפּער און די געסט, דאָס שיינט צו זיין זעהר וויכטיג ביי איהר. און פאַר מיר שטעלט זיך פאַר דאָס בילד: די כלה איז קראַנץ און שלייער, אין דעם ווייסען קלייד פון וועלכען יעדעס מיידעל טרוימט, פון דעם אמת'ען אבענד פאַר דער חופה, פון דעם געהיימען וואונש פון א אמת'ן לעבענס־בע־גלייטער; איך זעה ווי אנדערע מיידלעך זיינען פערנומען ארום איהר — איינע שטעקט איין א האָאר־נאָדעל (דאָס איז א מצוה), די צווייטע פארקנעפּעלט איהר קלייד; עס פאַנגען אָן צו קומען די געסט. עס קומען פּיעלע, פּיעלע; דער רעוורענד מיט זיין גרוי־סער ווייסער באָרד דרעהט זיך א צופריעדענער ארום אין האָל. די מוזיק שפּיעלט א פרעהליכס און די יונגע לייט טאַנצען. אלץ ארום איז לוסטיג. נור די כלה, איהר הארץ נעהמט שטאַרק קלאַ־פּען. יעדע מינוט צייגען די ווייזערס פון זייגער ווי אומבארמ־הערציג די צייט איז. ווי שנעל זי פליהט...

דער חתן איז ניט געקומען!

די געסט נעהמען זיך צוגעהן און די כלה זיצט נאָך אלין אין איהר קראַנץ און שלייער.

אלע קוקען אויף איהר מיט רחמנות. יעדען טהוט וועט דאָס הארץ פאַר איהר, פאַר דער פערשעהמטער.

און איהר הארץ?

א פוסטקייט בלייבט אויף איהר אָרט.

און איך הויב אן צו פערשטעהן, דאָס עס איז אָט די ליידיגקייט וואָס קאָנטראָלירט איהר שטימע און מאכט איהרע רייד אזוי קאַלט.

דער דזשאַדזש דאכט זיך פערשטעהט אויך און שיקט דעם „לאָיער" אויף א צייט זיך „אברוהען" אין פּריזאָן.

זינד.

זי האט איהם דער'הרג'עט ווייל זי האט איהם געוואלט רעטען פון „בעגעהן א זינד“, אזוי ערקלעהרט זי אויפ'ן וויטנעס סטענד, קוקענדיג גלייך פאר זיך מיט איהרע ווייכע בלויע אויגען, וועלכע זיינען שטארק ענליך צו דער בלויקייט פון הימעל אין א רוהיגען טאג.

איהרע לאיערס זאגען, דאס זי איז ניט געוועז ביים פולען פערשטאנד ווען זי האט דעם פערברעכען בעגאנגען.

זי לייקענט דאס, איהר בענעהמונג איז קלאהר. זי האלט זיך זעהר רוהיג ביים גאנצען פראצעס. קיין היסטעריקע, קיינע געשרייעריי׳ען,געלאסען, ווי מיט געצעהלטע טריט געהט זי יעדען טאג צום טיש וואו איהרע לאיערס זיצען, מיט איין האנד שפארט זי אונטער איהר קאפ, אזוי ווי זי וואלט זיך געוואלט אויסרוהען. און אזוי בלייבט זי דעם גאנצען טאג, זעלטען בייטענדיג אפילו די האנד, וועלכע ווערט געווים מיעד.

און אין די גאנצע טעג פון דעם פראצעס איז איהר אויסזעהן דאס זעלבע. א חוץ איהרע אויגען, וועלכע ווערען יעדען טאג מיעדער, און די שווארצע רינגען ארום זיי ווערען יעדען טאג שווארצער און טיעפער.

שטיל, אזוי ווי זי וואלט מורא געהאט דאס זי ועט איהם אויפוועקען פון דעם אייביגען שלאף, דערצעהלט זי וועגען איהם, וועגען זיינע געוועהנהייטען און גוטע בענעהמונג.

לאנג, לאנג האבען זיי זיך געליעבט, ווען זיי זיינען נאר קינ־דער געווען, ווייט איז דער אלטער היים.

צוזאמען זיך ערצויגען, צוזאמען געפלאנט און געהאפט.

באלד נאך זייער חתונה זיינען זיי אהער געקומען, גרייט צו ארבייטען, זיך פלאגען פאר א צוקונפט.

ביידע זיינען אוועק ארבייטען, ער אין א סטאר און זי אין א שאפ, א גאנצען טאג האט זי געהאפט אויף דעם אבענד ווען זי וועט זיך בעגעגענען מיט איהר געליעבטען מאן, זיי האבען גע־וואוינט אין א קליינער רומקע און געווען זעהר גליקליך.

זי האט געארבייט ביז איהר צושטאנד האט איהר מעהר ניט ערלויבט געהן אין שאפ...

די עטליכע מאנאטען וואס זי איז געזעסען אין הויז און גע־ווארט אויף דעם געבורטס פון איהר קינד, זיינען ניט געווען זעהר גליקליכע. איהר מאן האט אנגעפאנגען צו ווערען גלייכגילטיג צו איהר.

ער איז געווען אונגעדולדיג מיט איהר און ווען זי האט געלי־טען האט איהם פערדראסען.

אין געלד זיינען זיי ניט געווען זעהר רייך און איהר לאנגע האט געפאדערט גוטע פלעגע. און טראץ דעם האט ער זיך אנגעג־פאנגען בעסער צו קליידען, איז אויסגעבליבען ביז שפעט בייי־נאכט, און זי פלעגט זיצען און וויינען.

דער קלאפ איז געקומען גראדע איין וואך פאר דעם טאג וואס זיי האבען געזאלט פייערען דאס יאהר פון זייער חתונה.

זי האט שוין לאנג געשפארט איהם צו קויפען א פרעזענט, און ער האט אויך גערעדט וועגען איבערראשען איהר.

איין פריה מארגען האט זי געפונען א ליידיס פאקעט־בוך. און דענקענדיג דאס וועט זיין איהר פרעזענט האט זי דאס גענומען בעטראכטען, דערביי איז איהר מאן אריין אין הויז. ער האט דאס געוואלט פון איהר אוועקנעהמען. דער פאקעט־בוק האט זיך גע־עפענט און עס איז ארויסגעפאלען א צעטעלע אין וועלכען עס איז

געוועזן אנגעשריבען אין איהר מאנ'ן האנדשריפט: „מיט ליעבע צו דזשעני'ן" און איהר נאמען איז גאר מערי!

— די גאנצע וועלט האט גענומען טאנצען פאר מיינע אויגען. דאן האב איך ערשט פערשטאנען, וואו זיינע אבענדען קומען אהין! האט זי שטיל ווייטער דערצעהלט — ער איז א בייזער ארוים פון הויז, איך בין געבליבען אליין, אליין מיט מיין וועהטאג — זי האט פארדעקט איהרע אויגען אויף א ווייל און באלד ווידער גערעדט — איך האב געזוכט און געפונען א בריעף, א בריעף פול מיט ליידענשאפט צו מיין מאן, צו איהם, וועמען איך האב גע־גלויבט, צו דעם פאטער פון מיין קינד!

זי פערטראכט זיך א ווייל, און זאגט ווי פאר זיך: מיין טויט קינד איז גליקליך. וואס האט עס דען געקענט ערווארטען אויף דער וועלט, אהן א פאטער, די מאמע א מערדערין? זי זיפצט אב שווער און דערצעהלט ווייטער:

— איך האב געפונען זיין רעוואלווער, פריהער האב איך גע־וואלט מיין אייגען לעבען אויסלעשען, עס איז מיר געווען מיאוס, זעהר מיאוס, דאן האב איך גענומען טראכטען וועגען איהם. איך בין א פרומע, און ס'האט זיך מיר פארגעשטעלט די שרעקליכקייט פון דער זינד וואס ער וועט ווייטער בעגעהן, און איך האב בעשלאָ־סען איהם צו ראטעווען.

זי שווייגט א ווילע, קוקט אויף איהרע פינגער און אויף איהר פנים בעווייזט זיך א ביסעלע פארב, אזוי ווי דאס בלוט וואלט בלויז פארביי געלאפען.

— ער איז אהיים געקומען און האט זיך גענומען פערענט־פערען, איך האב געוואוסט אז ער זאגט ליגען און איך האב איהם געשאסען!

זי אטהעמט אב שווער, אויף איהר שעהן פנים צושפרייט זיך א מין צופריעדענהייט און די גאנצע צייט וואס איהר לאיער רעדט און זאגאר ווען דער דיסטריקט אטורני איז א שטורמיגע רעדע פערלאנגט פון דער דזשורי זיי זאלען זי שיקען אויפ'ן עלעקטריק טשער, איז איהר פנים אויך רוהיג.

שטיל און רוהיג שטעהט זי ווען די דזשורי ערקלעהרט זי ניט שולדיג, אויפ'ן גרונד דאס זי איז ניט געווען ביים קלאהרען פערשטאנד אין דער מינוט ווען זי האט איהם געשאסען

און ווען די טהיר צו איהר פרייהייט עפענט זיך פאר איהר איז זי אויך רוהיג און פרעגט מיט א ביטערען שמייכעל:

— וואוהין?

זיינע עראינערונגען.

עהר אלט און שוואך איז ער געווען — אזוי שוואך אז זיין קערפער האט געציטערט. ווען ער איז פארגעפיהרט געווארען פאר דעם ריכטער.

דער ריכטער איז אויך געווען אלט. נאר דאס איז געווען אן אנדער עלטער: א ווייס פנים, ריין ראזירט, פריש און ריין, מיט אלע סמנים פון אפגעהיטקייט.

ער, דער ריכטער, האט פארזשומערט די אויגען, וועלכע זיי־נען געווען ארומגערינגעלט מיט א סך קנייטשען, און האט אין א שטרענגען טאן געפרעגט:

— וואס טהוט איהר דא?! שעהמען מעגט איהר זיך! אזא אלטער מאן!

דער אלטער האט צוערשט ניט געענטפערט. א ביטערער שמייכעל האט געשוועבט ארום זיינע ליפען. דאן האט ער מיט רעספעקט געזאגט:

— איך... איך בין ניט קיין פערברעכער!

דער ריכטער האט איהם לאנג באטראכט ביידע האבען געשוויי־גען. דאן האט דער אנגעקלאגטער שטיל געזאגט:

— עס גלוסט זיך מיר צו לאכען.

און דער ריכטער האט איבערראשט געפרעגט:

— ווארום?

— ווייל איך האב געדארפט לעבען אזא לאנגע צייט אום אויסצוגעפינען, אז איך בין א נאר.

— טא לאכט! — האט דער ריכטער בייז געזאגט.

עפעס האט איהם געשיינט צו פארדריסען באלד האט ער איז

א פיעל ווייכערעז טאָז געפרעגט:

— וואס מיינט איהר „א נאר“?

און דער אלטער האט געענטפערט:

— איך בעטראַכט אייך. דאכט זיך איהר זייט שוין אויך גוט אלט, און דאך ווי שעהן, ווי פיין איהר זעהט־אויס. בין איך ניט געוועז א נאר?? פארוואס בין איך אויך ניט געווארען א ריכטער?

איצט האט זיך דער ריכטער צולאכט און האט גענומען פון נאהענט באטראכטען דעם אלטען'ס פנים. אבער אויף דעם צו־קנייטשטען פנים איז ניט געווען קיין סמן פון משוגעת. זעהר קלאר און ניכטער זיינען געווען די גרויע אויגען.

— איהר לאכט יור האנאר? איהר מעגט לאכען, ווייל איהר זייט געווען א קלוגער. איהר האט זיך אויסגעקליבען אן ארבייט וואס געהט קיינמאל ניט ארויס פון דער מאָדע. ריכטערס וועט מען שטענדיג דארפען, און א געריכט וועט מען אויך שטענדיג דארפען. אבער איך, איך בין ארויס פון דער מאָדע צוזאמען מיט די פערד־קארס.

— וואס מיינט איהר? — האט איצט מיט סימפּאטיע נע־פרעגט דער ריכטער.

— איך מיין וואס איך זאג אייך: איהר זייט געווען א קלו־גער!

דער ריכטער האט ווידער געשמייכעלט און גוטמוטיג געזאגט:

— אבער צו ווערען א ריכטער, מיין פריינד, מוז מען האבען בילדונג, פארשטאנד און — —

— בילדונג? אפשר זייט איהר גערעכט. אבער פארשטאנד? וואס מיינט איהר? צו זיין א דרייווער פון א „הארס־קאר“ דארף מען ניט האבען קיין פערשטאנד?! — האט דער אלטער אונ־טערבראכען. — דענקט ניט, אז עס איז אט אבי אן ארבייט. מען דארף אויך דענקען. ווילען די פערד ניט געהן וועט זיי א דריי־ווער מיט שכל ניט שלאגען גלאט אין דער וועלט אריין. מען

טראכט זיך אריין אביסעל, מען שטעלט זיך אוועק אויפ'ן פלאץ פון די פערד. אפשר זיינען זיי גערעכט כאטש זיי זיינען פערד.

דער ריכטער האט ניט געענטפערט:

— און אין גאס זיינען דאך שטענדיג א סך מענשען. און אז ען איז א דרייווער אהן שכל פאהרט מען איבער א מענש, א קינד. אבער איך בין געווען א דרייווער מיט שכל. איך האב זיך אריינגעטראכט אין מיין ארבייט און איך קען טאקע מיט שטאלץ זאגען, אז אין די איין און פופציג יאהר וואס איך האב געטריבען א פערדקאר בין איך קיינמאל קיינעם ניט איבערגעפאהרען. אפילו א קינד ניט א קלאפ געטהאן מיט א בייטש!

דער אלטער האט מיט מיה אויסגעצויגען זיינע דארע פלייצעס. וועלכע האבען זיך ניט געלאזט ציהען. נאר זיך אליין געצויגען אראפ, אראפ צו דער ערד...

— אבער איך בין דאך געווען א נאר, — האט ער פארטגעזעצט. — פארבראכט א לעבען מיט די פערד. איך האב ניט געוואוסט. אז צוזאמען מיט זיי וועל איך ארויס פון דער מאדע. זעהט איהר, א ריכטער איז שוין אן אנדער זאך. דאס געהט קיינמאל ניט ארויס פון דער מאדע!

דער ריכטער האט געשוויגען. א ווײלע שפעטער האט ער געפרעגט:

— ווי אלט זייט איהר?

— דריי און זיבעציג.

— ווארום האט מען אייך ארעסטירט?

— ווייל איך בין געשלאפען אין דער שטאל פון דער קארקאמפאניע.

— און ער האט צופיעל געשטערט די ארבייטער וואס קומען אהין אריין, יור האנאר — האט זיך אריינגעמישט א פאליסמאן.

— ווארום האט איהר דאס געטהאן?

— ווייל איך האב ניט קיין אנדער פלאץ וואוהין צו געהן. איך בין אזוי געוועהנט צו געהן אין שטאל, אזוי פיעל יאהרען אהין געגאנגען! און איצט, אז מען דארף מיך ניט מעהר, האב איך

ניט וואוהין צו געהן. ווענען ארט עס, אז איך ליעג זיך אין א ווינקעל פון „סטייבעל"? זאגט שוין אליין, מיסטער דזשאדזש, איז דאס א פערברעכען? איך בין ניט קיין טרינקער. געה איך ניט אין סאלון. און די שטאל דערמאנט האך מיר אזוי פיעל זאכען, ווען איך בין נאך געוועז יונג און די הענט האבען ניט געציטערט. יא, איך האב אויך אז וואס צו דערמאנען זיך.

— און וואס האט איהר געהאט צו טהאן מיט די ארבייטער?

— געהאט צו טהאן? איך האב ביי זיי אמאל געבעטען אביסעל טאבאק, איז דער פארמאן א נייער, וויל ער עס ניט ליידען.

— פון וואס לעבט איהר?

— איך פלעג שלאפען אין „סטייבעל" און עסען האב איך זיך געקויפט פאר די פאר סענט וואס עטליכע דרייווערס האבען מיר געגעבען יעדע „פעידעי". זיי זיינען אינגערע, האבען זיי זיך אויסגעלערענט די חכמה; אויסגעלערענט זיך ווי צו טרייבען א קאר אהן פערד.

— איהר האט א פאמיליע?

— ערגעץ האב איך צוויי אייניקלעך. אבער ביידע זיינען מיידלעך, האבען זיי שוין געוויס חתונה געהאט און געביטען זייערע נעמען. ווייס איך ניט וואו זיי צו געפינען. אנדערע זיינען שוין אלע אויסגעשטארבען.

לאנג האט דער ריכטער געטראכט. דאן האט ער געפרעגט:

— וואס זאל איך מיט אייך טהאן?

דער אלטער האט א ציה־געטהאן מיט די אקסלען. איהם האט קענטיג לייד געטהאן וואס ער איז ניט אין דער שטאל וואס איז פול פאר איהם מיט עראינערונגען. און אפשר האט איהם לייד געטהאן וואס ער איז ניט קיין ריכטער?

דער ריכטער האט איהם אוועקגעשיקט אין א היים פאר אלטע ארימעלייט.

א „מאדאם“.

די קלעגערין, א קליינע ברונעטקע מיט זעהר סימפא־טהישע אויגען און מיט א קינדעריש מויל, איז א דערשראקענע געזעסען אויף דעם עדות שטוהל און נערוועז געבראכען איהרע לאנגע, דארע פינגער.

איהר קאפ איז פערשעהמט אראבגעהאנגען אויף איהר שמאלע ברוסט. און דאס גאנצע וועזען האט פארגעשטעלט קינדערישע פערשעהמקייט, אונערפאהרענהייט.

— און ווען האט איהר זיך דערוואוסט אז ער האט אייך אבגענארט? — האט געפרעגט דער דיסטריקט אטוירני.

— יענעם טאג.

— וועלכען טאג?

— ווען ער האט מיך צו איהר אוועקגעפיהרט.

— ווי אזוי האט דאס פאסירט?

— ווי אזוי? זעהר איינפאך. — האט זי שטיל געענטפערט נים אויפהויבענדיג דעם קאפ.

— דערצעהלט אונז וועגען דעם. — האט דער אלטער דיסטריקט אטוירני צערטליך געבעטען. זיין גאנצע בענעהמונג צו דער יונגער מיידעל האט געצייגט גרויס מיטלייד.

א ווײלע האט דאס מיידעל געשוויגען. דאן האט זי לאנגזאם אויפגעהויבען איהר קאפ. די גרויסע שווארצע אויגען האבען זיך אבגעשטעלט אויף דער אנגעקלאגטער. זי האט א שטארקען ציטער געטהאן.

די אנגעקלאגטע האט טראציג אוועקגעדרעהט איהר פעטען פנים.

און אינטערעסאנט איז געווען צו בעאבאכטען איהר פנים, עס האט מיט זיך פארגעשטעלט דאס טיפישע פנים פון א „מאדאם“.

א קינסטליך פרעזערווירטער יונגער פנים פון א מיטעליעהריגער פרוי. א פנים וואס ווערט א סך מאסירט פון געשיקטע הענט, געשמירט מיט פערשידענע „קאסמעטיקס„. און אלס רעזולטאט זעהען מיר א גלאטיגע, כמעט „אויסגעביגעלטע“ הויט, אהן איין קנייטשעלע, אהן איין צייכען פון די שנעל פארביילויפענדע יאה־רען. צו רויטע ליפען, ראזע באקען, מיט א פענסעל אויפגעשרי־בענע, שווארצע ברעמען, גלאנציגע צו גלאנציגע אויגען. בלויז די וויעס איז די „קינסטלער“ ניט געלונגען אויסצוציהען, די וויעס זיינען געווען קורץ און זעהר שיטער, ארויסווייזענדיג די גאנצע אונפארשעהמטקייט פון די צו גלאנציגע אויגען.

איהרע קליידער זיינען אויך געווען פון יענעם סארט, וואס קאסטען א סך געלד און ווייזען וועניג געשמאק. אויפפאלענדע, שרייענדע קליידער, העלע געמישטע פארבען, וואס ווארפען זיך מיט אן אונפערשעהמטקייט אין די אויגען.

ווי זי וואלט געפיהלט דעם בליק פון דעם יונג מיידעל אויף זיך, האט זי צוריק אויסגעדרעהט דעם קאפ, פרעך אפגעמאסטען דאס מיידעל מיט איהרע צוגלאנציגע אויגען, אויסגעקרימט די ליפען אין א שמייכעל, און געקוקט אויפ'ן מיידעל.

יענע האט זיך קליין, ווי א מייזעלע צוזאמענגעצויגען אין דעם גרויסען שטוהל, א שרעקליכע מורא איז ערשינען אין איהרע אויגען, און זי האט אנגעהויבען לייכט צו ציטערן.

דער דיסטריקט אטוירני האט דאס אלעס בעמערקט און שטיל, ווי בעטענדיג דאס מיידעל האט ער געזאגט:

— איצט דארפט איהר זיך פאר איהר ניט שרעקען איצט ווערט אייך היטען דאס געזעץ.

— זי, זי האט מיר געזאגט, אז זי וועט מיך שטענדיג געפינען.

— האט שטאמלענדיג ארויסגעקרעכצט דאס מיידעל.

— דאס דארף אייך ניט שרעקען. זי וועט אזוי לאנג זיצען

צווישען די גרויע ווענט פון געפענגניס, אַז זי וועט אפילו אַן אייך פערגעסען!

איצט האָט די „מאַדאַם“ אַ לייכטען ציטער געטהאַן.

אין דער מיידעל׳ס פּנים האָט זיך אַ ביסעל פאַרב געוויזען. ערמוטהיגט פון דעם דיסטריקט־אַטוירני׳ס ווערטער, האָט זי שטיל אָנגעהויבען דערצעהלען:

— ס׳האָט זיך אָנגעהויבען מיט זיין אונרוהיגקייט. עס געפעלט איהם ניט מיין מיסעס, האָט ער אָנגעהויבען צו זאָגען, זי רעדט צופיעל, ער וויל מעהר ניט זיצען ביי מיר אין צימער. ס׳איז אָר־מעטיג. ער איז געוואוינט, האָט ער געזאָגט, צו אַ היים, אַ וואַ־רימער היים, מיט אַ היימישען סאַמאָוואַר, און ווען איך וואָלט מיט איהם געהן צו זיין מאַמען, וואָלט אונז ביידען פיעל בעסער געווען. מיר האָט דאָס שטאַרק געשראָקען, איך בין נאָך כמעט אַ גרינע, ערשט דאָס פערטע יאָהר אין אַמעריקאַ. זיין מאַמע, האָב איך געוואוסט, איז אַן עלעגאַנטע דאַמע און זי וואוינט אַפּטאַון, און אַפּ־טאַון פאַהר איך קיינמאָל נישט, אַ חוץ זומער אין סענטראַל פּאַרק, און דאָן פערגין איך זיך אפילו ניט צו קוקען אויף די ריינע שעהנע הייזער.

— אָבער איהר זייט געגאַנגען?

— יע, כ׳האָב איהם זעהר ליעב געהאַט. חתונה האָבען מיט איהם האָט מיר אויסגעזעהן ווי אַ חלום. ער איז אַזוי הויך, אַזוי שעהן און פערדיענט אַזוי פיעל געלד. כ׳מיין אַזוי האָט ער געזאָגט. — האָט זי זיך שנעל אַ כאַפּ געטהאַן, און איהר פּנים איז געוואָרען פערקרימט פון וועהטאָג, ווען זי האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָס אַלעס בעלאַנגט צו דער פערגאַנגענהייט.

— כ׳האָב אַזוי מורא געהאַט, אַז זיין מאַמע וועט איהם ניט לאָזען מיט מיר חתונה האָבען — האָט זי שטיל פאָרטגעזעצט — און דעריבער בין איך געוואָרען זעהר איבערראַשט ווען איך האָב בעקומען אַ וואַרעמע אויפנאַהמע. ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז עס חלום׳ט זיך מיר. די שעהנע מעבעל, די שוואַרצע דיענסט,

די גוטע עסענס, זיין שעהנע מאמע, און איהר צערטליכקייט צו מיר, כ'האב עס אלעס ניט געקענט בעגרייפען.

— און ווער איז געווען זיין מאמע? — האט געפרעגט דער ריכטער זיך צובויגענדיג צום מיידעל.

— דאן האב איך געגלויבט, אז זי איז זיין מאמע, זי דארט! — האט דאס מיידעל מיט א פינגער אנגעוויזען אויף דער מאדאם.

— און וואס האט ווייטער פאסירט? — האט געפרעגט דער דיסטריקט אטוירני.

— דאס וואס עס טרעפט זיך מיט א סך נארישע מיידלעך, דאס, וואס איך פלעג לייענען אין צייטונג און איך פלעג דערביי לאכען פון די מיידלאך וואס האבען זיך אזוי געלאזט אפנארען. — האט זי געענטפערט מיט א ביטערען זיפץ.

— דערצעהלט.

— עס איז שווער, — האט זי געענטפערט, רייבענדיג דעם שטערן מיטביידע הענט. — עס איז געווארען שפעט, זי האט מיך געבעטען איך זאל דארט שלאפען, און אזוי ווי די חתונה וועט סאי ווי באלד זיין, דארף איך זיך אין גאנצען ניט צוריקקעהרען צו דער ארבייט און צו מיין צימערל. איך האב געזאגט: „ניין“, כ'וויל חתונה האבען פון מיין „לאדזשי“, אבער ער איז געווען מיעד און האט מיך געבעטען בלייבען בלויז יענע נאכט. און איך בין גע־בליבען.

— און דאן?

— דאן זייטען זייערע שמייכלען פערשוואונדען. ער האט מיך געשלאגען, זי האט מיך איינגעשפארט, און לאנגע טעג האב איך מעהר ניט געזעהן, ווי די ווייסע צייהן פון דער שווארצער דיענסט, און פאר איהר האב איך זיך אויך זעהר געשראקען. מ'האט מיר בלויז געגעבען ברויט און וואסער, כ'האב געפיהלט, אז מיינע כוחות געהען אויס, און דאן האבען זיי געזיעגט.

און ווי אבגעבראכען איז איהר קאפ געהאנגען אויף איהר שמאלער ברוסט.

— ווי לאנג האבען זיי איך געהאלטען?

— דאן האָב איך ניט געוואוסט, ערשט ווען איך בין אַרויס, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז איך בין דאָרט געווען מעהר ווי פינף חדשים.

— ווי האָט איהר זיך בעפרייט?

— עס זיינען צוגעקומען נאָך צוויי מיידלעך אין הויז, און דער פערקעהר איז געוואָרען אַ פרייערער. איין אָבענד, ווען אַלע זיינען געווען אין פּאַרלאָר, האָב איך זיך אַנטלאָפען אַ מענערשען הוט און קאָוט און בין שנעל אַרויס. ווען איך האָב דערפיהלט די פרישע לופט, האָב איך אַזוי גענומען לויפען, אַז כ'האָב שיער ניט אומ־געוואָרפען אַ מאַן. עס איז געווען שפּעט. דער מאַן צוזאַמען מיט אַ פּאָליסמאַן האָט מיך נאָכגעיאָגט. איך בין געפאַלען, און דעם פּאָליסמאַן אַלעס דערצעהלט.

ביי דער פערטהיידיגונג האָט די „מאַדאַם" זיך בענוצט מיט אַ סך חנ'דלעך און מיט אַלע קונצען פון איהר „פּראָפעסיע", אָבער די דזשוראָרס זיינען געווען האַרטע, ערפאַהרענע מענער, און גע־קוקט אויף איהר מיט פעראַכטונג.

און אַזוי ווי ע ר, דער הויכער, שעהנער ע ר, איז מיס־טעריעז פערשוואונדען, און אַזוי ווי ווייסע שקלאַפען־הענדלער זיי־נען דאַן געווען אַ זעהר אָפטע ערשיינונג אין די ניו־יאָרקער קאָורטס, און אַזוי ווי דאָס מיידעל איז געווען זעהר אַ יונגע, און די „מאַדאַם" זעהר אַ פרעכע, האָט דער אָלטער דיסטריקט אַטוירני געבעטען זעהר אַ שווערע שטראָף.

און דער ריכטער האָט זי פערשיקט אויף פופצעהן יאָהר שווערע אַרבייט אין געפענגניס.

און ווען זי האָט דאָס דערהערט האָט זיך איהר טאָן געביטען. פערשוואונדען זיינען די זיסע רייד, זי האָט זיך הויך, מיאוס צו־לאַכט:

— זי זאָגט ליגען, אָבער איהר גלויבט איהר. ס'לוינט זיך אַזוי בעסער! איהר זיינט דאָך ע ה ר ל י כ ע מענשען! דאָ פערדאַמט איהר מיך און ווען קיינער זעהט ניט קושט איהר מיך!

עטליכע דזשוראַרס האָבען זיך מיט עקעל אַבגעקעהרט, זי האָט עס בעמערקט און נאָך העכער געלאַכט:

— דאַ ביז איך אין אייער מאַכט און ווען קיינער זעהט ניט זיינט איהר אין מיין מאַכט!

מעהר האָט זי ניט געקענט ריידען ווייל אַ זעהר הויכער קאָורט אַנגעשטעלטער האָט זי מיט געוואַלט אַרויסגעשלעפּט פון געריכטס־זאַל, אַרוים דורך דער הויכער טהיר וואָס פיהרט צום געפענגניש.

אַ מערדער.

ער איז געווען דער איינציגער אין דעם געפּאַקטען געריכטס־זאַל, ווען דער אורטייל, האָט זיך געדאַכט, איז וועניג וואָס אַנגעגאַנגען.

דער פּאַרמאַן פון דער דזשורי, אַן אַלטער מאַן, מיט אַ געלער איינגעטרוקענטער הויט אויפ'ן פּנים און מיט טיעף־איינגעזונקענע אויגען, האָט מיט אַ זויערער מינע און ציטערענדער שטימע ערקלערט:

— מיר געפינען דעם אַנגעקלאַגטען שולדיג אין מאָרד ערשטען גראַד!”

אין דער וואַרעמער מאַי־לופט. האָט זיך געפיהלט ווי אַ קאַלט ווינטעל וואָלט דורכגעלאָפען אין דעם געריכטס־זאַל. עס איז געווען אונמעגליך צו בעטראַכטען אַלע פּנים'ער אויף אַמאָל, אָבער אינסטינקטיוו האָט מען געקענט פיהלען די ענדערונג.

און טראָץ דעם. וואָס די נאָהענטע קרובים פון דעם יונגען אַנגעקלאַגטען זיינען פריהער פון קאורט־רום ארויסגעשיקט געוואָרען, האָט זיך דאָך צו ביסלאַך ווי גענומען שטייגען אין דער הויך דאָס ביטערע געוויין פון עטליכע מענשען. וואָס זיינען געשטאַנען ענג גרופּירט אין דעם לינקען ווינקעל פון גרויסען זאַל.

געביטען האָבען זיך די פּנים'ער פון מענער, שטרענגע. האַרטע פּנים'ער האָבען געקראָגען אַ מילדען. אַ רחמנות'דיגען אויסדרוק. און די פרויען האָבען פריי און הויך געוויינט.

זעהר יונג איז ער געווען, דער אַנגעקלאַגטער. קוים נײנצעהן יאָהר אַלט.

זיין קאפּ איז ניט געווען געבויגען און זיין פּנים ניט בעטריבט. דער זעלבער קאלטער, „מיך ארט ניט" אויסדרוק איז געווען אויף זיין ניט מיאוס'ען פּנים, ווי אין די גאנצע צעהן טעג פון פּראצעס. זיינע אויגען זיינען געבליבען טרוקען און זיינע פּלייצעס האבען זיך ניט געטרייסעלט פון געוויין.

מען האט פיעל גערעדט וועגען זיין האלטונג אין דער צייט פון פּראצעס.

מענער, ערפאהרענע אין געריכטס־קרייזען האבען געזאגט, אז ער איז דער אויסגעשפּראכענער טיפּ פון א קאלט־בלוטיגען מערדער, אז זיין האלטונג צייגט ניט קיין ביסעל חרטה, און, אז ער האט דעם פארברעכען בעגאנגען מיט דער אויסגערעכענטקייט פון א אלטען מערדער.

פרויען מיט דעם מוטער־אינסטינקט, האבען געזיפצט און ער־קלעהרט, אז דער אינגעל בעגרייפט ניט די ערנסטקייט פון דעם פארברעכען און דעריבער, און צוליעב זיין יוגענד, דארף מען מיט איהם האנדלען מיט רחמנות.

פארהאנגען מיט א געדיכטען שווארצען שלייער, איז געווען דאס פּנים פון זיין מוטער — די הויפּט־אורזאך פון דעם שרעק־ליכען פארברעכען, מיט פארלעגטע הענד און געבויגענע אקסלען, איז זי געזעסען אין א ווייטען ווינקעל פון גרויסען זאל. און אויב א פרוי האט אמאל געצאהלט פאר זינד, האט ז י ביטער גע־צאהלט, ווען איהר אייגען קינד איז ארויף אויף דעם עדות־שטוהל, און כדי ניט צו בעשמוצען איהר נאמען, האט ער זיך אפּגעזאגט פון פארטיידיגען זיך, טראצדעם, וואס דער טויט מיט דעם שווע־רען שאטען פון עלעקטריק טשער, איז געהאנגען איבער איהם.

קאלט איז ער געזעסען אויף אן עק פון דעם גרויסען עדות־שטוהל און מיט פארקלעמטע ליפּען געשוויגען אויף אזעלכע און עהנליכע פראגעס פון זיין אדוואקאט:

— איז ניט אמת, אז דער פארשטארבענער האט געוואוינט ביי אייך אין הויז עטליכע יאהר, און, אז אייך איז ניט געפעלען געווען זיין צו אינטימע בענעמונג צו אייער מוטער?

קיין ענטפער.

— דערצעהלט אונז וועגען יענער צייט, נאכדעם ווי אייער פאטער איז געשטארבען מיט צוויי יאהר צוריק, ווי איהר האט געבעטען אייער מוטער, אז זי זאל דעם בארדער אוועקשיקען און זי האט זיך ענטזאגט — האט ווייטער געזאגט דער לאיער.

— דערצעהלט אונז וועגען דעם טאג, ווען איהר האט פאר־לאזען אייער מוטער'ס הויז צוליעב דעם.

קיין ענטפער. די דינע ליפען זיינען נאך מעהר צוזאמענגע־פרעסט. דער אדוואקאט איז געווארען מעהר אויפגערעגט און אין א היציגען טאן האט ער געפרעגט:

— און אפשר וועט איהר פארשווייגען אויך יענע סצענע מיט אייער מוטער, וואו איהר האט זיך ביי איהר געבעטען, אז צוליעב די קלענערע קינדער, צוליעב אייערע שוועסטערלאך, זאל זי אוועק־שיקען דעם מאן, וועמעס בענעהמונג בעשמוצט אזוי איהר נאמען ? !

א פערצווייפעלטער האט דער אדוואקאט. וועמען דער יונגער־מאן האט קיין סענט ניט געצאהלט, א מאך געטהאן מיט די הענט און מעהר קיין פראגעס ניט געשטעלט.

די גאנצע צייט האט ער געשוויגען און געקוקט פאר זיך. איינ־מאל האט ער א קאלטען בליק געווארפען צו זיין מוטער, דאן האט זי שנעל צוריקגעווארפען איהר שלייער, מיט געבעט אויסגעשטרעקט איהרע הענט און געקוקט א שטומע, אויף איהם, אבער זיין איינ־ציגער ענטפער איז געווען א שטארקער בליק, פול מיט פעראכטונג.

און דער דיסטריקט אטורני האט מיט א פרייער האנט גע־פיהרט די קלאגע נעגען איהם. זיינע עדות זיינען געווען גאנץ ווילענדיגע, עס איז איהם ניט שווער געווען צו בעווייזען, אז דער יונגערמאן איז עטליכע טעג פאר דעם מארד צוריקגעקומען אין זיין מוטער'ס הויז, האט זיך בענומען, ווי ער וואלט געווען דער בעס־טער פריינד פון דעם „בארדער" און, אז ביינאכט, ווען אלע האבען

געשלאָפען. האָט ער איהם מיט אַ שאַרפען ברויט־מעסער ערמאָר־דעט!

אַז ער האָט דעם מעסער אַליין געלאָזט שלייפען, און, אַז ער האָט דעם מאָרד געפּלאַנט.

דער יונגערמאַן איז געבליבען קאַלט און שטום, און די דזשורי האָט געזאָגט: „שולדיג!“



„פּאפּא איז א באָם“.

עס שטעהען א גרופּע אידישע פרויען און פּרעהען זיך.

פרייד — אין די קרימינעלע קאורטס איז א זעלטענע זאך, איבערהויפּט ביי פרויען. מען זעהט דארט פרויען וויינען, מען הערט זיי יאָמערען מיט ווילדע קולות, אפט פאלען זיי אוועק אין חלשות, ווען זייערע ליעבע ווערען פעראורטהיילט. זעלטען אבער זעהט מען זיי שמייכלען — פרעהען זיך — אין דער געביידע פון זיפצען און טרעהרען.

— איהר זייט צופריעדען? — פרעג איך זיי ווען אוים־געפינען וואס עס מאכט זיי אזוי גליקליך.

— צופריעדען? געוויס צופריעדען, — ענטפערט מיר אן על־טערע פרוי.

— וואו איז, ס׳איז איהם אפשר ניט געקומען? — פרעגט א מאגערע אלטע פרוי, — עהרליך פערדיענט!

— געוויס — גיט צו די ערשטע — אזא באנדיט! מ׳האט איהם אבער געכאפּט.

— ס׳איז שוין די העכסטע צייט ער זאל בעקומען זיינס! — זאגט ווידער די צווייטע — דריי לאנגע יאהר ווי ער האט איהר פערלאזען און מ׳האט פון איהם קיין איין ווארט ניט געהערט. פון געלד איז שוין אפגערעדט, איך מיט מיין אלטעטשקען מוזען זיך אזוי שטארק פּלאגען אויף אונזערע אלטע יאהרען און זיין פרוי און קינד ערנעהרען.

— זי איז דאך אייער טאכטער — זאגט א יונגע פרוי.

— נו איז וואס? — פרעגט די אלטע אויפגערעגט, חתונה געהאט, זאל איהר דער מאן סופארטען און אויב ניט, זאל ער געהן אין פריזאן! „ניט אזוי״? פרעגט זי ביי א יונגער צארטער פרוי וועלכע שטעהט אויך צווישען דער גרופע און האלט ביים האנד א מיידעלע פון א יאהר פיער.

— יעס, זאגט די יונגע פרוי פערבייסענדיג די ליפען.

— ביזט טאקע אמת צופריעדען, מערי? — פרעגט אן עלטערע פרוי.

— וואס דען ניט? — רעדט ווידער איהר מוטער, און מערי שווייגט... ווייניג צרות זיך פון איהם אויסגעליטען? איהם אוועק־געגעבען די פאר הונדערט דאלאר, עס האט דאך איהר גענומען עלף יאהר דאס צוזאמען צו סייפען! און ווי לאנג האבען זיי דען געוואוינט צוזאמען? ניט צומאהל א יאהר, איך האב איהם אבער געפיקסט, דאס קינד האט ער געוואלט זעהן, א מכה! איך האב איהר שוין גוט אויסגעלערענט, זאג לילינקע וואס איז דער פאפא?

דאס קליינע מיידעלע הויבט אויף דאס קעפעלע, און קוקענדיג אויף דער באבען ענטפערט זי בייז: — אין פריזאן, פאפא איז א באם!

די פרויען צולאכען זיך. מערי הויבט אויך אן צו לאכען, באלד שפארט זי אבער אן דעם קאפ אין וואנד און ברעכט אוים אין א ביטער געוויין...

די סטאטוע.

יט אז אומעטיגע בליק האט זיך דער יונגער אנגע־קלאגטער ארומגעקוקט אין קאורט רום, לאנגזאם האבען זיינע אויגען זיך געווענדעט צו דעם הויכען פענסטער, ווי ער וואלט עפעס געזוכט אין דעם גערי־כטען הערבסט־רעגען.

די שטימונג אין געריכטס־זאל איז היינט געווען אז אומעטיגע. אפילו די ווייסע בלום אין לאץ פונ'ם אלטען דיסטריקט אטוירני, איז היינט געווען א פערוועלקטע. און עס איז נאך געווען גאר פריה. עפעס האט דער געלער פנים פון אנגעקלאגטען מיט די איינגעפא־לענע באקען און מיט דעם נערוועזען מויל, וועלכער האט זיך יעדע עטליכע סעקונדען שנעל, שנעל בעוועגט, אנגעווארפען א מרה־שחורה אויף די אנוועזענדע.

בעשולדיגט איז ער געווען אין גנבה, און דער הויפט בעוויז נעגען איהם איז געווען א סטאטועטקע פון ווענוס, די געטין פון שעהנהייט.

אונטער געוועהנליכע אומשטענדען ווען דער גנב איז א גע־זונטער, וואלט מען איז געריכטס־זאל געהערט פערשיעדענע וויצען איבער איינעם וואס גנב'עט נאר א סטאטועטקע פון ווענוס. אבער איין בליק אויף דעם נערוועז־צודרעהטען פנים, און דער שמייכעל בלייבט א פערגליווערטער.

די קלאגע איז געווען קלאהר. ער איז אריין אין א גרוים גע־שעפט און מיינענדיג אז קיינער זעהט ניט, האט ער אונטער זיין ראק בעהאלטען די ווייסע מארמארנע געטין פון שעהנהייט. מען

האט אבער יא געזעהן. ער איז ארעסטירט געווארען. עדות נאך עדות האבען דערצעהלט וועגען זיין פערברעכען. ענדליך איז גע־קומען די צייט ער זאל זיך פערטיידיגען. קיין עדות האט ער ניט געהאט און אליין האט ער געשוויגען, קיין ווארט ניט ארויסגערעדט. מיט א טיעפען שטארען בליק האט ער געקוקט אויף די קינסטלע־רישע ווייסע פארמען.

„ווילט איהר, אז די קלאגע געגען אייך זאל איבערגעגעבען ווע־רען צו דער דזשורי אהן א פערטיידיגונג?" האט געפרעגט דער ריכטער.

דער יונגערמאן האט זיך א כאפ געטהאן ווי פון שלאף. מיט א שמערצליכער מינע האבען זיך זיינע אויגען אבגעריסען פון דער ווייסער ווענוס. שנעל, שנעל האט געטאנצט דער נערוועזער מויל, און מיט נאכלעסיגע טריט איז ער ארויף אויף דעם וויטנעס־סטענד.

זיין שטימע איז געווען א קלארע און זיין נעלע, כמעט דורכ־זיכטיגע האנט האט לייכט געציטערט. ווען ער האט אויפגעהויבען די ביבעל און געשווארען צו דערצעהלען דעם אמת.

„דערצעהלט צו וואס איהר האט גענומען די סטאטוע? — האט געזאגט דעם יונגענמאנ'ס לאיער.

„איך דענק ס'איז בעסער ניט צו דערצעהלען". האט ער מיעד געענטפערט.

„דערצעהלט, ס'וועט אייך העלפען".

„ס'ארט מיך ניט". האט ער ווידער מיעד געענטפערט און שנעל, שנעל האט געטאנצט דאס מויל.

„אבער אייערע לונגען! איהר וואלט דאך געוויס ניט פער־שיקט ווערען אין א פריזאן אין אזא צושטאנד, ווי איהר זייט".

„פארוואס ניט? דארט וועט זיך ענדיגען דער קאמפף, דארט וועל איך האבען וואס צו עסען".

פערצווייפעלט האט דער לאיער א מאך געטהאן מיט'ן האנט און זיך אוועקגעזעצט.

„איהר גיט צו, אז איהר האט גע־גנב'עט די סטאטוע, טא פאר־

וואס ערקלעהרט איהר זיך ניט שולדיג? — האט געפרעגט דער אל־טער דיסטריקט אטוירני מיט דער פערוויאגעטער ווייסער בלום.

„ווייל עפעס פיהל איך זיך ניט שולדיג, איז געקומען דער מיעדער ענטפער.

„דערצעהלט אונז יונגערמאן, פאר וואס עפעס האט איהר גראדע געגנב'עט די סטאטוע פון ווענוס?" האט געפרעגט דער ריכטער.

„ווייל דאס איז מיר שטארק ליעב, ווייל זי וועקט א ים פון עראינערונגען אין מיר".

„דערצעהלט אונז וועגען דעם". האט געזאגט דער ריכטער מיט אונגעוועהנליכען אינטערעס.

„ס'ווילט זיך ניט אריינברענגען דאס טייערסטע, דאס ליעב־סטע אין א זאל פון גערעכטיגקייט, וואו די גערעכטיגקייט אליין ווערט אמאל בלינד... איבריגענס, ס'איז שוין אלעס טויט...

„מעגט איהר דאך גענויס וועגען דעם רעדען און פערגעסט ניט, איהר לעבט דאך, איהר דארפט זיך פערטיידיגען". האט איהם געבעטען זיין אדוואקאט.

א ווייל'ע האט ער אומעטיג געקוקט פאר זיך, דאן האבען די אויגען אוועקגעוואנדערט צו דער ווייסער סטאטועטקע, א ווייל'ע שטודירט די געטליכע שעהנע גליעדער. דער בליק איז געווארען ווארימער, און ווי פער'חלומ'ט מיעד האט ער דערצעהלט:

„נאך אלס קינד איז א מיעדקייט געלעגען אויף מיר, א מיעד־קייט, וועלכע איך האב ביז היינט פון זיך ניט געקענט אראב־ווארפען. איך האב ליעב געהאט צו חלומ'ען. מיין פאטער איז געווען א דאקטאר. ביי אונז אין ווארט־זאל איז געווען א קליינע סטאטועטקע פון ווענוס. אט די סטאטועטקע איז געווען מיין געליעבטע. אלע מיינע קינדערשע צרות פלעג איך אוועקלעגען צו איהרע ווייסע פיס. און מיר האט זיך דאן אויסגעוויזען, אז זי פערשטעהט מיך. אז איך בין ניט ווילענדיג פערמישט געווארען אין א געשלעג מיט אינגלאך, האב איך זיך נאר געדארפט עראינערען אן איהר פנים און איך בין געבליבען שטעהן, זיך ניט געשלאגען".

דער מויל האָט עטליכע מאָל אַ טאַנץ געטהאָן, ער האָט טיעף אָבגעזיפצט און שטיל פאָרטגעזעצט:

„דאָס זיינען געווען גליקליכע יאָהרען. אָבער באַלד זיינען זיי פערשוואונדען צוזאַמען מיט דער סטאַטוס, מיט מיין געליעבטער וועננום. מיין פאָטער איז געשטאָרבען און זייענדיג אַ גוט־האַרציגער דאָקטאָר, איז ער געווען און געשטאָרבען אַן אָרימאַן.

„אויסגעוואַקסען בין איך ניט דאָס, וואָס מיין מוטער האָט געהאָפט. איך בין געווען עפּעס צו מיעד צו ערפילען איהרע האָפנונגען. און דאָן, דאָן איז ז י ערשינען, אויך אַ וועננום, אָבער דאָס מאָל אַ לעבעדיגע. איהרע פיס זיינען אויך געווען ווייס אָבער זיי זיינען געווען וואַרעם און די הענט זיינען ניט געווען אָבגעהאַקטע. הייסע, לעבעדיגע הענט זיינען זיי געווען".

אויף אַ ווײַלע האָט ער פערמאַכט די אויגען און די נעקסטע ווערטער האָבען געקלונגען ווי אַ זיפץ.

„אָבער מיין נאַמור איז געווען אַ צו מיעדע. איך האָב ניט געקענט שאַפען אַלעס וואָס זי האָט פערלאַנגט, איז זי אַוועק. און דערנאָך? דערנאָך זיינען געקומען פינסטערע טעג. חלומות, וועלכע איך האָב געקויפט אין אַ דראָג סטאָר. די חלומות זיינען געווען גוטע ביז איך האָב געהאַט געלט. דאַן האָבען זיי מיר געטריבען גנב'ענען... איך בין אַוועק אין סטאָר און האָב דערזעהן די וועננום, איך האָב זיך פערשעהמט פאַר איהר... איך האָב זי מיט זיך גענומען... איך האָב גע'גנב'עט.

לאַנג האָט זיך די דזשורי בעראַטען, ענדליך האָבען זיי איהם ערקלעהרט „שולדיג" בעטענדיג דעם ריכטער ער זאָל זיין באַרמהערציג צו איהם.

דער ריכטער האָט איהם פערשיקט אין אַ געפענגניש פאַר שוויינדזיכטיגע.

דאָס מויל האָט שנעל, שנעל געטאַנצט. אָבער די אויגען האָבען מיט אַ שמייכעל צוגעשיקט אַ וואַרימען „זיי געזונט" צו זיין געליעבטער וועננום.

שוועסטער געגען שוועסטער.

עס האט זיך געהאנדעלט בלויז אום צוויי און צוואנ־ציג דאלאר.

די זיבעצעהן־יעהריגע מיידעל איז געשטאנען פאר דעם ריכטער א פערשעמטע, מיט אן אראב־געלאזענעם קאפ.

דער ריכטער איז געווען א נייער און א יונגער. ער איז נאך ניט געווען באקאנט מיט די ביטערע זייטען פון לעבען. ער האט ווייניג פארשטאנען שלעכטע מענשען. איהם האט זיך געוואלט אויסבעסערען די גאנצע וועלט...

אויף דעם עדות שטוהל איז געזעסען די קלעגערין — א פרוי נאהענט צו מיטעליעהריגקייט. איהר פנים איז געווען פול מיט הארטע, פאר'עקשנ'טע ליניעס. איהרע קליינע, שטעכיגע אויגען האבען מיט כעס געקוקט אויף דער צעשראקענער מיידעל.

— וואס איז אייער קלאגע? — האט געפרעגט דער ריכטער.

— זי איז א גנב'טע, יור האנאר!

— איהר קענט זיך?

— יא, זי איז מיין שוועסטער, יור האנאר!

— אייער שוועסטער?! — האט איבערראשט געפרעגט דער ריכטער.

— יא. צום באדויערען!

די פרוי האט גערעדט קאלט און מיט פארדרוס. איהרע ליפען זיינען געווען פעסט צוזאמענגעפרעסט, און יעדער ווארט איז ארויס־געקומען ווי א פולווער־שאס.

— און איהר פארקלאגט זי איז גנבה? — האט דער פאר־וואונדערטער ריכטער ווייטער געפרעגט.

— זי האט ביי מיר גע׳גנב׳עט.

— וואס?

— צוויי און צוואנציג דאלאר, יור האנאר!

— און צוליעב אזא סומע מאכט איהר פון אייער אייגענער שוועסטער א גנב׳טע?

— איך מאך פון איהר? זי האט פון זיך אליין געמאכט!

— ווי מיינט איהר?

— אז מען נעהמט געלד, וואס בעלאנגט צו א צווייטען, איז מען ניט א גנב? — האט זי קאלט געפרעגט.

— עס ווענדט זיך אין די אומשטענדען — האט דער יונגער ריכטער אין א סימפאטישען טאן געענטפערט.

— איך וויל זיך ניט רעכענען מיט די אומשטענדען. זי האט ביי מיר גע׳גנב׳עט, וויל איך זי זאל באשטראפט ווערען — האט זי שטרענג געענטפערט.

— און צוליעב צוויי און צוואנציג דאלאר? —

— ביי מ י ר איז דאס א גרויסע סומע! — האט זי מיט ביטערקייט אונטערגעבראכען דעם ריכטער. — אין אייערע אויגען קאן צוויי און צוואנציג דאלאר זיין בלויז קליינגעלד; מ י ר האט עס גענומען באלד צוויי יאהר דאס אפצושפארען!

— אבער וואדום? — האט נאאיוו געפרעגט דער יונגער ריכ־טער.

די פרוי האט זיך ביטער צולאכט.

— ווארום? ווייל איך האב ניט אויף דעם נויטיגסטען. איך מוז רויבען פון מיינע קינדער, זאגען ליגען צו מיין מאן, אום איך זאל קאנען אפשפארען עטליכע סענט א וואך. ווארום האב איך עס געשפארט? מיין מאן איז ניט זעהר א גוטער. ער האט ליעב צו געניסען אביסעל פון ביטערען טראפען און ער וויל ניט וויסען אז עס קלעקט ניט. מען קאן קיינמאל קיין סענט ניט אפרייסען. ער מוז האבען וואס עס פארווילט זיך איהם, שוין א לענגערע צייט

אז איך פיהל, אז מיינע צייהן ווערען פארדארבען. צו איהם קאן איך אפילו ניט אויסריידען קיין ווארט וועגען דעם. אין אנהויב האב איך אויף דעם געקלאגט, און שפעטער האב איך זיך בארע־בענט, אז דאס וועט מיר ניט העלפען; איך מוז זיין שטארק, אום אויסצוהאלטען די צרות. און מיט פארדארבענע צייגער קאן מען דאך ניט זיין שטארק, טא האב איך זיך גענומען שפארען פענים.

דער יונגער ריכטער האט ארויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער. עפעס האט די פרוי גערעדט פון אזעלכע וואכעדיגע זאכען: „קאן ניט אויסקומען", „דער ביטערער טראפען", „צייהן" — אין דעם אלעם פעהלט דאס דראמאטישע... מען קאן איבער די זאכען ניט האלטען קיין ריהרענדע רעדע, וואס די צייטונגס־שרייבער זאלען באזינגען.

— און איצט? — האט ער געפרעגט, באהאלטענדיג א געגעץ.

אבער איידער די פרוי האט געקאנט ענטפערען, האט זיך דאס אנגעקלאגטע מיידעל הויך און קוויטשיג צעוויינט.

דער ריכטער איז געווארען אביסעל לעבעדיגער. און באלד האט ער טאקע גענומען ריידען זעהר ריהרענד:

— איצט קומט איהר אהער און ווילט, איך זאל אייער שוועסטער פארשיקען אין געפענגניש? ווי קאן דאס אייער הארץ פער־טראגען?

— אבער מיינע צייהן...

— וועמען ארט אייערע צייהן?! — האט ער זי שטרענג אונ־טערבראכען — צוליעב אייערע צייהן ווילט איהר מאכען פון דער מיידעל אן אמת'ע פארברעכערין? ווייסט איהר, מיט וועמען זי וועט זיך באגעגענען אין געפענגניש? ווייסט איהר, ווער עס וועלען זיין איהרע חבר'טעם? ווייסט איהר, וואס זיי וועלען פון איהר מאכען?! זי איז דאך נאך אזוי יונג, בלוט און מילך, און — וואס איז די הויפט זאך — זי איז דאך אייער אייגען בלוט, אייער אייגענע שוועסטער פון איין פאטער און מוטער, ווי קאנט איהר עס איך פרעג אייך!

— פארוואס האט זי ביי מיר גע'גנב'עט?!

דער ריכטער האט בעטראכט דאס מיידעל, און שטיל געפרעגט:
— פארוואס האט איהר ביי איהר גע׳גנב׳עט?
— ווייל, ווייל, איך האב ניט געארבייט שוין די פערטע וואך. כ׳האב איהר געמוזט צאהלען בארד און כ׳האב פאר איהר מורא געהאט — האט דאס מיידעל געכליפעט, באהאלטענדיג דאס פנים איןביידע הענט.
דער ריכטער איז געווארען זעהר אויפגערעגט. טייטלענדיג מיט א פינגער אויף דער פרוי האט ער געשריען:
— שעמען מעגט איהר אייך! דאס ארימע קינד האט בלויז גע־נומען דאס געלד, אום זי זאל אייך קאנען צאהלען בארד, און איהר קומט אהער און פארקלאגט זי! איהר ווילט זי ווארפען אין גע־פעננגניש, מאכען פון איהר אן אייביגע פארברעכערין!
— זי האט מיר מורא געהאט אויסצוזאגען, אז זי האט נים קיין דזשאב, הא? זאל זי זיך ווייניגער פוידערען און ווייניגער שעהנע בלוזקעס קויפען, וועט זי האבען געלד אויף בארד! — האט די פרוי אויפגערעגט געשריען.
— איהר זעהט, יור האנאר? אזוי שרייט זי כסדר אויף מיר. עס פארדריסט זי וואס איך בין יונג — האט דאס מיידעל געזאגט, ווערענדיג פרייער.
דער ריכטער האט ווי צומישט געקוקט פון איין שוועסטער צו דער צווייטער. עס איז איהם געווען אומבאקאנט די פסיכאלאגיע פון דער עלטערער פרוי. ער האט ווייניג פארשטאנען איהר ביטער־שלעכטע צייהן. ער האט מעהר סימפאטיזירט מיט דער יונגער מיידעל, ער איז אויך געווען יונג...
און דאריבער, נעגען די פראטעסטען פון דער עלטערער, האט ער באפרייט דאס מיידעל און זי געשיקט אהיים.

די פערשטויסענע.

ענטשולדיגט — הער איך די הייזעריגע שטימע פון א פרוי, וועלכע איז מיט שטילע, קוים הערבארע טריט צוגעטראָטען צו מיין דעסק.

אַרויף קוקענדיג פון מיין ארבייט, האָב איך דערזעהן פרוי מ.— נומער איינס, וועמעס מאַן איז מיט עטליכע טעג צוריק פערשיקט געוואָרען אין פריזאָן, אויף א יאהר, פאַר האָבען צוויי פרויען.

— איך בין אייך געקומען בעטען אַ טובה, — זאָגט די פרוי רוקענדיג זיך נעהענטער — איהר ווייסט דאָך שוין איך בין זעהר אַ קראַנקע פרוי, מיינע צוויי קינדערלעך זיינען אויך ניט געזונד. וואָס וועל איך יעצט טהאָן? — און טרעהרען נעהמען זיך גיסען אויף איהרע פערלאָשענע באַקען, אויף די דינע פאַרבלאָזע ליפען, און איהר פנים נעהמט באַלד אַן אַן אויסזעהן פון אַן אַלטען אויס־געדריקטען שוואָם.

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט — נעהם איך צו איהר ריידען, אָבער זי שלאָגט מיר איבער:

— איך וויים וואָס איהר ווילט זאָגען, וועגען די טשאַריטיעס? עט, לאָזט מיר אָב, אַ סך וועלען זיי פאַר מיר טהאָן. מיט'ן רענט וועל איך שוין גליקליך ווערען? וואָס וועלען מיינע קינדער עסען?

— האָב איך אייך דאָך געבעטען איהר זאָלט האָבען געדולד, איך וועל טרייען.

— וואָס מיר טרייען, — האַקט מיר ווידער איבער די פרוי, אַן אויפגערעגטע — ווען וועט איהר טרייען? פון געדולד רעדט איהר — מיינע קינדער ווילען עסען און ניט געדולד.

דא ווער איך שוין אויך אביסעל אויפגערעגט, וואס האט זי צו מיר? אבער איך עראינער מיך אז דעם זיסען בלאנדען איינגעלע וואס זי האט געהאלטען אויף די הענד, און דאס חן'עווריג מיידעלע וואס האט מיר אזוי שעהן בעדאנקט, ווען איך האב איהרע טרעהרען געווישט (זי האט געהאלפען איהר מוטער וויינען, ווען מען האט איהר פאטער פערשיקט).

— און נאך א זאך — נעהמט זיך די פרוי ווידער צו מיר, — איך בין דאך ביי איהם געווען, ווייסט איהר כאטש וואס מ'האט מיר געזאגט? ער וויל מיך ניט זעהן! יענע, וויל ער, זאל מען צו איהם צולאזען! ווי געפעהלט אייך דאס? אזא אויסוואורף, אזא פערדארבענע פרוי! איהם, זעהט איהר, בעשולדיג איך גאר ניט, דאס האט זי איהם אזוי דעם קאפ פערדרעהט; מאלי, מאלי, זאגט ער, מעג צו איהם קומען! ברעכען זאל זי א פוס איידער זי וועט געהן! איך בעט אייך, איהר קענט עפעס אזוי פיקסען מען זאל זי ניט צולאזען?

— איך וועל זעהן — נעהם איך זי בערוהיגען.

— איך בעט אייך זעהר, ווארום דאס יאהר וועט אוועקפליהען, און ער וועט זיך מיט איהר ווידער פערשלייערען, וואס וועט דאן זיין?

זי טראכט א ווײלע, וואהרשיינליך, נאכדענקענדיג וואס נאך זי זאל מיר בעטען.—איך בעט אייך זעהר, פערגעסט ניט. איך בין אזוי אומגליקליך מיט מיינע צוויי קליינע קינדער, איך בין א קראנקע פרוי — און ווידער נעהמט זי מיר אויסדערצעהלען איהרע צרות, אין א מאנאטאנער שטימע ניט פערפעהלענדיג איין ווארט פון דער טרויעריגער געשיכטע, מיט וועלכער איך בין שוין פון פריהער גוט בעקאנט.

— מיין מאן פלעגט געהן לופט שעפען צום דאק, ער איז א שוואכער. ער פלעט מיטנעהמען די קינדער, ער האט זיי זעהר ליעב געהאט, ביז זי האט איהם דעם קאפ פערדרעהט, די באמערקע. זי פלעגט קויפען די קינדער פרעצעלס און מילך און איהם פלעגט זי האדעווען מיט גוטע רייד, און מיט חן'דעלעך... ווי אזוי

ער האָט מיר איהר חתונה געהאַט פערשטעהע איך נאָך אַלץ ניט, סיידען עס איז געווען אַ טאָג וואָס ס'איז בעפאַלען די שלעכטע קראַנקהייט. איהר ווייסט? — צוביינגענדיג זיך נעהנטער צו מיר — ער ליידט דאָך פון דער פאַליגע. ווען דאָס קומט אויף איהם אָן, ווייסט ער גאָר ניט וואָס עס טהוט זיך מיט איהם, ער איז ניט שולדיג, איך ווייס.

איך הער אוים די פרוי, און בעוואונדער איהר שטאַרקען גלויבען אין איהר מאַן דעם „ביגאַמיסט“.

זי הויבט זיך שוין אַן געזעגענען, אָבער פון טהיר קעהרט זי זיך ווידער אום אַן אויפגערעגטע.

— כ'האָב גאָר פערגעסען, איהר האָט דאָך וועגען דעם גאָר ניט געשריעבען אין פּייפּער? — פאָדערט זי פון מיר אַ בייזע.

— איך האָב יאָ געשריבען, נאָר עס איז ניט אריין — נעהם איך מיך פערענטפערען.

— וואָס הייסט ניט אריין? נעוועך מיין, ווען איהר ווילט איז דאָס שוין געדרוקט, — זאָגט זי מיט פאַרוואורף.

— איהר דענקט עס איז זעהר שעהן פאַר אייך, אָדער פאַר די קינדער, אַז די וועלט זאָל וויסען דאָס?

— געוויס זאָל די וועלט וויסען, — ווערט זי ווידער בייז, — זאָל מען וויסען וואָס פאַר אַן אויסגעלאָסענע פרוי זי איז, וואָס פאַר אַ באַמערקע!

און אַזוי רופט זי ווידער אוים מיט טויזענדער שימפף ווערטער איהר מאַן'ס צווייטע בעשערטע.

— איהר וועט שרייבען? איך בעט אייך שרייבט אַלץ.

— שרייבען, שרייבען — פערשפּרעך איך איהר, ענדליך פערמאַכענדיג די טהיר נאָך איהר.

„מאשקע טיגער“

אלע האבען איהם גערופען אלס „מאשקע טיגער“.

און ווען זיין פראצעס האט זיך גערארפט אנ־הויבען, האט איך מיט אונגעדולד געווארט צו זעהן דעם בעוואוסטען פערד־סם'ער, וועלכער האט געקרא־גען זיין צו־נאמען, ווייל ער איז געווען שרעקליך שטארק.

אין געריכט האבען איהם אריינגעפיהרט די צוויי גרעסטע און שטארקסטע בלאה־רעקיגע אנגעשטעלטע, און פון זייער אונאויפ־הערליכען קוקען אויף איהם, האט מען געקענט זעהן, אז קיין גוטס ערווארטען זיי ניט פון איהם.

מיט פעסטע טריט איז מאשקע אריינגעקומען אין געריכטס־זאל. זיינע שטעכיגע אויגען האבען אבגעמאסטען דעם ריכטער, ווי ער וואלט וועלען אריינדרינגען אין די געדאנקען, וואס זיינען בעהאלטען אונטער די גראהע האאר.

ווי א גוט חדר־אינגעל האט ער זיך גראד אויסגעצויגען און אוועקגעזעצט זיך אויף דער אנקלאגע־באנק.

און ערשט דאן, ווען זיינע אויגען האבען גענומען ארומוואנ־דערען איבער דעם געפאקטען געריכטס־זאל, האט מען געקענט זעהן ווי מאדנע שטעכיג זיי זיינען. מאדנע אויגען האט ער גע־האט, גרויסע, טיעף־שווארצע, דאס ווייסעל אפילו האט געווארפען מיט בלאהליכער שווארצקייט. שעהנע אויגען וואלטען זיי געווען, אבער דער שטעכיגער בליק האט צושטערט זייער שעהנקייט.

זיין פנים איז ניט געווען ווי דער פנים פון א טיגער, פער־קעהרט, עס איז געווען א שעהנער פנים פון א שטארקען מאן.

קלאגעם זיינען נעגען איהם געווען אפשר צעהן. ער האט געסמ'ט פערד פאר געלד.

אויב א ביזנעסמאן האט געהאט א קאנקורענט און איהם גע־וואלט אבטהאן א שפיצעל, איז ער אוועק צו „מאשקע טיגער„ און אבגעמאכט א פרייז ,פאר וועלכען מאשקע פלעגט איינגעבען עט־ליכע „פילעכלאך“ צו די עטליכע פערד, און אויף מארגען האט דער קאנקורענט געטראפען זיינע פערד קאלטע, פערגיפטעטע.

ווען עס איז געלונגען דעם דיסטריקט אטוירני צו כאפען מאש־קע'ן, איז ער געווארען שטארק „ביזי“, און ער איז געווען זיכער, אז דא ליגט פאר איהם א גרויסער „דזשאב“.

און דורך מאשקע'ן האט ער גענומען זוכען יענע, וואס פלעגען מאשקע'ן דינגען. זיי האט ער זעהר געוואלט בעשטראפען. ער־שטענס, ווייל דא וועט דאס געזעץ דערלאנגען גערעכטע קלעפ, און צווייטענס, און דאס איז געווען זעהר וויכטיג — דער דיסטריקט אטוירני איז געווען יונג, פול מיט אמביציע, און אויב ער זאל קע־נען מאכען מאשקע'ן צו ריידען, וואלט עס איהם, דעם דיסטריקט אטוירני, ארויסגעהאלפען אין זיינע פאליטישע האפנונגען...

און שווער האט ער געארבייט צו מאכען מאשקע'ן רעדען: יעדען טאג האט מען מאשקע'ן געשלעפט פון געפענגניס אין אפיס פון דיסטריקט אטוירני, יעדען טאג האט ער אבגעהאלטען דעם פער'עקשן'טען מאשקע'ן שטונדען לאנג, איהם געפרעגט אויף פערי־שיעדענע אופנים, ווער די אנדערע שולדיגע זיינען, אבער מאשקע האט געשוויגען.

מאשקע איז געבליבען אן עקשן.

ווי מיסטעריעז זיינען עס געוויסע מאראלע געפיהלען פון געוויסע מענשען. מאשקע, דער פערד־סם'ער, מאשקע, וועלכער איז פאר א פאר שמוציגע דאלאר אוועק אין דער פינסטערער שטיל־קייט פון דער נאכט, אין א פרעמד הויז, אנגעכאפט די ווארעמע קערפערס פון פרעמדע פערד, אויפגעמאכט מיט גוואלד זייערע מיילער, און זיי איינגעגעבען גיפט — אט דערזעלבער מאשקע האט פעסט פערמאכט זיינע פולע, בלוי'ליכע ליפען און געשוויגען.

ניט פערראטען יענע, וועלכע האבען איהם צוליעב זייער געלד־לוסט געשיקט אויף אזא פערברעכען.

און דערפאר, איצט, ביי מאשקע'ס פראצעס, האט זיך דער דיסטריקט אטורני נוקם געווען אן מאשקע'ן. עדות נאך עדות האט ער גערופען, וועלכע האבען געגעבען שרעקליכע, פערדאמענדע בעווייזע.

און דער יונגער דיסטריקט אטורני האט געוואוסט ווי אזוי זיך צו בענוצען מיט די בעווייזע, ווי אזוי ארויסצוברייגען דאס בעסטע און צו פערשטופען דאס שלעכטע.

און מאשקע איז געזעסען א גראדער, א הויכער, מיט בריינע פלייצעס און פערפרעסט די ליפען. אינטערעסאנט זיינען געווען זיינע אויגען. ווי גרינליכער שטאהל האבען זיי געגלאנצט און געשטאכען.

א שטילער דועל איז אנגעגאנגען צווישען דעם שטארקען מאשקע און דעם געבילדעטען אדוואקאט. אזוי שטרענג, אזוי קאלט האט מאשקע געקוקט ארום זיך. ער האט ניט אויסגעזעהן ווי א געפאנגענער טיגער, וואס שטופט דעם קאפ דורך די גראטעס פון שטייג, ניין, ער האט אויסגעזעהן פריי און שטאלץ.

זיין פערטיידיגונג איז געווען שוואך. ער האט עס געשיינט צו וויסען, אבער דער אויסדרוק אויף זיין פנים איז געבליבען דער־זעלבער.

בלויז איין מאל האט זיך דער אויסדרוק געביטען, און דאס איז געווען, ווען א נידריגע העל־בלאנדע פרוי, מיט זעהר א שעהן כמעט קינדעריש געזיכט און מיט צוויי קליינע אינגלאך ביי איהר זייט, איז אריינגעקומען אין קאורט־רום. דאן איז די שטאלענע קאלט־קייט פון זיינע אויגען פערשוואונדען, א ווארימע פארב איז פער־לאפען זיין אליווען־ברוינע הויט. דער אויסדרוק פון פנים איז געווען א מילדער, כמעט א צערטליכער.

די בלאנדע פרוי האט געשמייכעלט. געזוכט א פלאץ, געפונען אין לינקען ווינקעל אויף דער דריטער באנק. זי האט זיך ניט אוועקגעזעצט ביז זי איז ניט געווען זיכער, אז פון דארט וועט

זי איהם קענען גוט זעהען. מיט א צופריעדענעם שמייכעל האט זי אוועקגעזעצט די צוויי קליינינקע אינגעלאך און דאן האט זי גע־קוקט און געקוקט אויף מאשקע'ן.

מען האט געהאלטען רעדעס. דער דיסטריקט אטוירני האט מיט שרעקליכע ווערטער געמאהלען דעם געפעהרליכען פערברע־כען, וואס מאשקע האט בעגאנגען.

און מאשקע'ס אדוואקאט האט געריהמט מאשקע'ן, איהם גע־הויבען ביז אין הימעל אריין, ווייל ער איז ניט קיין מסור און דערצעהלט ניט וועגען יענע אנדערע.

און די דזשורי האט געזאגט: „שולדיג!"

א הויכער, כמעט שטאלצער איז מאשקע געשטאנען פאר זיין ריכטער. דער אלטער ריכטער האט לאנג גערעדט. ער האט אנ־געצייגט דעם „טיגער" ווי ליכט ער וואלט זיך געקענט ראטעווען פון א לאנגען טערמין געפענגנים, ווען ער זאל איבערגעבען זיינע חברים אין די הענד פון געזעץ. מאשקע האט געשוויגען.

און דער ריכטער האט שטרענג געזאגט: „צעהן יאהר שווערע ארבייט אין סינג סינג".

קיין איין מוסקול האט זיך ניט געריהרט אויף דעם שטארקען פנים פון „מאשקע טיגער", בלויז די אויגען זיינען געווארען מעהר שטאלץ, מעהר שטעכיג.

און ווען ער האט דערהערט דאס שטילע וויינען פון דער ניד־ריגער בלאנדער פרוי איז די שטרענגקייט פון זיין פנים ווי צו־שמאלצען געווארען, דער בליק איז געווארען מילד, צערטליך, און די קליינע פרוי האט אבגעווישט די טרערען מיט אן ארבעל און ליעבליך געשמייכעלט צו איהם.

א מוטער.

עס איז געווען א שטיקענדער יוני נאכמיטאג. עס איז ערשט געווען אנהויב זומער, אבער מען האט שוין געפיהלט די שרעקליכע שטאדטישע היצען. פון וועלכע מיר ליידען אזוי פיעל. מעהר ווי אין גאס האט מען געפיהלט די היץ אין געריכטס־זאאל. די ראלעטען זיינען געווען ארונטערגעצויגען, די עלעקטרישע פענס האבען זיך געדרעהט, מען האט געהערט זייער ברומען, אבער די קינסטליך געמאכטע לופט האט ווענינ געהאלפען. אין דעם געפאקטען געריכטס־זאל האט מען כמעט געקאנט אנטאפען די היץ.

און ניט קוקענדיג אויף דער היץ איז אין געריכט־זאל דאך געווען געפאקט. פאר די, וואס ארבייטען אין אזא הייסען טאג, דאכט זיך שטענדיג אויס, אז ווען זיי וואלטען נאר געהאט צייט, וואלטען זיי געלאפען זוכען לופט ערגעץ־וואו. איך קאן עס קיינמאל ניט פערשטעהן, ווי מענשען קאנען אזוי נאכגעבען זייער נייגעריגקייט? אפילו אין אזא הייסען טאג שטופען זיי זיך אריין אין א געפאקטען צימער, מיט פערהאנגענע פענסטער, כדי צו הערען וועגען צווייטענ'ס צרות.

די עלטערע פרוי, וועלכע איז פראצעסירט געווארען פאר מארד, האט אויסגעזעהן, אז אט־אט פאלט זי צוזאמען. איהר הויכע ברוסט האט זיך שנעל געהויבען. איהרע אייזען־גרויע האר זיינען געווען נאס פון שוויים, דער פנים בלוטלאז, די דינע ליפען האבען געציטערט און די מידע אויגען זיינען געווען מיט בלוט פערלאפען.

זי איז געזעסען פאר איירע אויגען אן אנגעקלאגטע מערדערין. די בעווייזע זיינען געווען שטארק. זי האט ערמאָרדעט איהר מאן אויס אייפערזוכט. לויט אלע געזעצען האט מען זי געדארפט פער־דאמען, און דאך האט איהר געקוקט אויף דער פרוי און אייך האט געריסען דאס הארץ. זי האט מיט זיך פערקערפערט אזוי פיעל מענשליכע ליידען, איבערהויפט די ליידען פון פרויען. זי האט אויסגעזעהן אזוי, ווי אלעס אין לעבען וואלט פאר איהר געווען אויסגעלאשען.

דאכט זיך, זי איז פון דעם טיפ פרויען, וואס ליידען, וואס שוויי־גען: טא ווי קומט עס וואס זי האט ניט געשוויגען, וואס זי האט געשאסען?

דאס איז געווען איהר צווייטער מאן, זי איז געווען פיעל על־טער פון איהם. אכצעהן יאהר איז זי געווען אן אלמנה, געוויינט אויף איהר שיקזאל, וואס האט ביי איהר צו צוויי־און־צוואנציג יאהר אוועקגערויבט איהר מאן. זי איז געבליבען א מוטער פון צוויי קינדער, און ארום די קינדער האט זיך געצירקעלט איהר גאנץ לעבען. לויט די בעווייזען — אפילו די עדות פון דער אנ־קלאגע האבען געמוזט צוגעבען — איז זי געווען א מוסטער־האפטע מוטער, געלעבט ב ל ו י ז פאר די קינדער און ק י י נ מ א ל ניט געזוכט איהר אייגענעם פערגעניגען.

עס איז ערשט געווען, ווען די קינדער זיינען עלטער געווארען און האבען גענומען זוכען אייגענע אינטערעסען, ווען זי האט זיך א לאנגע צייט געפיהלט אליין און פערלאזען, ערשט דאן האט זי זיך פערליעבט אין איהר צווייטען מאן.

און דאס איז געווען א ליעבע פון א פערציג־יעהריגע פרוי. אלע איהרע דערשטיקטע בעגעהרען, אלע איהרע ניט־דערפילטע וואונשען האבען איצט אין איהר אויפגעפלאקערט. זי האט שרעק־ליך געליטען, זי האט ניט געוואלט הייראטען, טראץ דעם וואס ער האט זי געבעטען, ווייל זי האט געהאט געוויסע פרינציפען פון א מוטער. זי איז געווען זיכער, אז זי דארף איהר ג א נ ץ לעבען אוועקגעבען פאר זיי. ער, דער יונגערמאן פון צוויי און

דרייסיג, האט זי איבערגערעדט און זיי האבען געהייראט.

צוויי יאהר צייט איז זי געווען אזוי גליקליך, אז זי האט גע־פיהלט אז גאט איז א גוטער, ער בעצאהלט איהר פאר אלע איהרע פריהערדיגע ליידען.

דאן האט איהר עלטערער זוהן געהייראט. ער איז געקומען א יונגע שנור אין הויז.

א יונגע, א רייצענד־שעהנע, א קאקעטקע איז די שנור געווען.

און הויפטזעכליך האט זי קאקעטירט מיט איהר שטיף־שווער.

צוערשט האט עס די עלטערע פרוי אנגענומען פאר צערטליכ־קייט, פאר שפאס; אבער שפעטער האט זי גענומען בעמערקען, אז זייערע פערהעלטניסע ווערען ערנסטער. און ווען זי האט פראָ־טעסטירט האט איהר מאן געלאכט פון איהר.

— דאפעלטע אייפערזוכט האט גענומען ברענען אין מיר — האט זי דערצעהלט אויף'ן עדות־שטוהל. — איך האב נים נאר געזעהן פאלען מיין ניי־געבוירענעם גליק, נאר מיין קינד'ס עהרע איז אויך געווארען פערמישט. איך קאן זיין נאטור זעהר גוט, מיין זוהנ'ס מיין איך, איך האב געוואוסט אז ווען ער וועט זיך דערוויסען וועט געשעהן אן אונגליק. איך האב פרובירט רעדען מיט מיין שנור, אבער זי האט מיר געזאגט, איז איך בין „פעררוקט“.

— עס איז אוועק א שטיק צייט. איך האב צוגעזעהן זייער ליעבעס־פערהעלטנים און עס איז פון מיר געווארען א צושטער־טער מענש, איך בין געווארען ווילד, איך האב פערגעסען אן אלעם וואס איז מיר אמאל געווען טהייער, איך האב בלויז געטראכט פון זייער שרעקליכער טהאט, וואס צושטערט מיך און מיין קינד“.

איהר פנים איז געווען נאך מעהר בלוטלאז. נערוועז האט זי געבראכען איהרע לאנגע, מאגערע פינגער, און מיט א פערשטיקטע קרעכמץ האט זי פארטגעזעצט.

— איך האב זיי געהערט אין צווייטען צימער, איך האב גע־הערט ווענען זייער אבמאך צו אנטלויפען פון אונז, איך האב גע־הערט זייערע לאנגע הייסע קושען, איך האב געוואוסט אז מיין זוהן דארף באלד קומען. איך האב געוואוסט אז ווען ער וועט זיי אזוי

טרעפען, וועט ער זיי דערשיסען, ער וועט ווערען א מערדער, ער האט דאך נאך אפילו ניט געלעבט. איך — צו וואס טויג מ י ר דאס לעבען, וואס קאן עס מ י ר שוין ברענגען? איך האב געהערט מיין זוהן'ס טריט. אין שופלאד איז געלעגען מאן מאנ'ס רעוואלווער, און א י ך האב אויסגעשאסען. איך האב דאך שוין ניט וואס צו פערלירען, ער איז דאך אזוי יונג, מיין זוהן".

עס זיינען נאך געווען פיעלע בעוויזען, אבער אלעם האט אנ־געוויזען אויף דער ערנסטקייט פון דער מערדערין.

און די צוועלף יונגע דזשוראָרס האבען זיך בלויז א האלבע שטונדע בעראטהען און זי ערקלעהרט נ י ט שולדיג!

ווארום? ווער וויים, אפשר האבען מאנכע פון זיי אויך אזעלכע מוטערס אין דער היים, מוטערס, וועלכע אפפערען אלעם, אלעם פאר זיי.

ציי הן.

שיקט מיך ניט אהיים, איך וויל ניט געהן אהיים, שיקט מיך ניט, שיקט מיך ניט! — האט זיך מיט אויסגעשטרעקטע הענד געבעטען ביים ריכטער דאס שעהנע מיידעל.

און אז זי האט געזעהן, אז דער ריכטער ענט־פערט ניט, נאר ער קוקט אין א דיקען בוך, אזוי ווי זי מיט איהרע שרעקליכע ליידען וואלט גאר ניט עקזיסטירט, האט זי ווידער געזאגט:

— שיקט מיך ניט אהיים! בעשטראפט מיך, איך בין שולדיג, איך בין שולדיג, איך האב גענומען דאס געלד! איך בין שולדיג! בעשטראפט מיך. איך וועל צאהלען פאר מיינע זינד, אבער שיקט מיך ניט אהיים, זאלען זיי ניט וויסען!

דאס האט זי געזאגט שטארק ציטערענדיג, מיט טרעהרען וואס האבען שטראמענווייז אראבגערונען פון איהר פנים.

א פנים פון א מאדאנע האט זי געהאט, אט די שעהנע גנב'טע. אויגען גרויסע. מיט אזא אונשולדיגען אויסזעהן, א רונדער קין מיט אזוי פיעל חן, א ווייסער, רונדער האלז, וועלכער איז געווען גראציעז אויסגעשטרעקט צום ריכטער. און צוויי ליפען, אונבע־שרייבליכע צוויי ליפען, ליפען צום קושען, ליפען צום ליעבען, ליפען, וועלכע זיינען געשאפען געווארען צו שעפטשען שטילע, מיסטישע תפלות...

און, אז דער ריכטער האט ארויפגעקוקט פון זיין דיקען בוך, און זי בעטראכט, האט זי אהאבגעלאזען דעם קאפ און עס האט זיך

אויסגעווייזען. אז באלד פאלט זי אויף די קניה, לעגט צוזאמען די שעהנע הענד, פערגעסט דעם ריכטער, און פערטיעפט זיך אין א געטליכען געבעט.

— איהר ווילט זיך ערקלעהרען שולדיג? — האט געפרעגט דער ריכטער.

— יא, יא, איך בין שולדיג. איך האב גענומען דאס געלד. זי איז געוועזן מיין פריינדין. זי האט זיך אויף מיר פערטרויט און איך, איך האב זי שענדליך בעטראגען — האט זי שנעל געענטפערט.

— דענקסט איהר ניט, אז איהר דארפט זיך ערשט דורכרעדען מיט אן אדוואקאט, און אפשר געהן צום פראצעס? עס קען זיין — האט דער ריכטער גענומען ריידען מיט סימפאטיע אין זיין שטימע.

— ניין, נעגוג איין זינד. ביי א פראצעס דארף מען שווערען, אמאל זאגען ליגען, איך, איך האב קיין פערטהיידיגונג, איך האב גענומען דאס געלד, און איך בין שולדיג!

און, אז זי האט זיך פארמעל ערקלעהרט שולדיג, און דער קלוירק האט דאס פערשריבען און זי איינגעשוואָרען, איז זי מיט ענטשלאָסענהייט ארויף אויף דעם עדות־שטוהל.

דער ריכטער האט געזאגט:

— און איצט דערצעהלט אונז ווארום האט איהר דאס געטהאן?

און שנעל, ניט בערעכענענדיג זיך, האט דאס מיידעל גענומען רעדען.

— איך קען זיך מיט איהר זעהר גוט. מיר האבען זיך צוזאמען געלערענט אין דער נאכט־שולע. זי איז זעהר א פריינדליכע און זי איז געוועזן כמעט די איינציגע צווישען אלע אנדערע מיידלעך און יונגע לייט, וואס האבען ניט געלאכט פון מיר.

— געלאכט פון איך? פארוואס? — האט פערוואונדערט געפרעגט דער ריכטער.

— פון מיינע צייהן. עס האבען מיר געפעהלט פיער צייהן פון פאָרענט. עס איז שוין מעהר ווי צוויי יאָהר ווי די צייהן פעהלען

מיר. און גאָט מיינער! וויפיעל איך האָב מיך צוליעב דעם אַנגע־לימען!

— אָבער ווארום? — האָט ניט פערשטעהענדיג געפרעגט דער ריכטער.

— איהר פערשטעהט ניט? אייך האָבען קיינמאָל ניט גע־פעהלט קיין צייהן? פאַרענט מיין איך — האָט דאָס מיידעל פער־וואונדערט געפרעגט דעם מיטעל־יעהריגען גוט פרעזערווירטען ריכטער.

און אז ער האָט געשאָקעלט מיט זיין קאָפּ אויף ניין, האָט זי שטיל געזאָגט:

— ווי גליקליך איהר זייט. עס איז שרעקליך צו זיין אָהן צייהן. די „אַלט־יונגע" האָבען מיר אַלע גערופען. און עס פלעגט מיר אזוי פערדריסען. האָב איך זיי אַמאָל געוואָלט שאַרף ענטפערען, איז מיר געוועזן שווער: דאָס רעדען איז ניט זעהר לייכט, ווען ס'פעה־לען די פאָדערשטע צייהן. ערשטענס שעפּליאָוועט מען, און צוויי־טענס איז ניט זעהר אַנגענעהם צו עפענען דאָס מויל און צייגען פאַר אַלעמען, אז ס'פעהלען אייך די פאָדערשטע צייהן. איהר ווייסט? אַ סך מאָל אין קאָר אָדער אַנדערש־וואו, ווען כ'האָב בע־געגענט אַ פרעמדען, און יענער פלעגט אויף מיר קוקען מיט אינ־טערעס, פלעג איך אַ טראַכט טהאָן: קוק, קוק ביז איך וועל עפּע־נען מיין מויל, און דאַן וועסטו אויך לאַכען, ווי די אַנדערע.

— אָבער וואָס איז דאָ געוועזן דער גלעכטער? — האָט גע־פרעגט דער ריכטער.

— איך ווייס? ! — האָט זי ציהענדיג מיט די פּלייצעס געזאָגט און שטיל צוגעגעבען: — אפשר האָב איך אויסגעזעהן אזוי קאָמיש.

דער ריכטער האָט געפרעגט:

— און דאָס געלד? ווארום האָט איהר דאָס גענומען?

— צוליעב די צייהן. איך פערשטעה איצט ניט, ווי האָב איך עס געקענט טהאָן? זי איז דאָך געוועזן אזוי גוט צו מיר! ס'דאַכט זיך, זי איז די איינציגע פריינדין וואָס איך האָב. אָבער די צייהן! אַ סך מאָל פלעגט זיך מיר אויסווייזען, אז כדי צו קויפען זיך צייהן,

וואלט איך געקענט א מענשען דער'הרג'ענען! א שרעקלכער גע־דאנק, א יא? כ'פלעג זיך טאקע אליין אויך דערשרעקען דערפאר. אבער דאס שטענדיגע דענקען פון מיינע צייהן האט מיך אפט אזוי צומישט, אז איך פלעג פערגעסען אן אלעס. אין שאפ איז געווען אזוי שלעכט! ווען איך בין אנגעקומען ארבייטען האב איך נאך געהאט אלע מיינע צייהן, און מען פלעגט מיך רופען דארט „די שעהנע מאראנע“. דעם נאמען האט מיר געגעבען די פארליידי. זי איז געווען זעהר א גוטע, אבער די פארבען האבען איהר נעבעך אזוי פערדארבען די אויגען, אז איצט איז זי אין א „האום“ און זי זעהט אפילו ניט איהרע אייגענע פינגער. זי האט דארט געארבייט נײנצעהן יאהר.

— וואס פאר אן ארבייט? — האט געפרעגט דער דזשאדזש.

— בלומען. קינסטליכע בלומען. און אז זי איז אוועק, איז מיר געווארען זעהר שלעכט. עס האבען מיר שוין דאן געפעהלט די צייהן און אלע האבען געלאכט פון מיר.

— וויפיעל האט איהר דארט פערדיענט?

— די לעצטע צייטען, זיבּנט א יאהר, אכט דאלאר. אנגעהויבען האב איך מיט פינף. דאס איז געווען דאס פינפטע יאהר צוריק

— ווי אלט זייט איהר איצט?

— דאס נײנצעהנטע יאהר.

— האט איהר ניט געקענט אבשפארען אויף צייהן? — האט געפרעגט דער ריכטער.

— שפארען?! — האט דאס מיידעל אזוי איבערראשט גע־פרעגט, אזוי ווי דאס ווארט וואלט איהר געווען גאנץ אונבעקאנט. און טראכטענדיג א ווײלע האט זי שטיל געזאגט: — מיר שפארען ניט. מיר קומען קוים אויס פון טאג אויף טאג.

— ווער „מיר“?

— די מאמע און מיר דריי קינדער. פאר צוויי וואכען האט שוין נעטי אנגעהויבען צו ארבייטען. פיער דאלאר א וואך בעקומט זי. זי איז א קעש מיידעל אין א דעפארטמענט סטאר. הארט וואו די מאמע איז א סיילסליידי. אין דעם זעלבען בייסמענט. די

מאמע פערדיענט ניין דאלאר. און מיט א יאהר צוריק, ווען איך האב געקראגען העם רעיז האט שוין די מאמע געזאגט, אז איצט וועל איך קענען אנהויבען געהן צו א דענטיסט. איך האב גע־טאנצט פאר פרייד. אבער נאך יענער וואך איז עדי קראנק געווא־רען. און זינט דאן זיינען מיר שטענדיג שולדיג געלד העם דאקטאר און אין דראג־סטאר.

— ווי קומט עס, וואס איהר האט גענומען דאס געלד?

— זי האט מיר דערצעהלט, אז זי האט אבגעשפארטע געלד אין צימער. זי האט פערלארען דעם שליסעל פון צימער. איך האב איהם אויפגעהויבען. מיינע צייהן האב איך מיט עטליכע וואכען צוריק געלאזט פיקסען. איך האב געמוזט בעצאהלען דעם דענטיסט. ער האט מיך געשראקען,ע ר וועט מיך לאזען ארעסטי־רען. ווען איך האב איהר שליסעל אויפגעהויבען איז מיר איינגע־פאלען אט דער שרעקליכער געדאנק. איך האב ניט גענומען איהר גאנץ געלד. כ'האב בלויז גענומען צוויי און פערציג דאלאר פאר דעם דענטיסט און פיער דאלאר אויף שיך. אבער איך בין שול־דיג. איך האב עס געטהאן.

און דער ריכטער האט נערוועז געקלאפט מיט די פינגער אי־בער דעם דיקען בוך, לאנג געטראכט, געהאלטען א לאנגע רעדע וועגען א צוויימענס איינענטהום, וועגען דער עהרליכקייט פון א מענש און וועגען דער גערעכטיגקייט פון געזעץ. זי געשראקען און זיך ווידער לאנג פערטראכט. און ענדליך איהר געהייסען געהן אהיים און זיין גוט.

ווער איז שולדיג?

דער אנגעקלאגטער איז געווען א הויכער, מיט א ברוי־טאלען אבער שעהנעם פנים, דער עקעלהאפטער אויס־דרוק אויף זיין רויט פנים, האט דערמאנט אן א ווילדער חיה.

זי, די קלעגערין, איז געווען א דעליקאטע, מיט א בלאס פנים, אויף וועלכען מען האט געקענט בעמערקען געלע פלעקען, א נאטירליכער רעזולטאט פון די פארבען וואס זי האט יאהרען לאנג בענוצט.

איהרע באקען זיינען געווען אביסעל איינגעזונקען, ארום די אויגען עטליכע גאנץ דינע קנייטשלאך, די ליפען בלאסע, מיט א פערדריסליך־ליידענדען אויסדרוק.

אלעס האט דערצעהלט פון שרעקליכע ליידען... נאר די אויגען, די שווארצע פייערדיגע אויגען, זיינען געווען גאנץ יונג, פול מיט לעבען, און זיי האט געפעהלט די שרעקליכע מיעדקייט, וואס האט ארויסגעאטעמט פון יעדען גליעד... עפעס האט איהר גע־פיהלט ווי איז א טריעבען, גרויען הערבסט פארנאכט....

ער איז געווען אנגעקלאגט פאר צווינגען איהר צו א לעבען פון שאנדע... אין א שטילער, ציטערענדער שטימע האט זי דערצעהלט וועגען די שרעקליכע יאהרען פון ליידען. ביי יעדע עטליכע ווער־טער האט זי זיך אומגעקוקט אויף איהם און אין איהרע אויגען האט זיך בעוויזען א שקלאפישע מורא.

— א לאנגע צייט האב איך ניט געוואלט זיך בעקלאגען, כ'האב פאר איהם שטארק מורא געהאט.

— איך האָב געלעבט אין שרעק, און דעריבער האָב איך גע־טהאָן אלץ וואס ער האט מיר געהייסען. קיין נאָהענטע פריינד האָב איך דאָ ניט, און פאר דער פאליציי האָב איך מיך אויך גע־שראָקען".

נערוועז האט זי זיך געשפּיעלט מיט איהרע אויסגעדאַרטע הענט און שטיל, ווי אַ געוועהנליכע זאַך, דערצעהלט די טראגישע קאַפּיטלאַך פון איהר לעבען.

— ווען מיין מאַן האָט מיך פערלאַזען זיינען ביידע קינדער געווען קראַנק. איך בין דאַן ערשט איין און צוואַנציג יאָהר אַלט געווען און דער מאָראַל געפיהל איז נאָך אין מיר דאַן געווען גאַנץ שטאַרק, איך האָב נאָך געגלויבט אין מענשען און געהאָפט.

— מיין אנבליק אויפ'ן לעבען איז דאַן געווען גאַנץ אנדערש — אַ טרויעריגער שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף איהר בלאַס פּנים. איצט בין איך שוין ערפאהרען, אין אזא לעבען ווי מיר פיהרען לערנט מען זעהר פיעל, מאַנכע ווערען פילאָזאָפען אין אַ גאַנץ קור־צער צייט.

און ווידער האָט זי געשמייכעלט, סאַרקאַסטיש, ביטער.

— איך האָב דאַן אַפּעלירט צו מענשען, אָבער ווי לאַנגזאַם די הילף פון „גוטע מענשען" קומט, קענען נאַר וויסען די, וואָס האָ־בען געוואַרט דערויף, וואָס זיינען געזעסען נעבען דעם ברענענדי־גען קערפּעריל פון אַ קליין בייבעלע, וועלכעס קען ניט דערצעהלען וואָס עס טהוט איהם וועה...

— עס זיינען געקומען פרויען, מ'האָט אונטערזוכט, מיך געפּלאַגט מיט פערשיעדענע פראַגען וועלכע האָבען מיך שטאַרק ערנידריגט, איך האָב געדענקט דאָס אַט, אַט העלפט מען מיר שוין. אָבער ניין, אויף מאָרגען איז ווידער געקומען אַ פרוי, מיט אַ שטרענגען אויס־דרוק אויף איהר פּנים, זי האָט אויך געפרעגט פראַגען... אַה, ווען די פרויען, ווען די וואָס שיקען די פרויען, וואָלטען וועניגער גע־פרעגט, וועניגער געפּלאַגט, וויפיעל טראַגעדיעס וואָלט מען אזוי אויסגעמיעדען!

מיט ביידע הענט האָט זי פערדעקט דעם פּנים און אַ ווײַלע געשוויגען.

— איך בין ניט געווען לאַנג אין לאַנד, איך האָב געהאַט אַ גרינגע שרעק פאַר שטאָדטישע האָספּיטאָלס, מיט גוואַלד האָב איך די קינ־דער ביי זיך געהאַלטען און דער רעזולטאַט איז געווען דאָס מיין פינף מאָנאַטדיגער איינגעלע איז געשטאָרבען.

— זיין קליין נשמה'לע האָט מיט זיך אין דער ערד אוועקגע־טראָגען אַ העלפט פון מיין גלויבען אין מענשען.

און מיט אַ שטאַרען בליק האָט זי געקוקט פאַר זיך, פערגע־סענדיג אַלע אַנוועזענדע.

— אַה. — האָט זי זיך ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף — ענטשול־דיגט, פון יענע צייטען איז מיר שווער צו ריידען, ווענען די שרעק־ליכע נשמה־קעמפּפען, וואָס אַן עלענדע פרוי מאַכט מיט אין אַזאַ שטאָדט ווי ניו יארק, ווענען דעם איז שווער צו ריידען, איהר וואָלט דאָס ניט פערשטאַנען, בלויז יענע, וועלכע איהר רופט „שלעכטע“, יענע אונגליקליכע פערשטעהען עס, אָבער זעלטען, זעלטען בעגרייפט עס זאָגאַר איינע...

— ווען איך האָב בעקומען אַ דזשאָב האָב איך מיין דריי יעהריגע מיידעלע געלאָזט ביי דער מיסעס. אויף דערנאַכט, ווען איך בין אַהיים געקומען פון דעם שרעקליכען געטרויש פון שאַפּ, וואו די מאַ־שינען האָבען מיך פעררייקט געמאַכט, איך בין נאָך צו זיי ניט גע־וועהנט געווען — ווען איך בין געקומען ביינאַכט, האָב איך גע־דאַרפט היילען די וואונדען וואָס מיין קינד האָט בעקומען אין גאַס — דעם גאַנצען טאָג אין גאַס...

און ווידער האָט זי פערדעקט איהר פּנים מיט ציטערענדע הענט.

— איך האָב פון דאָרט געמופט צו אַ צווייטער מיסיס וואָס האָט מיין קינד פערהונגערט.

— פון דאָרט בין איך אוועק וואוינען צו אַ יונגע פרוי, וועלכע האָט מיר געזאָגט דאָס זי איז אַ דרעסמייקערין.

און דאָרט בין איך ערשטע געוואָרען אמת אונגליקליך.

— אין א קורצע צייט האט איך אויסגעפונען דאס דארט ווערען ניט קיין קליידער געמאכט און דאס די יונגע פרוי מאכט א לעבען פון פרעמדע... פון שאנדע...

יענעם אבענד האב איך בעשלאסען צו געהן זוכען אן אנדער רום. איך בין אוועק אין שאפ און נאך א לאנגען בעטען, האט מיר די פארליידי ערלויבט צו געהן. נוען איך בין אהיים געקומען, האב איך געטראפען אן אמבולאנס פאר דער הויז און א דאקטאר אין ווייסען געקליידעט האט מיטביידע הענט געהאלטען דאס דארע הענטעלע פון מיין קינד, וועלכעס א קאר האט אבגעשניטען!

מיט ביידע הענט האט זי זיך אנגעהאלטען ביי די שלייפען און די שעהנע לעבעדיגע אויגען זיינען אנגעפילט געווארען מיט טרעה־רען.

דער דזשאדזש האט נערוועז געקלאפט מיט די פינגער אויפ'ן טיש פאר זיך. אויף זיין גוטען פנים איז געווען אויסגעגאסען די טיעפע מיטלייד וואס ער האט געפיהלט צו דער יונגער פרוי.

— ווען איך האב אויפגעמאכט מיינע אויגען, נאך א שרעקליכער קראנקהייט. האב איך געפונען א מאן נעבען מיין בעט, דאס איז געווען ער — אנגוויזענדיג אויף העם אנגעקלאגטען. ער איז מיר געווען גוט, ד א ן איז ער נאך געווען א ביסעל מענשליך.

— דאן האב איך אויסגעפונען דאס מיין קינד ראנגעלט זיך מיט'ן טויט אין א האספיטאל. ווען מיר איז בעסער געווארען, האב איך לייבט געקענט בעמערקען דאס ער — און ווידער האט זי מיט פער־אכטונג אנגעוויזען אויף איהר פערפיהרער — דאס ער מאכט חנ'דעלאך צו מיר.

— איך האב פון דארט ארויסגעמופט, אבער ער איז מיר נאכגע־גאנגען. ווען ער האט מיך געוואלט הייראטען האב איך זיך ענט־זאגט, ער איז א קריסט און איך בין נאך דאן געווען א פרומע.

און א סארקאסטישער שמייכעל האט זיך ווידער בעוויזען אויף איהר פנים:

— אין א מאמענט פון פערצווייפלונג בין איך געווארען זיין געליעבטע, און נאך לאנגע וואכען ליידען פון שרעקליכע שלעק,

בין איך געצוואונגען געווען צו געהן אין גאס און פערדיענען געלט פאר איהם אויף שנאפס.

— יעדעס מאל ווען איך בין אנטלאפען, האט ער מיך געכאפט, מערדערליך געשלאגען. איך האב זיך פאר איהם געשראקען און דעריבער האב איך וועגען דעם ניט געמאלדען דער פאליציי, און צווייטענס האב איך פון דארט ניט פיעל ערווארטעט, ווייל איך האב געוואוסט אז ער איז א „פאני בראט" מיט פיעלע דעטעק־טיווס...

איינמאל בין איך אוועק אין פילאדעלפיא וואו ער האט מיך באלד געפונען. עטליכע טעג שפעטער איז ער ארעסטירט געווא־רען פאר שלעכטע אויפפיהרונג ווען ער איז שכור געווען, און ער איז פערורטיילט געווארען אויף זעקס מאנאטען.

איך בין צוריק געקומען אין ניו יארק פיהלענדיג פריי. דורך א צופאל האב איך בעגעגענט מיין מאן. מיר זיינען אוועק צוזאמען וואוינען און ווען ער האט מיך צופיעל געפרעגט וועגען מיין לע־בען, האב איך איהם אלץ דערצעהלט, האפענדיג אז ער וועט מיר פערצייהען און מיך ראטעווען פון דער בעסטיע.

פערקלעמענדיג איין האנט אין דער צווייטער האט זי מיט א ביטערען שמייכעל פארטגעזעצט:

— איך האב געדענקט דאס א מאן קען פערשטעהן און פערציי־הען. איך האב ביי איהם ניט געפרעגט וואס ער האט געטהאן אין די פינף יאהר וואס ער האט מיך געלאזען אין עלענד, אבער ער האט ביי מיר אבגענומען חשבון...

— מיר זיינען זיך פאנאנדערגעגאנגען און איך האב פארטגע־זעצט מיין פריהעריגען לעבען.

— וואס דען האב איך געקענט טהאן? צו וואס האב איך זיך געקענט נעהמען?

— איין קינד אין קבר, דאס צווייטע א קריפעל, אהן א האנט און אהן א פוס. איז אן אנשטאלט.

— ווען פיליפס האט זיך צוריקגעקעהרט און האט מיך גענומען

באדערען, האב איך איהם געלאזט ארעסטירען, עפעס האב איך מוטה בעקומען.

ווען די דזשורי האט איהם ערקלעהרט שולדיג, האט זי מיר געזאגט דאס טראץ אלעם האט זי אויף איהם רחמנות...

— וואו געהט איהר איצט? — האב איך זי געפרעגט, און זי האט בלויז צונויפגעצויגען איהרע דינע פלייצעס...

אַ פערלאָבונג.

בייז. ער וועט זיך מיט מיר ניט שפּיעלען, נייז, נייז, נייז!

— האָט זי מיט פערקלעמטע ליפּען פעסט ערקלערט.

— ווי אַלט זייט איהר? — האָט דער דיסטריקט אטוירני געלאסען געפרעגט.

— וואָס האָט דאָס צו טהאָן דערמיט?

— עס מוז פערשריבען ווערען.

— אַז ער האָט ביי מיר צוגע'גנב'עט מיין רינג, מוז איך דער־צעהלען ווי אַלט איך בין? — האָט זי אויפגערעגט געפרעגט, און איהרע גרויסע שווארצע אויגען האָבען געברענט מיט כעס.

— ווי אַלט? — האָט שמייכלענדיג ווידער געפרעגט דער דיסט־ריקט אַטוירני.

— זעקס און צוואַנציג — און זי איז זעהר רויט געוואָרען.

— זייט ווען קענט איהר דעם אַנגעקלאָגטען?

— אַכט מאָנאַטען.

—איהר זייט פערלאָבט?

— געוועזען, געוועזען. איהר דענקט דאָך ניט, אַז איך האַלט זיך אַזוי נידעריג אַז איך זאָל איהם נאָך בעטראַכטען אַלס מיין חתן?

— נייז, איך דענק דאָס ניט. ווי קומט עס אַז אייער פער־לאָבונג איז צונישט געוואָרען?

— פרעגט בעסער, ווי עס קומט, אַז איך בין געוואָרען די כלה פון אַזאַ נידערינען מענשען! איך שווער אייך, אַז ער האָט מיך אָבגענאַרט. ער איז געוועזען אַזוי הייליג, ב'וואָלט איהם דאַן אַלעס געגלויבט.

— און וואָס האָט פּאַסירט?

— ער האט מיר געגעבען א רינג, און מען האט געבראכען טעלער.

— וואס האט מען געטהאן? — האט פערוואונדערט געפרעגט דער קריסטליכער דיסטריקט אטורני.

— מען האט געבראכען טעלער.

— איהר האט זיך געקריעגט?

— ניין. אזוי פרעהט מען זיך ביי אונז — האט דאס מיידעל ערקלערט שמייכלענדיג. דאס ערשטע מאל. — אז מען ווערט פערלאבט ברעכט מען טעלער פאר „גוד לאק“.

און אין א געריכט־זאל האט מען געלאכט.

— און וואס האט ווייטער פאסירט? —

— א גוטער „פריינד“ אונזערער האט איהם עפעס אנדערש צעהלט אויף מיר, און ער איז געווארען אבגעקיהלט. הייסט עס, דאן האב איך נאך דאס ניט געוואוסט און דעריבער האב איך איהם געטרויט דעם רינג.

— וואס מיינט איהר געטרויט?

— ער האט געזאגט, ער וועט דעם דיימענט לאזען איבערזעצען אין א שעהנערע רינג. איך האב זיך דערפרעהט און איהם געגעבען דעם רינג. און מעהר האב איך איהם ניט געזעהן און דעם רינג ניט געזעהן.

— אבער דעם רינג האט ער אייך אוועקגעגעבען אין דער געגענווארט פון עדות?

— געוויס. דאס הויז איז געווען פול מיט געסט, מ'האט געגעסען און געטרונקען, מ'האט זיך געפרעהט.

— דאס אלעס?

— ניין. דאס איז ניט אלעס, — האט דאס מיידעל געזאגט, זיך ווענדענדיג צום ריכטער, — איך וויל אייך דערצעהלען, אז ער האט מיך געמאכט צו שפאט. מיינע בעקאנטע טייטלען אויף מיר מיט די פינגער, און צו דעם אלעם האט ער מיך נאך בע'גנב'עט. ווען איהר זאלט וויסען, ווי שווער דער רינג איז מיר אנגעקומען, וואלט איהר איהם אוועקגעשיקט אויף אייביג אין פריזאן.

איצט האט זיך דעם אנגעקלאגטענס אדוואקאט אוועקגעשטעלט עטליכע טריט פון עדות־שטוהל און טייטלענדיג מיט א פינגער אויף דער מיידעל. האט ער אין א דיקער באסאווע שטימע געפרעגט:

— האט איהר דעם אנגעקלאגטען אמאל ליעב געהאט?

— געהט אביסעל ווייטער, איהר וועט מיך נאך אומוואַרפען מיט אייער פינגער, — האט דאס מיידעל געזאגט.

— דאס קען ניט אזוי לייכט געשעהן, זייט אזוי גוט און ענט־פערט מיין פראגע.

— איך ביז געווען זיין כלה.

— דאס איז ניט קיין ענטפער!

— טא וויל איך אייך ניט ענטפערען. ער האט מיר געגעבען דעם רינג? דער רינג איז געווען מיינער? איך האב איהם גע־טראגען עטליכע חדשים אויף מיין פינגער! ער האט איהם ביי מיר צוגענומען? אוועקגע'גנב'עט? דאס איז געגנוג. דא האנדעלט זיך בלויז וועגען דעם! — האט זי טראציג ערקלערט.

— איהר זייט דאך א גאנצער אדוואקאט! — האט מיט א שמייכעל ערקלערט דער לאיער, גלעטענדיג זיינע גראהע וואנצעס.

— דאס איז מיין געשעפט!

— איהר האט דאך געוואוסט, אז דער אנגעקלאגטער איז ארים? דאכט זיך, אז איהר האט אויך געוואוסט, אז ער האט דעם רינג גע־קויפט אויף אויסצוצאהלען?

— וואס האט דאס צו טהאן מיט דער געשיכטע?

— עס האט צו טהאן מיט דעם, אז איהר האט איהם צוגעזאגט זעקס הונדערט דאלאר נדן, און ער האט געהאפט מיט דעם אב־צוצאהלען פאר דעם רינג, און ווען ער האט זיך דערוואוסט, אז איהר האט קיין געלד ניט, אז איהר מיט אייער מוטער זייט בלויז אויסען געווען איהם ארייגצונארען, האט ער צוגענומען דעם רינג.

— אבער דער רינג איז דאך מיינער!

— געקראגען האט איהר דעם רינג צוליעב די ליגענס, וואס איהר האט איהם געזאגט.

— ליגענס?! — האט איהם דאס מיידעל שיער ניט דערשאסען מיט איהרע פייערדיגע אויגען.

— געוויס ליגענס. איהר האט צוגעזאגט געלד און איהר האט ניט געהאט. און נאך א זאך: ווען, בעט איך אייך, האט איהר געזאגט דעם אמת: ווען איהר האט איהם געזאגט, אז איהר זייט נײַנצעהן יאהר אלט, אדער דא אויף דעם עדות־שטוהל, אז איהר זייט זעקס־און־צוואנציג יאהר אלט?

איצט האט דאס מיידעל געשוויגען און דער אנגעקלאגטער האט צופריעדען געגלעט זיינע גלאנציגע האר. אין קאורט־רום האבען פיעלע געשמייכעלט. און דער קלוגער אלטער אדוואקאט האט פערשטאנען, אז זיין קלימאקס איז א גוטער, און מיט א מאך פון דער האנד האט ער ערקלערט:

— דאס וועט זיין גענוג!

— ער איז א גנב, יור האנאר, איהר מוזט איהם בעשטראפען, ער איז א גנב! — האט זי טראציג ערקלערט און האלטענדיג דעם קאפ הויך, איז זי ארונטער פון עדות־שטהול.

און ער האט געזוכט סימפאטי ביי דער דזשורי מיט זיין בעקלאגען זיך אויף דער מיידעל'ס מוטער, אז זי האט איהם צוגעזאגט נדן און האט געזאגט ליגען.

די דזשוראָרס זיינען געווען אמעריקאנער, פאר זיי איז דער געדאנק צו הייראטען מיט א מיידעל צוליעב געלד, גאנץ פרעמד, און זיי האבען איהם ערקלערט שולדיג.

תחית המתים.

אין קאראנער'ס קאורט, וואו דער מלאך־המות שפיעלט די הויפט־ראלע, ווערען א סך נעמען פערשריבען טעגליך, און ווערט א נאמען פערשריבען אין דעם דיקען שווארצען בוך, מיינט עס, אז דער בעזיצער פון דעם נאמען האט געענדיגט זיין קאריערע אויף דער וועלט, און האט ניט ווילענדיג אנגענומען די איינלאדונג פון דעם מלאך המות, איהם נאכצוגעהן אין דער אונבעקאנטער פינ־סטערניש.

א סך, א סך מאל א טאג מישט דער ערנסטער קלוירק די בלע־טער פון דעם בוך און פערשרייבט א נייעם נאמען. אין ערגעץ א היים, מעג עס זיין א רייכע, בעקוועמע, אדער א מיזעראבלער צימער, וואו די ווענט זיינען שמוציג, דאס אייזערנע בעטעל צובראָ־כען און אויף דעם סקריפעדיגען טיש פעהלט אפילו ברויט און זאלץ — ליגט א קאלטער קערפער, א געענדיגט לעבען. און א פאר דערשלאגענע, צובראכענע מענשען וויינען.

אין א לאדזשינג הויז אויף דער בויערי, דארט וואו א סך אונגליקליכע בעהאלטען זיך מיט זייער שאנד, האט א שיכור'ער כאן געשפאלטען די קאפ פון זיין חבר.

אין א שטאדטישען האספיטאל, אהן ווע מעם עס איז ליעבע און פריינדשאפט, האט דער חבר ארויסגעזיפצט זיין לעצטען אטהעם.

צווישען א לאנגער רייהע טויטע אינ'ם ניו יארקער מארג, וואו־הין אונזערע גרויסע. אייביג פערנומענע שטאדט שיקט איהרע אונ־בעקאנטע טויטע, איז אויך געבראכט געווארען דער טויטער חבר.

א ווייסער צעטעל מיט א נומער איז ארויפגעקלעפּט געוואָרען אויף זיין קאלטען קערפּער, און אזוי האָט מען געוואַרט אימיצער זאָל איהם דערקענען.

אין קאַראַנער׳ס קאָורט איז געקומען א געבויגענע פרוי. איהר פּנים איז געווען יונג און דער קערפּער געבראָכען, אָבגעלעבט.

כליפּענדיג ביטער, האָט זי דערצעהלט, אז זי האָט דערקענט דעם אומבעקאנטען טויטען אלס איהר מאַן, וועלכער האָט זי מיט עטליכע חדשים צוריק פערלאָזען. דערקענט האָט זי איהם א דאנק א צובראָכענעם פינגער און א שניט אויף זיין פּנים. דאָס זיינען געווען איהרע סמנים, ווייל דער טויט האָט דעם פּנים שטארק גע־ביטען.

צורעדענדיג זיך, האָט זי דערצעהלט, אז ער האָט זיך שטארק גענומען צום טרינקען זייט די לעצטע צוויי יאָהר. ער האָט פער־לאָרען זייער ביסעל פערמעגען אויף וועלכען זי האָט יאָהרען לאנג געארבייט איז וואָלל סטריט. ער פלעגט זי שרעקליך שלאָגען, פלעגט אוועק אויף א שטיק צייט און זיך שטענדיג צוריקקעהרען, ביי איהר צונעהמען יעדען סענט וואָס זי האָט פערדיענט און פלעגט ווידער פערשוואונדען ווערען. איצט האָט זי איהם ניט געזעהן א לענגערע צייט און ביי טאָג און ביי נאכט האָט זי געציטערט פאר זיין א היים קומען. ער איז דער פאָטער פון צוויי קינדער, און טראָץ דעם, וואָס זי האָט איהם אמאָל שטארק געליעבט, דענקט זי דאָך, אז דער טויט איז געווען די בעסטע אויסלייזונג פאר זיי אלע.

דורך די טרעהרען האָט א בליץ געטהאָן א האָפנונגספולער בליק אין איהרע בלוי־גראָהע אויגען, און זי האָט דערצעהלט וועגען איהר פּלאָן צו שטודירען און צו מאַכען ענדליך פון זיך דאָס, וואָס ער האָט איהר קיינמאָל ניט ערלויבט צו ווערען.

ווידער האָט זי אָנגעהויבען ביטער צו וויינען און איז אוועק.

אין דרויסען איז געווען פריהלינג. זי האָט געוויינט און דאָך האָט דאָס שעהנע וועטער זעהר, זעהר הארמאָנירט מיט איהר שטימונג.

מיט צוויי וואָכען שפּעטער, ווידער אין קאַראָנער׳ס קאָורט, קומט ווידער אריין די יונגע פרוי אָבער איצט קומט זי, אָנגע־

שפּאַרט אויף דעם אָרעם פון אַ הויכען מאַן, וועלכער האָט אַ טיע־פען שניט אויף זיין מאָרדע.

איהר פּנים שטראַהלט פון גליק. שעמעוודיג געהט זי צו צו דעם ערנסטען קלוירק און זאָגט שטיל:

— עס איז געווען אַ טעות. ער איז ניט געשטראָבען.

— ווער? — פרעגט דער קלוירק מיט אַ גלייכגילטיגען טאָן, ווייל ער האָט שוין אָן דער יונגער פרוי לאַנג פערגעסען.

— ער, מיין מאַן, — ווייזט זי שטאָלץ אָן אויף דעם מאַן נע־בען איהר זייט — ער איז היינט פריה צוריקגעקומען.

— דער נאָמען? — פרעגט דער קלוירק.

— דזשאהן ר.

— גוט, — ענטפערט דער קלוירק און פערשרייבט אין דיקען בוך.

און די יונגע פרוי מיט די גרויסע פלענער פאַר זעלבסטשטענ־דיגקייט איז אַ גליקליכע אוועק מיט איהר ניי געפונענעם מאַן, וועל־כער וועט זי אין קורצען וואהרשיינליך ווידער אָנשלאָגען און אוועק־נעהמען איהרע פערדיענסטען.

אַ מיטעל־יעהריגע פרוי איז געקומען פערשרייבען דעם אונבע־קאַנטען טויטען אַלס איהר זוהן, וועלכען זי האָט ערשט דערקענט אויפ'ן בילד.

איהרע ליפּען זיינען געווען טרוקען און איהרע אויגען פיבעריש רויט.

דער זוהן איז געווען איהר איינציגער ערנעהרער, אַ מוזיקער, אַ פיינער יונגער מאַן. ער האָט זיך פערליעבט אין אַ מיידעל, זי האָט איהם אבגענארט. ער האָט זיך דאָס צום האַרצען גענומען און האָט גענומען טרינקען.

מיט עטליכע וואָכען צוריק איז ער אין גאַנצען פערשוואונדען און זי האָט פון איהם ניט געהערט. נעכטען האָט איהר אימיצער געראַטהען זי זאָל געהן אין די האָספּיטעלער, פון דאָרט האָט מען זי געשיקט אין מאָרג, וואו זי האָט דערקענט זיין בילד.

די אלטע פרוי האט ניט געוויינט, אבער איהר צובראכען הארץ איז געוועזן קענטיג אויף איהר פנים.

און דער גלייכגילטיגער קלוירק האט מיט אן איראנישען שמייכעל בעמערקט: „אזוי שפּיעלט זיך מיט אונז דאס לעבען, בעסער וואלט שוין די יונגע פרוי געקענט אויספיהרען איהרע פּלענער וועגען זעלבסטשטענדינקייט“.

א „פערברעכער“.

א ריכטיגער טיפּ פון דער אלטער־פּריזאָן־סיסטעם, אַן אמת'ער פּראָדוקט פון פערברעכען איז געווען דער געבויגענער אלטער מאַן, וואָס איז יענעם פריה־מאָרגען געזעסען אויף דער אנקלאגע־באנק.

ווי צוזאמענגעקלעפּט זיינען זיינע ווייסע האָר אראָבגעהאנגען אויף זיין הויכען שטערן — א שטערען פון אַ דענקער — די אויגען זיינען געווען קורצזיכטיגע, ענטציגדענדע, ער האָט שטענדיג געפינטעלט מיט זיי ווי זיי וואלטען ניט קענען פערטראָגען דעם טאָג־שיין וואָס האָט אריינגעשטראָמט פון דעם הויבען געריכטס־פּענסטער.

זיינע ברייטע פּלייצעס זיינען געווען געבויגען, זיין קאָפּ איז אראָבגעהאנגען אויף זיין גלאנציגען ראָק, וואָס האָט בעקליידט זיין איינגעפּאלענע ברוסט. אויפ'ן פּנים אַן אויסדרוק פון רחמנות צו זיך אליין. אָפּט ווען האַרטע, שווערע ווערטער געגען איהם זיינען ארויסגעזאגט געוואָרען, האָט זיך די מינע געביטען אויף אַ טראָציגער, דעם קאָפּ פּלעגט ער דאַן ווי אַ שטאָלץ פּערד אויפהויבען. די אויגען זיינען אויף אַ מינוט געוואָרען געפעהרליך שטעכיג אָבער בלויז אויף אַ מינוט. באלד האָט ער אונטערטעניג א קוק געטהאַן אויף דעם ריכטער, זיך פון שרעק אַ טרייסעל געטהאַן און פינטלענדיג מיט די אויגען ווידער אראָבגעלאָזען דעם קאָפּ.

א דעטעקטיוו האָט דערצעהלט, ווי ער האָט איהם ביי דער האַנט געכאַפּט איז א צווייטענס קעשענע.

דער קלעגער האָט דערצעהלט, אז דער מאַן האָט זיך ארום איהם געשטופּט אין סאָבוויי, זיך אַוועקגערוקט און ווידער צוגע־

דרוקט און ענדליך ביים ארויסגעהן ארייגעשטופט די האנד אין זיין קעשענע און ארויסגענומען א פאקעט־בוך, אין וועלכען עס זיינען גראד דאן געווען פינף־און־צוואנציג הונדערט דאלאר.

אויף דעם פנים פון אנגעקלאגטען איז א שמייכעל פערבייגע־לאפען, ווי ער וואלט געלאכט פון דעם געלט, פון זיך אליין, וואס ער האט אזא סומע ארויסגעלאזען פון זיינע הענט.

ענדליך איז ער אליין ארויף אויפ'ן וויטנעס סטענד, מיט גע־צעהלטע ווערטער, ווי ער וואלט זיי איינגעשטודירט, האט ער דער־צעהלט אז ער איז שוין איבער 60 יאהר אלט, אז זיין לעצטער זוהן איז ערשט געשטארבען. געהאט האט ער פינף. אז זיין פרוי איז קראנק און זי מוז האבען מעדיצין, אז ער האט שוין דריי טעג ניט געהאט געגעסען, ווען ער איז ארעסטירט געווארען און אז ער איז קיינמאל קיין גנב ניט געווען און ער האט גאר אין זינען ניט גע־האט צו נעהמען דאס געלט.

דאס אלעס האט ער אבגעזאגט אין עטליכע מינוט, זיין פנים איז געווען רחמנות'דיג. זיינע אויגען נאס פון טרעהרען.

א קרומער שמייכעל האט זיך געלעגט ארום דעם דיסטריקט אטוירני'ס ליפען. לאנגזאם האט ער זיך אויפגעהויבען, לאנג גע־קוקט אויף דעם אלטען און ענדליך געפרעגט:

— אפשר וואלט איהר אונז געזאגט אייער ריכטיגען נאמען?

ווידער איז דער טראגיגער אויסדרוק ערשיענען אויף דעם אלטען'ס פנים. זיינע ליפען האט ער פערפרעסט אין א דינער לי־ניע און געשוויגען.

— אפשר האט איהר שוין אליין פערגעסען, זאל איך אייך דער־מאנען? — האט ווייטער געפרעגט דער פראקוראר.

דער אלטער האט געשוויגען. שנעל האט דער דיסטריקט אטוירני גענומען מישען צווישען זיינע פאפיערען. ענדליך האט ער ארויסגעקליבען א לאנג, געל צעטעל, עס הויך אויפגעהויבען און מיט א דורכדרינגענדען בליק געקוקט אויף דעם אלטען.

טויט־בלאס איז געווארען דאס צוקנייטשט פנים. די אונטער־שטע ליפ האט גענומען ציטערען, מיט די אויגען האט ער שנעל,

נערוועז געפינטעלט. אויף זיין האלז זיינען ארויסגעטראָטען דיקע בלויע אָדערען. עטליכע מאָל האָט ער שווער די לופט געשלונגען. לאנגזאם איז זיין קאָפּ אראָבגעזונקען, אזוי ווי ער וואָלט אויפגעגעבען דעם קאמפף.

קוקענדיג אויף דעם געלען צעטעל, האָט דער דיסטריקט אטוירני הויך געצעהלט:

— צוואנציג, דריי, פיער, ניין־און־צוואנציג... זעכציג, פיער, פינף, זיבעציג... יעס, דאס דאכט זיך איז אייער זיבעציגסטער נאָמען „עליאס". דער זיבציגסטער פאלשער נאָמען, וואס איהר האָט אנגעגעבען אין אייער פערברעכערישער קאריערע, בין איך גערעכט? —

און ניט בעקומענדיג קיין ענטפער, האָט ער ווייטער געזאָגט:

— איהר זייט ניט אזוי אלט ווי איהר זעהט אויס. איהר זייט בלויז איין־און־פופציג יאהר אלט, בין איך גערעכט?

— יעס, — איז שוואך געקומען דער ענטפער.

— און איצטער איז אייער הונדערט און ניין־און־פערציגסטער פערברעכען — האָט דער דיסטריקט אטוירני לאנגזאם געזאָגט, אויסציהענדיג יעדעס וואָרט.

אויף די פּנים'ער פון דער דזשורי איז געווען דער אויסדרוק פון איבעררראשונג, אויף דעם געזיכט פון ריכטער א ברייטער, איראנישער שמייכעל.

— האָט איהר ווירקליך געדענקט, אז איהר וועט אונז קענען אָבנארען? — האָט לאכענדיג געפרעגט דער דיסטריקט אטוירני.

דער אנגעקלאָגטער האָט געשוויגען, א ווײלע האָבען די מוסקולען פון זיין פּנים שווער געארבייט, ענדליך האָט זיין האנד מיט א טיעפען ווייסען צייכען ארויפגעוואָרפען די האָר אויפ'ן שטערען, איבערלאזענדיג דעם הויכען שטערען ווייס און נאס פון שוויס.

— איך האָב געמיינט, אז איהר האָט מיך שוין לאנג פערגעסען, עס איז שוין מעהר ווי צוועלף יאהר, אז איהר האָט מיך ניט געזעהן. זייט יענעם פּראצעס בין איך שוין געזעסען אין אכט אנדערע פריזאָנס פון לאנד — האָט ער שטיל געזאָגט.

— און אלץ געגליבען אן ארימאן? — האט מיט א שמייכעל געפרעגט דער דיסטריקט אטוירני.

— מיר האבען שוין אזא גליק אין אונזער פאמיליע, מיינע פיער ברידער וואס זיינען גנבים, זיינען אויך שטענדיג אין פריזאן. און יענער, וועלכען מיר האבען גערופען „נאר", איז ער געבליבען עהר־ליך. עס איז אמת אז ער זעהט מעהר די ליכטיגע וועלט פאר זיך ווי מיר, אבער וואס פאר א נוצען האט ער פון דער וועלט, אז ער לעבט ווי א הונט? וויל ארבייטען און טראץ דעם, האט ער זעל־טען וואס צו עסען. ניט לאנג צוריק האב איך מיין איינגסטען ברו־דער בעגעגענט אין א געפענגעניש אין פענסילווייניא, האט ער מיר דערצעהלט, אז אויך די מיידלעך האבען וועניג גליק, אנדערע מייד־לאך געהען אויף דער גאס. אפט כאפען זיי א ריכטיגען העכט, וואס האלט זיי אין לוקסוס, אבער ניט אונזערע שוועסטער. אלע דריי זיינען געוועזן זעהר שעהן, און וואס איז פון זיי געווארען? די צוויי עלטערע, ווי זיי זיינען ארוים אין סטריט, האט מען זיי ארעסטירט. און זאגט א פאליסמאן אוים אויף זיי און אט א גוטע פריינדין. זיי טרינקען, זיי זיינען געווארען מיאוס. האט ער מיר דערצעהלט. און די דריטע, וואס האט חתונה געהאט, זי ליגט אויך אין דער ערד. האט יעדער יאהר א קינד און וואס דענקט איהר וועט פון זיי ווערען? וואס פון מיין מאמעס קינדער איז געווארען.

— וועט איהר זיך איצט מודה זיין, אז איהר זייט שולדיג? — האט איהם טרוקען אונטערבראכען דער דיסטריקט אטוירני.

דער אלטער איז פערשעהמט שטיל געבליבען, אונטערגעלאזט זיין קאפ. געטראכט א ווייל און פינטלענדיג מיט די אויגען אונ־זיכער געזאגט: — איך ווייס ניט, בין איך שולדיג? איך האב געוואלט עסען. איך האב ניט געהאט וואס, האב איך געוואלט נעה־מען ביי א צווייטען, איך האב געזעהן ווען דער מאן האט דאס געלט אין קעשענע געלעגט, אין דער באנק, עס איז דאך א רייכטהום! שטעלט אייך פאר וויפיעל מאהלצייטען מען וואלט געקענט קויפען פאר דעם? —

— שולדיג, אדער ניט שולדיג? — האט קורץ געפרעגט דער דיסטריקט אטוירני.

— שולדיג, וואס דען קען איך זאגען? ווען איך האב גע־וואָרפען א שטיין אין גראָסערי וואס האט ניט געוואלט בארגען א ברויט פאר מיין מאמע, האט מען מיר דאן אויך געהייסען זאגען שול־דיג. דאן ביז איך בלויז עלף יאהר אלט געווען. זייט דאן האב איך שוין א סך מאל געזאגט „שולדיג". אין קאורט אז מען מעל־דעט זיך שולדיג, בעקומט מען א קורצערען טערמין, טא זאל זיין „שולדיג, שולדיג", האט ער אונגעדולדיג געענטפערט.

שנעל האט ער אנגעגעבען זיין ריכטיגען נאמען, איין און פופ־ציג יאהר אלט, קיין היים.

— וואס האט איהר איצט צו זאגען, אז דער אורטייל געגען אייך זאל ניט ארויסגעזאגט ווערען? האט מיט א מאנאטאנער שטימע געפרעגט דער קלוירק.

— זאגען? זאגען? אז פריה — לינג וואלט איך געוואלט זיין פריי: ווינטער איז ניט אזוי שלעכט אין פריזאן, מען ליידט כאטש ניט פון קעלט.

— צוויי יאהר און עלף חדשים! — איז געקומען דעם ריכטער'ס קאלטע שטימע.

און מיט א צופריעדענעם שמייכעל אויף זיינע ליפען איז דער „פערברעכער" אוועק אין פריזאן.

קאָנקורענטען.

ווען מען האט זיי אריינגעבראכט אין געריכט האבען ביידע אויסגעזעהען שרעקליך. זייערע האר זיינען אין ווילדע פאסמעס געהאנגען ארום זייערע צובלוטיגטע, פערוואונדעטע פנים'ער. דערמאנענדיג אן עפעס פאנטאסטישע בילדער, וועלכע מיר זעהען אמאל און וואונדערען זיך אויב די געהירען פון דעם מאהלער וואס האט זיי געמאהלען, זיינען געווען אין ריכטיגען פלאץ.

צווישען די יאריקלאך בלוט, וואס זיינען לאנגזאם אראפגערונען פון זייערע פנים'ער, האט מען ניט געקענט באשטימען, אויב זיי זיינען יונג אדער אלט. זייערע קליידער זיינען געווען האלב־צוריסען און האבען נאכלעסיג, צוטראגען אראפגעהאנגען פון זייערע גוט־פארמירטע געשטאלטען.

די העכערע האט ווילד געשריען ווען דער דיקער קאורט־אנגעשטעלטער האט זי מיט גוואלד אריינגעשלעפט אין זאל און די נידריגע, די דיקערע האט משונה'דיג זשעסטיקולירט מיט די הענט.

— איך בין ניט שולדיג, איך בין ניט שולדיג! איך האב זיך ניט געוואלט שלאגען, זי האט דאך אזעלכע שארפע נעגעל! — האט די הויכע געשריען.

—ווארט. איך וועל דיר ערשט פיקסען! — האט געענטפערט די קלענערע.

טראץ דעם וואס זייערע קליידער זיינען געווען צוריסען פון דער מלחמה, וואס זיי האבען ערשט מיטגעמאכט האט מען דאך געקענט ארויסזעהן זייער קאסטבארקייט, און זייערע אויגען, עפעס

האבען זיי ניט אויסגעזעהן ווי די אויגען פון „ביליגע" פרויען, פון געוועהנליכע שלעגעריננס. עס איז מערקווירדיג ווי לייכט דאס פרימיטיווע באווייזט זיך אין מענשען, טראץ זיין אפגעגלאנצטער ציוויליזירטקייט.

— ער איז מייגער! מיר ליעבען זיך שוין מעהר ווי פיער יאהר, וואס פאר א רעכט האט זי צו איהם? איך פרעג וואס'רע רעכט?! — האט געשריען די קלענערע.

דער קאורט־אנגעשטעלטער האט זייביידע אוועקגעשטעלט פאר דעם ריכטער.

א קרומער שמייכעל האט באצויגען די ליפען פון ריכטער און האלב־שפאסיג האט ער געפרעגט:

— וועלל, ליידיעס, ווער האט געוואונען דעם „פאיט"?

עפעס האבען זיי זיך ביידע פערשעהמט פאר אט די ווערטער.

— יור האנאר, איך האב זיך קיינמאל ניט געשלאגען, אט די פערזאן האט זיך גענומען צו מיר — האט גענומען ריידען די העכערע, און מיט איין האנט האט זי געווישט די בלוט פון איהר פנים, אבער די קלענערע האט זי ניט געלאזט וויטער ריידען.

— פערזאן רופט זי מיר? זי ווייסט אפשר ניט ווער איך בין? זי ווייסט שוין גאר! אויספיינען וויל זי זיך, אז זי האט קיינמאל ניט געשלאגען? זי איז א פיינער מענש, הא? שלאגען זיך איז ניט שעהן, אבער אוועקנארען א צווייטער מיידעל'ס חתן איז יא שעהן?! שעהמען זאל זי זיך!

— ליידיעס, איהר וועט מוזען רעדען איינציגווייז, איך האב ניט קיין פיער אויערען, — האט לאכענדיג געזאגט דער ריכטער.

די קלענערע איז געווארען שטארק אויפגערעגט.

— עס איז ניט קיין געלעכטער, יור האנאר, עס איז זעהר טרויעריג! איך האב איהם זעהר שטארק ליעב, מיין גאנץ לעבען העננט אויף דער ליעבע. אזוי פיעל יאהרען שוין ווי איך חלום פון א גליקליך צוזאמענלעבען מיט איהם, און פלוצלונג קומט זי צוגעהן! זי מיט איהרע קאקעטישע חנ'דעלאך, זי וואלט דאך גע־קענט פארדרעהען דעם קאפ פון דעם בעסטען מאן!

די הויכע האָט צופריעדען געשמייכעלט. זי האָט פארגעסען איהר צושלאָגענע פּנים, פארגעסען די יאריקלאך בלוט, פארגעסען אַלעס, עס האָט איהר געפעלען דעם קאָמפּלימענט פון איהר קאָנ־קורענטין.

— און איצט לאַכט זי, איהר זעהט? ס'גלוסט זיך איהר צו לאַ־כען, זי דענקט אַז זי האָט געזיעגט! און דאָס רופט זיך אַן אנשטענ־דיג מיידעל! ס'איז ניט שעהן זיך צו שלאָגען, זאָגט זי, אָבער באהאלטען. ב'גנבה אוועקצונארען אַ צווייטער פרוי'ס געליעבטען, איז יאָ שעהן?

זי איז געווען זעהר אויפגערעגט, די קליינע, אפילו דער ריכטער האָט זי ניט געלאָזט אַ ווארט אויסריידען, אָבער טראָץ דעם אַלעס איז איהר שפּראַך דאָך געווען די שפּראַך פון אַ געבילדעטער פרוי.

— יור האָנאָר, זי לאָזט מיך ניט ריידען, אָבער איך פארזיכער אייך, יור האָנאָר, אַז איך בין ניט געוואוינט צו אַזעלכע בארבאַ־רישע —

און ווידער האָט איהר די קליינע אונטערבראָכען.

— בארבאריש רופט זי עס. שלאָגען זיך איז בארבאריש זאָגט זי! און קומען ווי אַ גנב קומט ביינאַכט, און זיך לאַשטשען צו אַ פרעמדען מאַן, דאָס איז ניט בארבאַריש! ווי אַ קאַץ קריכען — איצט איז די הויכע געוואָרען אויפגערעגט.

— יור האָנאָר, זי באַליידיגט מיך צופיעל! איך —

— ד ו? וואָס ווילסטו זאָגען?! — האָט ווידער געשריען די קליינע. — איך בין די קלעגערין! איך וועל ערשט ריידען! יור האָנאָר, זי האָט אוועקגענאַרט מיין געליעבטען, האָב איך זי דערפאַר אויסגעפּאַטשט!

— און דאָך זייט איהר די קלעגערין? — האָט לאַכענדיג גע־פרעגט דער ריכטער.

— יאָ, זי איז די ציוויליזירטע, אָבער שלאָגען קען זי זיך ווי אַ ווילדע. איך האָב איהר בלויז געגעבען עטליכע פּעטש, אָבער זי, זי האָט מיר צוריסען דאָס פּנים, אַזוי ווי אַ קאַץ.

— איך וועל ניט ערלויבען — האָט די אנדערע אָנגעהויבען צו ריידען, אָבער דער ריכטער האָט אויפגעהויבען א האַנט און האָט אין אַ שטרענגען טאָן ערקלערט:

— לאָזט מיך אויך ריידען אַ וואָרט.

און ווענדענדיג זיך צו דער קליינער האָט ער געפרעגט:

— זי האָט אַוועקגענומען אייער געליעבטען?

— אַוועקגענומען?! ניין, דאָס קען זי ניט! ער האָט מיך צופיעל ליעב!

— טאָ ווארום האָט איהר זי געשלאָגען?

— ווייל זי האָט מיט איהם צופיעל קאָקעטירט. **אמת**, ער איז א גוטער מאַן, אָבער דעם בעסטען מאַן קען אַ שלעכטע פרוי אראָפּ־פיהרען פון וועג!

— א שלעכטע פרוי וועט זי מיך רופען?! — האָט זיך ווילד צושריען די העכערע. — איך וועל איהר —

— גענוג, גענוג, ליידיעס! עס איז ווירקליך ניט שעהן. איהר האָט זיך שוין גענוג געשלאָגען. דעם מאָל וועל איך אייך פארציי־הען און לאָזען געהן אַהיים, אָבער פרובט נאָך אַיין מאָל קומען פאר מיר, וועל איך אייך שווער בעשטראָפען! איצט געהט אַהיים!

די שטימע פון ריכטער איז געווען אזוי שטרענג, אז ביידע האָ־בען געשוויגען און מיט אַראָפּגעהאנגענע קעפּ פארלאָזען דאָס געריכט.

די טראגעדיע פון א נאר.

און אזוי האט זיך דער טראגישער ראמאן פון א נאר, געענדיגט אין געריכט מיט דעם טויט הענגענדיג איבער זיין קאפ.

— — — — — — — — — —

— דארט אין דעם לאנד פון וואנען איך קום, איז זעהר שווער צו פארדיענען א סך געלד, אבער מ'קען שפארען, און איך האב זיך אויסגעלערענט ווי צו שפארען.

אט די רייד זיינע וועגען געלד האבען זעהר ניט געפאסט צו דער שרעקליך ערנסטער שטונדע פון זיין פראצעס.

געזעסען איז ער אויף דעם עדות שטוהל בלויז אויף אן עק, עפעס האט ער אויסגעזעהן, ווי ער גרייט זיך צום אוועקפליהען. ניט נאר זיין פנים, נאר אויך די אויגען האבען געהאט דעם אויס־דרוק פון פליהען... פליהען ארויף אין די גרויע וואלקענס, וואו מען רעדט ניט וועגען גערעכטיגקייט, וואו עס הערט זיך ניט די דור־נערנדע שטימע, מיט דעם בעשולדיגענדען פינגער פון דיסטריקט אטוירני... וואו קיינער שרייט ניט „מערדער, מערדער, מערדער!“, וואו עס זיצט א בלוי־ראקיגער וועכטער ביים עלענבויגען!... און וואו עס רוקען זיך ניט אזוי שנעל די אונבארעמהארציגע ווייזערס פון זייגען נעהענטער, נעהענטער צו דער שעה פון משפט...

אזוי וואכעדיג איז געווען זיין שטימע, נאר ניט אין איינקלאנג מיט דעם אויסדרוק פון זיין פנים.

— און אז כ'האב זיך אויסגעלערנט ווי צו שפארען, איז שוין געווען לייבט, — האט ער פארטגעזעצט — כ'האב זיך אימער גע־

זארגט פאר דער צוקונפט פון מיין פרוי און קינד, איך פלעג זיך שרעקען אז עפעס וועט מיט מיר געשעהן און דאן וועלען זיי בלייבען עלענד. און איצט, איצט בעגרייף איך עס גאר ניט אז איך האב אמאל אזוי געטראכט! — א זעהר ביטערער שמייכעל האט זיך בעוויזען ארום זיינע בלויע ליפען, און פון הויכען שטערען האבען טראפען שוויים אראפגערונען.

— אפגעשפארט האב איך צוועלף טויזענד פראנק, און דאן האב איך זיך שוין אביסעל ערלויבט צו לעבען. איין אבענד בין איך אוועק מיט מיין פרוי און קינד אין טהעאטער. עס איז געווען דער לעצטער גליקליכער אבענד פאר אונז אלעמען, — דא זיינען זיינע אויגען אנגעפילט געווארען מיט בענקעניש, — דעם צווייטען טאג האב איך זיך בעקענט מיט אידיטה'ן. זי איז מיר זעהר געפעלען. זי קען מיך שוין פון לאנג, האט זי געזאגט. זי האט מיך געזעהן אין טהעאטער יענעם אבענד. און זי האט געפרעגט אויב איך וועל זי ניט נעהמען אמאל אין טהעאטער, עס וואלט זי געמאכט זעהר גליקליך. אך, ווי זי האט אויף מיר דאן געקוקט מיט איהרע ליעבע גרויסע אויגען! באלד דאן בין איך געווארען איהר נאר! — און ארום זיין שוואך מויל איז ערשיענען דער אויסדרוק, וואס איז אזוי כאראקטעריסטיש צו דעם סארט „נאר“...

— און פון יענעם טאג איז מיין פארהארעוועט לעבען פארוואנדעלט געווארען אין א שטורמיש, ווילד גליק. א גליק, וואס האט ניט געפרעגט קיין פראגעס, זיך ניט גערעכענט מיט דער וועלט, מיט גערעכטיגקייט, א גליק וואס האט דערשטיקט געוויסען, פארמאכט די אויגען צו דאס אונאנגענעהמע. א גליק מיט אן אומגעזעטיגטען דורשט צו דאס פארבאטענע. אידיטה האט געוואוסט ווי צו פארדרעהען מיין קאפ. איהר יעדער בליק איז געווען פול מיט פארשפרעכונגען, אבער ניט מעהר... און האב איך געוואלט אין גאנצען גליקליך זיין, האט זי געשטעלט אלס פרייז — אמעריקא! פארגעסען האב איך אז מיין פרוי, פארגעסען אן דעם קינד, וועמעס קלענסטער וואונש איז פריהער געווען געזעץ ביי מיר; פארגעסען אן אלעס, וואס האט ניט בעריהרט אידיט'ן.

ער האט אנגעשפארט א האנט אויף א קניע און דעם קאפ אויף דער האנט און מיט א טיעפען זיפץ פארטגעזעצט:

— און איך האב געטהאן וואס אידיט האט געוואלט. געקומען מיט איהר אין אמעריקא. מיטגענומען מיין געלד, וואס האט מיך גענומען יאהרען לאנג אפצושפארען, געלאזען פאר מיין פרוי און קינד א נאריש בריוועלע מיט עטליכע הונדערט פראנק און געקומען, געקומען אהער! איך וויל איהר זאלט מיך פארשטעהן. איך וויל דא ניט פארדאמען אידיט'ן, זי האט זיך ניט געקענט העלפען. איצט איז זי טויט און איך וויל זי ניט פערלוימדען. זי איז נאר געוועזען אזוי ווי גאט האט זי בעשאפען. גאט האט איהר געגעבען א פאר ליעבע אויגען, וועלכע האבען נאר געקענט שמייכלען און רייצען — און אט אזוי וויל איך זי געדענקען.

זיינע אויגען זיינען אנגעפילט געווארען מיט טרעהרען און די ליפען צודרעהט פון וועהטאג.

— איך וויל פארגעסען יענע גרויזאמע טעג און וואכען, וואס האבען געפאלגט נאך די עטליכע גליקליכע מאנאטען, ווי לאנג מיין געלד האט געדויערט. שנעל זיינען פארשוואונדען די שנעל אפגעשפארטע פראנקען. אידיט האט א סך פערלאנגט און איך האב געגעבען...

דער הויכער, שטארקער, בלאנדער מאן, מיט דעם בלאסען פנים און מיט די ניט אויסגעווישטע טרעהרען אין די אויגען, האט פארלייגט זיינע ארעמס אויף זיין ברייטער ברוסט און מיט א טיעפען זיפץ פארטגעזעצט.

— און אז איך בין געווארען אן ארבייטער אין אמעריקא, האט אידיט שוין זעלטען געשמייכעלט. איהרע אויגען האבען אויפגעהערט צו רייצען. איך האב געדענקט, אז דאס זארגט זי זיך, וויל איך דארף זיך אזוי פלאגען. און דאן איז געקומען דער שרעקליכער טאג, ווען איך האב אויסגעפונען אז מיין געליעבטע איז מיר מעהר ניט טריי. א שרעקליכער טאג איז דאס געוועזען!

און זעהר שרעקליך האט אויסגעזעהן זיין גרויס פנים ווען ער האט דאס געזאגט, צודרעהט פון וועהטאג, נאס פון טרעהרען, מיט

פארקריצטע צייהן און פארביסענע ליפען האט ער שטר געקוקט פאר זיך.

— און עס האט ניט געהאלפען קיין רעדען, קיין בעטען, קיין סטראשען, קיין וויינען. גאט מיינער, ווי טויב זי איז געווען! א י ך האב שוין מעהר פאר איהר ניט עקזיסטירט. איצט איז עס געווען מיין פריינד, מיין ב ע ס ט ע ר פריינד, דער נאר!

א ווײלע שפעטער האט ער פארטגעזעצט:

— און איך בין אוועק. איך ווייס ניט ווי א מאן קען אזוי פיעל וויינען, ווי איך האב יענע טעג געוויינט. און א מאל האב איך זיך געהאלטען פאר א שטארקען מאן! יעדען טאג פלעג איך צוריקגעהן צו איהר און זי בעטען. און זי האט געלאכט פון מיר. דאן האב איך געקויפט א רעוואלווער, געשיקט א קויל אין מיין קאפ. אבער אויך דאס איז מיר ניט געלונגען, אזוי ווי אלעס געלינגט מיר ניט.

—און דאן? — האט דער ריכטער געפרעגט שטארק פעראינ־טערעסירט. נאך דעם ווי דער מאן האט א היבשע ווײלע געשוויגען.

— דאן? — האט ער געפרעגט, ווי ער וואלט זיך אויפגעכאפט פון שלאף, — אה, דאן, איך האב זיך לייכט פארוואונדעט, בין אפ־געלעגען עטליכע וואכען אין האספיטאל. און אז איך בין ארויס, בין איך געווען פול מיט נייע פלענער, וויל אין האספיטאל איז זי מיך געקומען בעזוכען, און זי האט א ז ו י ליעב געשמייכעלט! אבער אז איך בין געקומען צו איהר, האט זי זיך ענטזאגט צו וואוי־נען מיט מיר. און איך האב געקויפט א נייעם רעוואלווער.

— און דאן? — האט נאך א לענגערע פאוזע געפרעגט זיין אד־וואקאט.

— איך ווייס ניט, אויב איהר וועט מיר גלויבען, — און ווידער האט ער פארלייגט זיינע ארעמס, — אבער איך בין יענעם פריה־מארגען ניט געגאנגען צו איהר אום איך זאל ז י טויטען. ניין, איך בין געגאנגען זיך א ל י י ן טויטען פאר איהרע אויגען. אבער ווען איך האב אריינגעקוקט דורך דעם פענסטער און זי, מיין געליעבטע געזעהן אין בעט מיט מיין בעסטען פריינד, אין זעלבען

בעט, פאר וועלכען איך האב ערשט מיט א קורצער צייט צוריק בעצאהלט א שעהנע סומע פון מיינע היימישע פראנקען, דאן האב איך געזעהן רויט, רויט!... זיי האבען מיך גענומען אוועקטרייבען און איך האב פארגעסען, אז איך בין געקומען זיך שיסען. איך האב געשאסען אויף זיי. גאט מיינער, ווארום איז ניט געווען מעהר בולעטס אין דעם רעוואלווער?! ווען איך האב זיך דערמאנט, אז איך וויל שטארבען, איז שוין געווען צו שפעט. דער רעוואלווער איז געווען לעדיג!

זעהר ביטער האט ער געוויינט די גאנצע צייט וואס די דזשורי האט זיך בעראטהען. זיין שטארק פנים איז געווען צודרעהט פון וועהטאג.

די דזשורי האט געזאגט שולדיג, שולדיג אין מארד ערשטען גראד.

און מיט דעם וואלט זיך שוין פיליכט געענדיגט די טראגעדיע פון דעם נאר. אבער די דזשוראָרס האבען געבעטען רחמנות פאר איהם, זיי האבען מיטלייד געהאט מיט דעם אונגליקליכען נאר. און אפשר האבען מאנכע פון זיי פארשטאנען? און זיך געשראָקען פאר דער צוקונפט, זיך געשראקען, אז זיי קענען נאך אויך ווערען אזעלכע נאראנים?...

שלעכטע ווערטער.

די איז געוועזן א הויך געוואקסענע, צו־שנעל ענטוויקעלטע יונגע מיידעל. די אטמאספערע, אין וועלכער זי האט געלעבט, איז ניט געוועזן קיין ריינע. זי האט געהערט מעהר רייד צווישען איהרע בעקאנטע וועגען קערפערליכער ענטוויקלונג, ווי וועגען איינערליכער. און דאך איז דער אינסטינקט צו בעסערס געוועזן אזוי שטארק אין איהר, אז זי האט ניט געקענט דולדען די גראבע רייד, מיט וועלכע איהרע חברים האבען זיך בענוצט.

מען האט פון איהר געלאכט, זי האט פערשטאפט איהרע אויערען און געשטופט פון זיך דעם מאן, וועלכער האט צו יעדער געלעגענהייט געהאט א גראב ווערטעל. און ווייל זי האט עס ניט געוואלט דולדען, האט ער פרעכער געלאכט און מעהר גערעדט. זי האט איהם געווארפען די שער אין קאפ — און איצט איז זי אין געריכט אונטער א קלאגע פון אנגריף.

— ווי אלט זייט איהר? — שטעלט איהר אדוואקאט די געוועהנליכע פראגע.

— זיבעצעהן, — ענטפערט זי אין א קלאהרער שטימע, וועלכע ציטערט אביסעל. איהרע אויגען זיינען גרויסע, צושראקענע, און פארשענד קוקט זי זיך ארום. זי האט מורא פאר יעדער בעוועגונג אין קאורט־רום. אז עס געהט אריין אימיצער, בייט זיך איהר פארב, דאס כמעט קינדערישע בלאסע פנים ווערט נאך בלאסער, און איהר הויכע ברוסט הויבט זיך שנעל עהשט ווען די אנגעקומענער זעצט זיך אוועק. אטהעמט זי אב לייכטער, און לעגט אוועק איהרע דיקע הענט אויפ'ן שוים.

— דערצעהלט אונז, ווי דאס איז געשעהן, — פרעגט ווידער

איהר אדוואקאט, מיט אן אונאנגענעהמען טאן. ער איז אן אונ־בעקאנטע פיגור אין קרימינאל געריכט, ער איז פון די קליינע בלוט־זויגער, וואס רופען זיך אדוואקאטען, פון יענע, צו וועמען עס קו־מען די אונוויסענדע ארימע מאסע. מען לעגט אוועק דעם שיקזאל אין די הענד פון אזא אדוואקאט, מען קוקט אויף איהם, ווי אויף א גאט, און ער איז שטענדיג אונצופריעדען, ווייל ער קען פון אייך ניט אויספרעסען א ביסעל מעהר געלד.

— געשעהן? אה, עס איז געשעהן יעדען טאג — ענטפערט זי.

— איהר האט דאך ניט געווארפען א שער אין זיין קאפ יע־דען טאג? — ווערט שוין אויפגערעגט דער הויכער אדוואקאט מיט דעם קליינעם מוח.

— ניין. אבער דאס ארט מיך ניט. מיך ארט נאר, וואס ער האט א חוצפה צו רעדען אזוי צו מיר! — האט דאס מיידעל נאאיוו גע־ענטפערט.

דער אדוואקאט האט פערצווייפעלט פערווארפען זיינע לאנגע ארעמס, און עס האט אויסגעזעהן, אז באלד דונערט ער ארויס עט־ליכע אונאנגענעהמע ווערטער, ווען דער ריכטער, א יונגער, זעהר א סימפאטישער, האט פריינדליך געפרעגט:

— מיר מיינען ווענען יענעם טאג, ווי עס איז געקומען דערצו, אז איהר זאלט איהם ווארפען די שער?

— די שער? אה, די שער? עס איז זיין גליק, וואס איך האב ניט געהאט א שווערערע זאך אין די הענד.

— אבער דאס איז דאך א פערברעכען, — האט זיך ביי איהר ווי געבעטען דער ריכטער.

— א פערברעכען? און רעדען אזעלכע שרעקליכע רייד איז ניט קיין פערברעכען? איך וויים ווייניג ווענען גערעכטיגקייט, אבער איך זאג אייך. מען וואלט א י ה ם געדארפט איינשפארען און נ י ט מיר.

— אבער איהר האט דאך איהם געווארפען א שער אין קאפ און צושפאלטען זיין קאפ?

— מאכט ניט, זיין צונג איז נאך גענוג לאנג צו רעדען מיאוס'ע רייד צו יונגע קינדער.

א ווײלע איז אין געריכט געווען שטיל. דער ריכטער איז גע־ ווען זעהר סימפאטיש און דער לאיער האט זיך וואהרשיינליך בע־ דענקט, אז דער מיידעל'ס עלטערען וועלען פערשטעהן, אז ער טהוט ניט זיין „ארבייט", און ער האט מיט א פולער שטימע געפרעגט:

— וואס האט ער געזאגט?

דאס מיידעל איז שנעל אויפגעשפרונגען, ווי מען וואלט איהר געווען אבגעבריהט.

— דאס וועט איהר איהם דארפען פרעגען! דענקט איהר, אז איך וועל אזעלכע ווערטער איבעררעדען? איך בין ניט פון די, וואס גערענקען אזעלכע רייד! אבער איך ווייס, אז זיין מויל האט גענוג שלעכטס געטהאן!

— וואס מיינט איהר? — האט איהר דער ריכטער ווי פער־ שעהמט געפרעגט. ער האט פערשטאנען, אז זיין האלטונג איז ניט אזוי „ערהאבען" ווי דאס געזעץ פערלאנגט. אבער היינט האט ער זיך עפעס געפיהלט מעהר מענש ווי ריכטער...

— וואס מיין איך? וואס? איך מיין יענע צוויי מיידלעך פון אונזער שאפ. וואס געפינען זיך איצט אין געפענגעניש פאר אויסגעלאסענהייט, א דאנק זיין מויל.

— ווי קומט עס? — האט דער ריכטער ווייטער געפרעגט.

— זיי זיינען זעהר יונג, זיי זיינען אנגעקומען צו אונז ארביי־ טען, ווען זיי זיינען נאך כמעט קינדער געווען, און פאר די לעצטע פינף יאהר האבען זיי זיך איינגעהערט צו זיינע אויסגעלאסענע בעמערקונגען. מיט יעדען בלאט טאבאק וואס זיי האבען צונויפ־ געפרעסט. מיט יעדער סיגאר וואס זיי האבען געמאכט, האבען זיי געשלונגען זיינע גראבע וויצען, און וואס דענקט איהר האבען ד[י] וויצען פון זיי געמאכט? דאן האב איך ניט פערשטאנען. עס האט

מיך בלויז געעקעלט פון זיינע רייד, איך האָב זיי שוין ניט געקענט אויסהערען. האָב איך געוואָרפען אין איהם די שער.

— און ווי פערשטעהט איהר איצט?

— איצט האָב איך געהאט צייט זיך א ביסעל צו בעדענקען, אין געפענגעניש רעדט מען מיט אַנדערע. איך בין דאָרט געזעסען דריי וואכען, ווייל מיינע עלטערען האָבען ניט געקענט געבען די פינף הונדערט דאָלאר בייל פאר מיר. איך האָב זיך דאָרט בעקענט מיט א פרוי, אפשר קענט איהר זי? די, מיט די דיקע גע־פארבטע האר. זי איז אַ גוטע, זי איז ניט אַזוי שלעכט ווי איהר דענקט. אמת, זי שפייט אַ סך, אָבער דאָס, זאָגט זי, איז פון רוי־כערן. ווען איך האָב איהר דערצעהלט וועגען יענע מיידלעך, האָט זי געזאָגט, אז איך בין אַ גליקליכע, וואָס פון מיר איז אויך ניט געוואָרען אַ גאסען מיידעל ווי פון זיי, ווייל זי זאָגט, אז ער מיט זיינע רייד האָט געהאָלפען די מיידלעך ווערען אויסגעלאסען. איהר פערשטעהט? און זי ווייסט, וואָס זי רעדט, איהר דאַרפט הערען וויפיעל זי האָט שוין איבערגעלעבט.

די דזשוראָרס זיינען געווען מיטעל־יעהריגע, קאַלטע מענשען, וועלכע האָבען זיך שטרענג געהאַלטען ביים אות פון געזעץ, און זי ערקלערט שולדיג.

אָבער דער יונגער ריכטער האָט לאַנג, לאַנג געטראַכט איידער ער האָט אַרויסגעזאָגט זיין אורטייל. דאַכט זיך אז דער מיידעל'ס בעקאַנטשאַפט מיט דער געפאַרבטער פרוי, וואָס שפייט אַ סך, האָט איהם ניט געפעלען, ער האָט ערנסט געשאָקעלט מיט זיין קאָפּ, ווי ער וואָלט דעבאַטירט מיט זיך אליין, וואָס צו טהאָן.

ענדליך האָט זיין געוויסען געזיעגט. ער האָט דאָס מיידעל אהיים געשיקט. אָבער צו ערשט האָט ער געהאַלטען אַ לאַנגע רעדע וועגען מענשען, וואָס טהוען שלעכטס אין דעם מאָמענט פון אויפ־רעגונג.

אין קאָרידאָר, עטליכע מינוטען שפּעטער, איז דאָס מיידעל

געשטאנען א שטומע, פעסט צוגעטוליעט צו איהר פערדארטער מור־טער ברוסט, און עטליכע טריט ווייטער איז געשטאנען צווישען א גרופּע מענער און פרויען דער קלעגער — א הויכער בלייכער מאן מיט ציניש שמייכלענדע ליניען ארום זיין דיקען מויל, און קור־קענדיג פרעך אויף איהר האט ער בעמערקט:

— א שעהן מיידעל מעג אלעם.



אויסגענארט.

ביידע זיינען געווען עלטערע מענשען. צוויי און דרייסיג יאהר פארהייראט, געלעבט כמעט גליקליך ביז — אבער מיר וועלען זיי אליין לאזען דערצעהלען:

— אט דער שניט, ס'טהוט נאך וועה, וועט בלייבען אן אייביגער צייכען אויף מיין באק — האט זי געזאגט און זיך ברייטליך אוועקגעזעצט אין דעם עדות־שטוהל.

זי איז זיך געווען א געמיטליכע, מיטעל־יעהריגע פרוי, מיט אן אפגעהיט פנים און מיט זעהר ווענינ גרויע האר. איהרע קליידער זיינען געווען קאסטבאר, עלעגאנט, ניט שרייענד. איבערהויפט האט זי געמאכט דעם איינדרוק פון זעהר א צופריעדענעם מענשען.

— איהר זעהט ווי טיעף דער שניט איז? — האט זי געפרעגט דעם ריכטער. און איהרע אפגעהיטע ווייסע האנט האט אנגעוויזען אויף א קוים פארהיילטען רויטען שניט אויף איהר לינקער באק.

— מיט וואס האט ער אייך אזוי צושניטען? — האט מיט סימפאטיע געפרעגט דער ריכטער.

— א טעלער האט ער מיר געווארפען אין קאפ.

— ווי לאנג זיית איהר פארהייראט?

— צוויי און דרייסיג יאהר, מיר האבען שוין עטליכע אייניקלעך.

— און מיט א מאן וואס ווארפט אייך טעלער אין קאפ, זייט איהר געווען צוזאמען צוויי און דרייסיג יאהר?

— ער. ער פלעגט דאס פריהער ניט טהאן, — האט זי שטיל געענטפערט און עפעס פערשעהמט געקוקט אויף די שפיצען פון איהרע עלעגאנטע שיכלאך.

דער מאַן, וועלכער האָט אויסגעזעהן שוואכער, קלענער און פיעל עלטער פון איהר, האָט איצט איראָניש געשמייכעלט.

— און פאַרוואָס האָט ער זיך פּלוצלונג געביטען? — האָט גע־פרעגט דער ריכטער.

— ער איז געווען קראַנק און פון דאַן אָן דאכט זיך איהם, אַז איך בין שלעכט — האָט זי געענטפערט ווערענדיג לעבעדיגער.

איהרע רוהיגע אויגען האָבען געקוקט מיט אַ זיכערען בליק אויף דער דזשורי, איהרע ברייטע פּלייצעס האָבען זיך שטאָלציך אויסגעגלייכט און זי האָט געזאָגט:

— איך וואָלט איהם ניט געקומען פאַרקלאָגען, איצט מהוט מיר שוין לייד. אַ נאַר דאַרף מען פאַרצייהען. אָבער, אָבער די וואונד איז געווען אַן ערנסטע און אין האָספּיטאַל האָט מען מיר צוגערעדט, אַז איך טאָר אַזא פערברעכען ניט פאַרשווייגען.

זי איז וואהרשיינליך געווען שטאַרק צופריעדען מיט דעם איינ־דרוק, וואָס איהרע רייד האָבען געמאַכט אויף דעם ריכטער און אויף דער דזשורי. זי האָט זיך שוין געוואָלט צוריקציהען, ווען איהר מאַנ'ס אדוואָקאַט האָט איהר אַ געמאַכטער זיסער שטימע געפרעגט:

— ווי קומט עס, מאַדאַם, אַז איהר האָט געלעבט צוויי און דרייסיג יאָהר מיט אַ נאַר?

— דאָס איז מיין געשעפט! — האָט זי בייז געענטפערט און איהר רוהיג פּנים איז געוואָרען שטורמיש.

— איהר ווערט שוין בייז? אַ ביסעלע צו שנעל, מאַדאַם. דערצעהלט אונז בעסער, וואָס האָט געפיהרט צו דעם קלימאַקס מיט'ן טעלער איז באַק?

די פרוי האָט ניט געענטפערט, אָבער אַ טיעפע רויטקייט איז פאַרלאָפען איהר פּנים.

— זאָל איך דערצעהלען? — האָט געפרעגט דער לאָיער.

— ווער ווייסט וואָס פאַר אַ נאַרישקייטען ער האָט אייך אָנ־דערצעהלט! די לעצטע צייטען ווייסט ער ניט וואָס ער רעדט!

— אייער מאַן איז מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק אפּערירט גע־וואָרען?

— יא. — האט זי קורץ, ניט ווילענדיג געענטפערט.

— איהר האט געדענקט, אז ער וועט פון דער אפעראציע שטאר־בען?

— יור האנאר, איך פראטעסטיר! — האט די פרוי געשריען.

— גוט. איך האב שוין מיין ענטפער! האט דער אדוואקאט צופריעדען געלאכט.

— האט ער אייך פארשריבען געוויסע צוויי הייזער, ווען ער איז אוועק איז האספיטאל?

— ער האט מיר די הייזער געגעבען!

— קענט איהר זיך דערמאנען, וואס ער האט אייך דאן גע־זאגט?

— ניין!

— וועל איך אייך דערמאנען. — און דער אדוואקאט האט פאר־געלעזען פון א לאנג בלוי פאפיער: — צוויי הייזער, איינע גע־פינט זיך אין דער עלפטער סטריט נומער — און איינע אין דער דרייסיגסטער סטריט, נומער — שרייב איך איצט איבער אויפ'ן נאמען פון מיין פרוי לינא, זי דארף די „דיעדס“ רעקארדען ערשט נאך מיין טויט. ווען די הייזער וועלען צו איהר באלאנגען. קום איך אבער ארויס א לעבעדיגער פון דער אפעראציע, דארף זי מיר צוריק אוועקגעבען די הייזער. איצט — האט ער איהר דערלאנגט דעם פאפיער — דערקענט איהר אייער מאנ'ס האנד־שריפט?

— יור האנאר, ווער א י ך דא פראצעסירט? איז דאס א סיוויל פראצעס וואו מען קלאגט זיך פאר געלט? אדער ווערט ע ר דא פראצעסירט פאר אנגריף?! — האט זי בייז געפרעגט.

— עס האט אבער צו טהאן מיט דער אנגריף־קלאגע, — האט דער ריכטער געזאגט. — איצט איז ער שוין געוועזן ווייניגער סימ־פאטיש.

— איז דאס אייער מאנ'ס האנד־שריפט? — האט ווידער גע־פרעגט דער אדוואקאט.

— ווער האט איהם געהיט? ער קען דאך אנשרייבען, וואס ער

וויל! יא. עס איז זיין האנד־שריפט, אָבער איך האָב זיך דאָך ניט אונטערגעשריבען!

— איהר זייט זעהר אַ קלוגע, מאדאם, ער האָט אייך געהיי־סען אונטערשרייבען און איהר האָט געלאכט פון איהם און פער־שפּראָכען, דערוויל איז ער געוואָרען שטארק קראנק און האָט אַן דעם פערגעסען. ווען ער איז געזונט געוואָרען האָט איהר זיך ענט־זאגט צוריק אָוועקגעבען די הייזער, פאַרוואָס?

— ווייל. אויב ער איז מיר אַ געטרייער מאַן, איז נאָך צוויי און דרייסיג יאהר פאַרהייראַט לעבען, קען ער דאָך מיר געוויס גע־טרויען?

— און אז ער האָט ניט געוואָלט, האָט איהר איהם גערופען אַלטער נאַר, געלאכט פון איהם. געקאָרגט דאָס נויטיגסטע פון איהם און זיך אַליין האָט איהר ארומגערינגעלט מיט לוקסוסען. ער האָט דאָך געאַרבייט פאַר דעם פאַרמעגען?

— אָבער ער איז איצט צו שוואך זיך אָבצוגעבען מיט גע־שעפטען.

— איהר זייט זעהר אַ געטרייע פרוי — האָט דער אדוואָקאַט איראָניש געשמייכעלט. — אויב איהר זייט איהם אַזוי געטריי. טאָ ווארום האָט איהר איהם געלאָזט גאַנצע נעכט אַליין? און ער האָט אפילו ניט געהאַט וועמען ס'זאָל איהם אַ גלאָז וואסער דערלאַנגען?

— אויב ער איז קראַנק, זאָל איך מיך שוין איינגאַנצען צוביג־דען צום בעט? איך וויל נאָך לעבען.

— דערפאַר האָט ער טאַקע געוואָלט די הייזער צוריקנעהמען. ווען ער האָלט דאָס געלד זייט איהר איהם אַביסעל מעהר געטריי.

— געוויס. דאַן וואָלט ער מיך גערדריקט און געשטיקט, איך וואָלט ניט געהאַט אַן אייגענעם סענט!

— האָט איהר זיך בערעכענט, בערעכענט בעסער ע ר ווי א י ה ר! זעהר קלוג, מאַדאַם, אָבער איהר האָט אַביסעל צו שטאַרק איינגעצויגען דאָס שטריקעל. צום ביישפּיעל, יענעם אָבענד, אין דער געביידע, האָט אויסגעבראָכען אַ שרפה, פרעמדע מענשען

האָבען אייער מאַן פון בעט ארויסגעטראָגען, ער איז שיער ניט פארברענט געוואָרען און איהר זייט אין דער אָפּערא געווען.

— איך האָב דאָך גיט געוואוסט פון פייער.

— אמת, אבער איהר האָט דאָך געקענט זיינע קראַנקע צו־שראָקענע נערווען באַרוהיגען, אַנשטאָט דעם וואָס האָט איהר גע־טהאָן? יענע נאַכט האָט איהר געלאַכט פון איהם, און אז ער האָט אייך געוואָרפען אַ טעלער, זייט איהר געקומען אין געריכט? שעה־מען מעגט איהר אייך. מאַדאַם!

דער קליינער, גרויער אַנגעקלאָגטער האָט צופריעדען געשמיי־כעלט, און זיין פרוי האָט איהם מיט בייזע בליקען געפּרובט שיסען.

און ווען ער איז פריי־געשפּראָכען געוואָרען האָט איהר שטאַרק פארדראָסען. צוויי־און־דרייסיג יאָהר צוזאמען לעבען האָט פון זיי געמאכט שונאים...

„דער לעבעדיגער מת“.

איז קאָורט איז אַריין אַ מאַן אין די מיטעלע יאָהרען, אַ קליין געוואקסענער מיט אַ געל צוקנייטשט פּנים, קליינע אויגען וועלכע זיינען טיעף אריינגעזונקען אין קאָפּ. ער איז מיט שנעלע טריט צוגעגאנגען צום קעפּטען און אוועק שטופּענדיג איהם, האָט ער געוואָלט ווייטער געהן.

דער קעפּטען האָט איהם אָבגעשטעלט מיט אַ פראַגע, וואו ער וויל געהן.

„איך וויל צוגעהן צום דזשאַדזש“ — האָט ער ערקלעהרט שטופּענדיג זיך נעהענטער.

א לאָיער וואָס האָט געהאַלטען אַ רעדע האָט זיך אָבגעשטעלט, די אנוועזענדע האָבען זיך אונטערגעהויבען פון זייערע פּלעצער, אין קאָורט איז געוואָרען אַ טומעל.

דער דזשאַדזש האָט געקלאַפּט אָרדער, און געפרעגט:

— וואָס פארלאנגט איהר? —

— איך קען אייך פון אזוי ווייט ניט זאָגען, איך מוז צוקומען נעהענטער — האָט ער געענטפערט און האָט זיך ווידער געשטופּט.

דער קעפּטען האָט איהם ווידער אָפּגעהאַלטען און דער דזשאַדזש האָט אונגעדולדיג אויסגעשריען:

— רעדט פון דאָרט, וואָס ווילט איהר?

— איך וויל צוגעהן נעהענטער, איך וויל איהר זאָלט פיהלען מיין קערפּער. —

דאָ איז שוין דאָס שושקעריי פון די אנוועזענדע געוואָרען העכער, מאנכע האָבען זיך גענומען איבערקוקען און ציינען מיט זיי־

ערע פינגער אויף די קעפ, דער קעפטען האט מיטביידע הענד אנ־געכאפט דעם מאן, זאגאר דער שטרענגער אויסדרוק פון דזשאדזש'ס פנים האט זיך געביטען אויף מיטלייד.

אלע האבען געשוויגען און געקוקט אויף דעם מאן, דענקענדיג, אז ער איז געריהרט פון זינען.

— איך וויל איהר זאלט מיר זאגען אויב איך לעב, אדער איך בין טויט. — האט ער ערקלעהרט קוקענדיג גלייך אויף דעם דזשאדזש.

עס האט אויסגעבראכען א הילכיג געלעכטער, אפילו דער דזשאדזש האט געשמייכעלט.

— איהר לאכט? אייך איז לייכט צו לאכען, פאר מיר איז דאס אבער זעהר וויכטיג, און איך וויל איהר זאלט מיר ענטפערען.

— ווער זאגט דען, אז איהר זייט טויט? — האט דער דזשאדזש געפרעגט, קוים איינהאלטענדיג זיך פון געלעכטער.

— מיין פרוי, זי זאגט, אז איך בין געשטארבען, דענקט איהר אויך אזוי?

— געוויס ניט — האט דער דזשאדזש הויך געלאכט.

— טא גיט זשע מיר א וואראנט, וועל איך זי לאזען ארעסטי־רען.

— ארעסטירען, פאר וואס? — האט דער דזשאדזש געענט־פערט, ווערענדיג ערנסט.

— ווייל זי זאגט, אז איך בין טויט.

בעמערקענדיג דאס אלע לאכען, האט ער פארטגעזעצט:

— מיט עטליכע יאהר צוריק בין איך אוועק פון איהר, ניט קענענדיג מעהר אויסהאלטען איהרע קללות. איך האב איהר ניט געשריבען, אבער איהר ווייסט דאך, די צייט היילט אלץ, איך האב פערגעסען אז איהר שלעכטקייט, און גענומען בענקען נאך איהר. נעכטען האב איך מיך צוריקגעקעהרט און זי געטראפען וואוינענדיג מיט א צווייטען, מיט א געוועזענעם בארדער.

דא האט ער זיך ארומגעקוקט אויף די אנוועזענדע און בע־

מערקענדיג, דאס פיעלע זיינען שוין געווארען ערנסט, האט ער ווייטער דערצעהלט:

— ווען איך בין אריין, האט זי גענומען שרייען, אז איך בין געשטארבען, אז זי איז זיכער, אז איך בין טויט! און זי האט מיך ארויסגעיאגט. היינט ווען איך בין צוריקגעקומען האט זי ווידער גענומען שרייען, אז איך בין טויט, און דאס האט מיך אזוי אויפּגערעגט, אז איך וויל זי לאזען ארעסטירען.

— איהר קענט איהר פאר דעם ניט לאזען ארעסטירען, איהר קענט איהר קלאגען פאר א גט — האט דער דזשאדזש ערקלערט, א מאך טהוענדיג מיט דער האנד אז ער זאל ארויס.

— שעהנע גערעכטיגקייט — האט ער, דער „טויטער“, בייז געמורמעלט, לאנגזאם ארויסגעהענדיג פון קאורט־רום.

פייער!

אלע טאג קומט זי אין קאורט, זעצט זיך אוועק אין זעלבען ווינקעל, אין איהרע גרויסע גרויע אויגען איז דער זעלבער הונגעריגער אויסדרוק, עפעס זעהען זיי אזוי אויס, ווי זיי וואלטען געוואלט איינשלינגען דעם דזשאדזש און די דזשורי, וועלכע וועלען אורטהיילען איהר מאן.

זיין פראצעס איז א לאנגער אבקומעניש פאר איהר. שוין דעם עלפטען טאג ווי ער געדויערט. די בעווייזע זיינען מעהרסטענס טהייל טעכנישע, מען וויל איבערצייגען, דאס ער האט געמאכט א פייער אין זיין פעקטארי.

די פערטרעטער פון די אינשורענס קאמפאניעס דערצעהלען וועגען די גרויסע סומע געלד וואס ער האט ביי זיי אויפגעמאנט, זיינע אנגעשטעלטע דערצעהלען דאס עס איז געווען „סלעק“ א לאנגע צייט, און יעדער בעוויין צייגט דאס דער פייער איז געווען א געמאכטער.

די פערטיידיגונג איז, אז דער פייער האט זיך גאר ניט אנגעפאנגען אין דעם פלאץ פון אנגעקלאגטען, זאנדערן אויף דעם נעקסטען פלאר.

דעם לעצטען טאג פון פראצעס רופט מען איהר ארויס אלס עדות. א דערשראקענע ענטפערט זי אויף יעדער פראגע פון דיסטריקט אטוירני.

איהר ברוסט הויבט זיך שנעל, שנעל. מ'קען זעהן דאס זי מאכט דורך א שרעקליכען קאמפף מיט זיך אליין, יעדעס מאל ווען זי זאגט א ווארט.

לאנג געדויערט דער קרייץ־פערהער, און די גאנצע צייט האלט איהר קערפער איין ציטערען.

מיט אראבגעלאזענע אויגען גיט זי צו, דאס די לעצטע צייטען זיינען זיי ניט געווען גוט אפ פינאנציעל.

און ווען עס דאכט זיך אז באלד, באלד הערט מען זי שוין אויף צו פלאגען מיט פראגען, הערט זיך פלוצלונג א יאמערליכער געשריי פון איהר, ווי א קנויל ווערט איהר קערפער צוזאמענגע־דריהט און זי פאלט איין חלשות.

איהר געשריי קומט אלס ענטפער צום דיסטריקט אטוירני'ס פראגע: „זייט איהר בעקאנט מיט מרס. אייבראמס?" די פראגע שטעלט ער קוקענדיג גלייך אין איהרע פערוויינטע אויגען.

געוויס ווערט יעדער איבערראשט פון איהר היסטערישע, אויס־ברוך, און אלע העלזער ציהען זיך אויס און אויערען שטעלען זיך אן, ווען דער דיסטריקט אטוירני רופט אלס זיין נעקסטען עדות מרס. אייבראמס, נאך דעם ווי דער לאיער ערקלערט אז די פער־טיידיגונג איז געשלאסען.

מרס. אייבראמס איז א דיקע פרוי אין די מיטעלע יאהרען. זי פערלעגט איין דיקע האנד אויף דער צווייטער און מיט אן אונ־פריינדליכע שטימע דערצעהלט זי פאלגענדעס:

— איך בין א ווארטס־פרוי, געה צו קינדפעטאריגס, געוועהנליך הער איך מיך אן זאכען, וואס מ'וויל איך זאל פערגעסען, — און זי גיט צו מיט א צופריעדענעם געלעכטעריל — איך פערגעס אבער ניט.

— מיט אכט יאהר צוריק האט מען מיך גערופען צו דער ליידי, דאס איז געווען איידער זי איז נאך געווארען אזא סוועלע. — מיט שפאט — זי רופט דאך בלויז נוירסעס יעצט!

— זי איז דאן געלעגען געווארען מיט איהר ערשטען קינד, זי איז געווען יונג. זי האט דא קיינעם ניט געהאט. איין טאג איז זי פלוצלונג זעהר שוואך געווארען, איך האב געוואוסט דאס עס איז ניט אזוי געפעהרליך, אבער זי האט זיך זעהר דערשראקען און זי איז געווען זיכער דאס זי וועט באלד שטארבען. מיט טרעהרען האט

זי בעוויינט איהר קליין קינד און געשריגען „מיט וועמען זאל איך דיך לאזען? מיט וועמען?!“

— וואס איז, אויף אייער מאן געטרויעט איהר גאר ניט דאס קינד? — האב איך געפרעגט.

— איך האב מורא — האט זי ערקלערט, און אין געבראכענע ווערטער האט זי מיר דערצעהלט: „עס איז געווען מיט עטליכע מאנאטען צוריק, באלד נאך דעם טויט פון מיין מוטער, מיר זיינען געווען זעהר שלעכט אב, מיין מאן האט ניט געהאט קיין דזשאב און איך בין געווען אין אזא לאגע. אונזערע אומשטענדען זיי־נען געווען אזוי שרעקליך, דאס עס איז אויסגעקומען מיר זאלען זיך נעהמען דאס לעבען. איין אבענד איז מיין מאן אהיים געקומען אן אויפגערעגטער און מיר ערקלערט אז דער איינציגער וועג איז דאס ער זאל מאכען א פייער אין הויז, און מיט דער אינשורענס ווע־לען מיר זיך קענען רעטען“.

די דיקע פרוי קוקט זיך ארום, פעררוקט זיך איהר העמד און דערצעהלט ווייטער:

— עס האט מיך געפיבערט ווען זי האט מיר דאס דערצעהלט. זי איז געווען קאלט, איך האב זי אונטערגעהאלטען און זי האט קרעכצענדיג ווייטער גערעדט:

„איך בין א טויטע געבליבען, איך האב געוויינט. ביי איהם זיך געבעטען, איהם אנגעצייגט אויף דעם געפאהר פאר א הויז מיט מענשען, און ווען דאס האט ניט געהאלפען, האב איך איהם געווארענט דאס מען וועט אלעס אויסגעפינען, די שכנים וויסען, אז ער ארבייט ניט, מען וועט זוכען און מ'וועט איהם ארעסטירען. איך האב געקלאגט און געוויינט און ס'האט ניט געהאלפען

„זיין פלאן איז געווען אזא: ער וועט זיך אויסטהאן און זיך אריינזעצען אין א וואנע וואסער. איידער ער וועט דאס טהאן, וועט ער אנצינדען א שטיקעל מעבעל, ווען דאס וועט זיך צוברענען וועט ער זיין אין וואסער און קיינער וועט איהם ניט פערדעכ־טיגען. אזוי איז געווען. איך האב איהם געזעהן אריין אין באטהד רום, איך בין געבליבען א האלב טויטע, דא איז אריינגעקומען א

שכן, ער האָט מיט מיר גערעדט וועגן פערשיעדענע זאכען, איך ווייס ניט וואס איך האָב איהם געענטפערט, ווייל מיין גאנצער קערפּער איז מיר געווען ווי אָבגענומען, איך האָב זיך בלויז איינגע־הערט וואס ס'טהוט זיך אין בעד־רום. ס'האָט מיר אויסגעוויזען דאָס שטענדען זיינען פּאַראיבער, איך ווייס ניט וואס איך האָב דעם שכן געענטפערט, אָבער יענע צייט וועל איך קיינמאָל ניט פער־געסען —"

דאָ איז זי צוריקגעפאלען זעהר אָ מיעדע. זי האָט מיך גע־בעטען איך זאָל דאָס קיינעם ניט דערצעהלען. שפּעטער האָט זי מיר ערקלערט דאָס פון פייער איז גאָר ניט געוואָרען, ווייל איהר מאַן האָט חרטה געקראָגען און דאָס אליין אויסגעלאָשען.

די גאנצע צייט וואס די פרוי האָט דאָס דערצעהלט, האָט אין קאורט רום געהערשט אַ טויטע שטילקייט, דער אַנגעקלאָגטער איז געזעסען אַ געבויגענער, פּארדעקענדיג זיין פּנים מיט ביידע הענד, זיין פרוי האָט שטיל געוויינט, און איהר קאָפּ איז געווען אַנגעשפּארט אויף די פּלייצעס פון אַ פריינד.

— זי האָט אייך געבעטען ניט אויסזאָגען, און איהר שעהמט אייך ניט צו דערצעהלען דאָס, וואָס אַ היסטערישע שטערבענדע פרוי האָט אייך דערצעהלט, דענקענדיג אז עס איז איהר לעצטע מינוט ? ! האָט געפרעגט דער אַנגעקלאַגטערס לאָיער.

— אויב ער האָט דאָס איינמאָל געטהאָן איז גאַנץ מעגליך, ער זאָל דאָס נאָך אַמאָל טהאָן ! ענטפערט זי, און די דזשורי שיינט אויך אזוי צו דענקען, ווייל עס נעהמט זיי ניט לאַנג און זיי געפינען איהם שולדיג.

„בען ד. דוד“.

בען ד. דוד“ האט מען איהם גערופען, און אלע די וואס וויסען נאר עפעס וועגען „בעוואוסטע“ גנבים קענען איהם, אדער זיי האבען געהערט פון איהם.

דעם נאמען האט מען איהם געגעבען ווייל ער האלט זיך נעט און עלעגאנט. זיינע מאניערען זיינען גאנץ גוטע און זיין טאן א געשעפטסמעסיגער. ער רעדט שנעל און די וואס קענען איהם ניט, ווערען הינגעריסען פון זיין העפליכקייט.

ער רופט כמעט אלע געריכטס אנגעשטעלטע ביים נאמען, און טהוט זיך שטארק אויף מיט דעם פאקט (?), אז ער איז מיט איינעם פון די ריכטער אין דערזעלבער שוהל געגאנגען, ווען זיי זיינען נאך ביידע קליינע אינגלאך געווען.

דעם מאל האט ער ניט געהאנדעלט לויט זיין געוואהנהייט; ער האט זיך ניט געאיילט צו איבערציינגען אלעמען ווי אונשולדיג ער איז, עפעס איז אין זיין טאן געווען אן ענטשלאסענהייט.

און דעריבער, ווען דער לאיער האט ערקלעהרט צו דער דזשורי: דזשענטעלמען! דער אנגעקלאגטער וועט אייך עטוואס זעהר וויכטיגעם דערצעהלען — האבען זיך בעוויזען שמייכלען אויף די פנים'ער פון די מעהרסטע דזשוראָרס און אויך ביי די אנוועזענדע. מען האט לייכט געקענט זעהן, אז מען ערווארטעט די געוועהנליכע „באבע מעשה“, וואס יעדער גנב דערצעהלט.

ער איז געווען א מאן פון מיטעלען וואוקס, „ אן אלטער פערברעכער“. מיט שנעלע טריט איז ער ארויף אויפ'ן וויטנעס־סטענד און אין א קלינגענדער שטימע האט ער ערקלערט:

— איך האָב געשוואָרען צו זאָגען דעם אמת. איך ווייס אַז איהר גלויבט ווייניג אין דער שבועה פון אַ גנב. איך בעט אייך ניט אַז איהר זאָלט מיר גלויבען, אורטיילט פאַר זיך אַליין.

זיין געקרויזעלטע קאָפּ האָר, זיין גרויסער נאָז, זיינע קליינע שאַרפע אויגען, האָבען גערעדט; אַלץ האָט גערעדט אין אַ שטאָל צען טאָן, ניט ווי אַ בעשולדיגטער, נאָר ווי אַ קלאָגער.

איך בין אויפגעוואַקסען אין אַ געגענד פון ניו יאָרק, וועלכער איז מיט יאָהרען צוריק שוין געווען געדיכט בעוואוינט.

עס איז געווען אַ יום־טוב. מיר, באָיעס, האָבען געשפּיעלט באָל. איך האָב אימער געגליכען באָל שפּיעלען. אָבער דאָס אינטערעסירט אייך ניט — האָט ער צוגעגעבען מיט אַ שמייכעל.

— עס האָט אויסגעבראָכען אַ פייער, עס איז געוואָרען אַ טומעל. מיינע חברים זיינען אויך געלאָפען צום פייער און איך נאָך זיי. אין געדראַנג האָט מיר איינער פון מיינע בעקאַנטע דער־לאַנגט אַ וואָטש. איך האָב דאָס אוועקגעלייגט. באַלד איז גע־וואָרען אַ טומעל. אַ מאַן האָט געשריען: מען האָט איהם בע־גנב'עט.

— אַ קליין מיידעלע האָט ערקלערט, אַז זי האָט ביי מיר גע־זעהן די וואָטש. איך בין אַרעסטירט געוואָרען און ווייל איך האָב ניט געוואָלט אויסזאָגען ווער עס האָט מיר געגעבען די וואָטש, האָט מען מיך פערשיקט אין רעפאָרמאַטאָרי.

דאָ איז ער אויף אַ ווײַלע אַנשוויגען געוואָרען און פערלייגעג־דיג איין פוס אויפ'ן צווייטען, האָט ער פאָרטגעזעצט:

— דאָס אַלץ איז פאַר אייך ניט וויכטיג, אָבער פאַר מיר איז דאָס געווען דער אָנפאַנג פון מיין פערברעכערישען לעבען.

— איך בין אַלט געווען זיבעצעהן יאָהר, ווען איך בין אַרויס פון רעפאָרמאַטאָרי און, דזשענטעלמען, איך בין געווען „רעפאָר־מירט“ — האָט ער ביטער געלאַכט.

— מיינע עלטערען — איך האָב אויך אַמאָל געהאַט עלטערען, עלטערען וואָס האָבען מיך שטאַרק געליעבט — זיינען געווען די בעסטע מענשען אין דער וועלט.

— מיין פאטער האט פאר מיר מיט שווערע מיה געפונען א דזשאב.

— איך האב געארבייט צוויי מאנאטען, ביז א „פריינד" האט מיין באס דערצעהלט וועגען מיין פערגאנגענהייט.

— שפעטער — דריי אנדערע דזשאבס, מיט'ן זעלבען רעזולטאט. דאן עטליכע מאנאטען אהן ארבייט און אהן געלד.

— איך האב זיך בעגעגענט מיט חברים פון זעלבען „רעפארמעטאָרי". זיי האבען געלאכט פון מיין „עהרליכקייט", זיי זיינע שוין געווען „פולע גרעדיוּאייטס".

— פאר דעם נעקסטען פערברעכען בין איך אוועק אין פעניטענשערי. נאכדעם אין סינג־סינג אויף עטליכע יאהר. איך בין שוין געווען א „פּאָלשטענדיגער" גנב.

— פון סינג־סינג בין איך ארויס שטארק געבראכען אין גייסט

— און דא איז דער בעשולדיגענדער אויסדרוק געביטען געווארען אויף אן ערנסטען, פול מיט רחמנות צו זיך אליין.

— איך האב פערמאגט צעהן דאלאר, די פערדיענסט פון עטליכע יאהר פריזאן־ארבייט. איך האב איינגעזעהן דאס א לעבען פון פערברעכען בעצאהלט זיך ניט און איך האב בעשלאסען צו זיין גוט.

— איך בין אוועק צו א שוועסטער. יענע וואס האט מיך נאך ניט אוועקגעשטויסען פון זיך. זי האט געהאט צוויי קליינע מיידעלעך. זיי האבען מיך שטארק ליעב געהאט און איך האב אזוי געוואלט זיין א „גוטער אנקעל" — און זיינע שטרענגע אויגען זיינען דא צום ערשטען מאל געווארען אביסעל ווייכער.

— יעצט האב איך געוואלט זיין אמת גוט, אבער עס זיינען דא אויף דער וועלט דעטעקטיווס, א מיטעל צו העלפען פאבריצירען פערברעכער — און דא האט ער ווידער ביטער געלאכט.

— איינער האט זיך נאך מיר געיאגט און ער האט מיך פערשיקט פאר א פערברעכען, וואס איך האב נ י ט בעגאנגען.

— ווען איך בין נאך עטליכע יאהר ארויסגעקומען פון פריזאן,

האָב איך געגעמבעלט און געארבייט, ווען ס'האָט זיך געטראָפען אַ גוטער מענש וואס האט מיר געגעבען א דזשאב.

— ווען איך בין געווען געבראָכען, האָב איך גע'גנב'עט. איך בעריהם זיך דא ניט מיט דעם. קיינעם טהוט ניט אזוי לייד דע־רויף ווי מיר!

ער האָט גערעדט אין אן איבערציינגענדען טאָן. ער האָט דער־צעהלט וועגעז פיעלע פערברעכענס, וואָס ער האָט בעגאַנגען און וועגען זעהר פיעלע וואס ער האָט נ י ט בעגאנגען און מען האָט איהם פערשיקט פאר זיי, ווייל מען האָט ניט געכאפט דעם אמת'ן גנב.

לאנג, לאנג האט ער גערעדט און אלץ וואָס ער האָט דערצעהלט איז געווען אַ שרעקליכע אנקלאגע געגען דער געזעלשאפט און מען האָט לייכט געקענט זעהן פון די אויסדריקע אויף די פנים'ער פון די דזשוראָרס, אז זיי גלויבען איהם און האָבען מיטלייד מיט איהם.

זיי האָבען זיך ניט בעראטהען קיין דריי מינוט ווען זיי זיינען אריינגעקומען מיט דעם אורטייל:

„ניט שולדיג“ — האבען זיי געזאָגט מיט אראָבגעלאָזענע אויגען.

די קאַקעטקע.

ער איז געווען אַנגעקלאַגט אין מאַרד ערשטען גראַד. זיין געקרייזעלטער קאַפּ איז טיעף אַראַבגעהאַנגען אויף זיין ברוסט און זיינע צאַרטע כמעט ווייבליכע הענט זיינען מאַכטלאַז געלעגען אויף דעם טיש. פון דער נאָהענט האָט מען לייכט געקאַנט בעמערקען, אז זיי ציטערען.

זיינע אויגען זיינען געווען אַראַבגעלאַזען, און יעדע ווײלע האָבען זיי בגנבה געקוקט אויף דעם בערגעל זאַכען, וואָס זיינען געלעגען אויף דעם צווייטען טיש, נעבען דיסטריקט אַטוירני.

אַט דאָס בערגעל איז בעשטאַנען פון שטומע בעווייזען געגען איהם. יעדע זאַך האָט דערצעהלט וועגען דער בלוטיגער טראַגעדיע פאַר וועלכער ער ווערט איצט פּראָצעסירט. דאָס העמד מיט די גרויסע שוואַרצע בלוט־פלעקען — איז געווען זיינס, מיט זיין נאָמען אויסגענעהט אויף אַן אַרבעל; אַ פּאָר גרויסע האַנד־שוה, מיט צוויי בלוט־פערפלעקטע פינגער — זיינען געווען זיינע. אַ צוריסענער שניפּס און אַ רעוואָלווער, פון וועלכען עס האָבען געפעהלט צוויי קוילען — אויך זיינע.

ניט ווייט פון איהם, רעכטס איז זי געזעסען — זיין פרוי. פון איהר שעהן פּנים האָבען אַרויסגעלויכטען איהרע וויאָלעט־בלויע אויגען. לאַשצענדע, גרויסע, זיסע אויגען, וועלכע זיינען שטענדיג פערנומען. ווי אַ לייכט פויגעלע פליהען זיי אַרום אין געריכטסזאַל. אַט שטעלען זיי זיך אַב אויף דעם ערנסטען אַלטען ריכטער, קוקען אויף איהם מיט געבעט, מיט רחמנות. שנעל־שנעל לויפען זיי פון איין דזשוראָר צום צווייטען. אויף די יונגע דזשוראָרס קוקען די שעהנע אויגען און רייצען אַט לאַשצענדיג און אַט אַרויס־

רופאַדערענדיג. ווי זיי וואָלטען געזאָגט: „איהר וועט ניט וואַגען מיר צו ענטזאָגען“. בעגעגענט זי די ברוינע פעראומערטע אויגען פון איהר מאַן, ווערען איהרע וויאָלעט־בלויע אויגען ווי פערלאָשען. פערשעהמט, מיט אַ טיעפען זיפץ, קוקט זי דאַן אויף איהרע פיס.

קיין עדות וואָס זאָל האָבען מיט די אייגענע אויגען געזעהן דאָס פערברעכען, איז ניטאָ. עס זיינען אָבער דאָ אַ סך עדות, וואָס האָבען געהערט, ווי דער אָנגעקלאָגטער מיט דעם פערשטאָרבענעם האָבען זיך געקריעגט און ווי דער אָנגעקלאָגטער האָט געסטראַשעט צו הרג'ענען דעם פערשטאָרבענעם, אויב ער וועט ניט אויפהערען צו בעזוכען זיין פרוי.

און אַז די עדות דערצעהלען וועגען דעם, שפּיעלט זיך די יונגע פרוי מיט איהרע ווייסע האַנד־שוה, און איהרע אויגען שמייכלען צו די דזשוראַרס.

דער הויפּט־עדות איז אַ הויכער, זעהר דאַרער יונגער מאַן, מיט קליינינקע שטעכעדיגע אויגען און מיט העל־רויטע האָר. אויף זיין פּנים איז אַ פרעכער, פער'עקשנ'טער אויסדרוק. ער רעדט הויך, עס הערט זיך ווי אַ ווידער־קול, אַזוי ווי די הויכע געריכטס־ווענט וואָלטען איהם נאָכגערעדט.

— איך האָב איהם יענעם אָבענד בעגעגענט ניט ווייט פון אונזער הויז, איך האָב צוזאַמען געוואוינט מיט דעם פערשטאָרבענעם. וואָס לויפסטו אַזוי? האָב איך איהם געפרעגט.

— וועמען? — האָט געפרעגט דער דיסטריקט אַטוירני.

— דעם אָנגעקלאָגטען האָב איך בעגעגענט, און ער האָט אויפגערעגט געענטפערט: „איך האָב איהם ערשט דער'הרג'עט!“. „וועמען?“ האָב איך געפרעגט. „העריין“, האָט ער געענטפערט. „וואָס ווערסטו איצט טהאָן?“, האָב איך ווייטער געפרעגט, ניט גלויבענדיג איהם. „איך מוז האָבען „נאַראַדזשען“, אַ סך „נאַראַדזשען“ — איך מוז אָבוואשען מיינע הענט, זיי שמעקען פון פּולווער!“, האָט ער געזאָגט און איז ווייטער געלאָפען.

„וואָס האָט איהר געטהאָן?“

„איך? (מיט אַ שמייכעל) איך האָב געצויגען די פליינצעס און

געטראַכט, אַז ער איז משוגע. איך בין אוועק אהיים און געטראָפען הערי'ן טויט".

„ווייטער?"

„איך בין אוועק מיט אַ פּאָליסמאַן צו איהם אהיים, און ער איז געשטאַנען און זיך געוואַשען די הענט מיט נאַראַדזשען זאַפט. אַזאַ גולם! און די בלוטיגע זאַכען זיינען געלעגען אויף אַ שטוהל נעבען איהם! און זי, די מאַדאַם (אָנווייזענדיג מיט אַ פינגער אויף דער שעהנער פרוי), צוליעב וועמעס אויגען הערי ליגט איצט אין דער ערד. זי איז געשטאַנען און זיך געפּוצט די נעגעל! איהר הערט? זיך געפּוצט די נעגעל, ווען דער געליעבטער איז געלעגען אַ טויטער און דער מאַן אַרעסטירט!"

די יונגע פרוי האָט אַראָבגעצויגען דעם שלייער איבער איהר פּנים און אוועקגעקעהרט דעם קאָפּ צום פענסטער, אויסמיידענדיג די נייגעריגע בליקען פון די אַנוועזענדע.

דער אָנגעקלאַגטער האָט שטייפער צוזאַמענגעצויגען זיינע אַקסלען. אַ געלע בלאַסקייט האָט זיך פערשפּרייט אויף זיין מאַגער געזיכט. דער קאָפּ איז טיעפער אַראָבגעזונקען.

שפּעטער, אויף דעם עדות־שטוהל האָט איהם דער דיסטריקט אַטוירני בעגריסט מיט די בלוטיגע עדות.

„יאָ, זיי זיינען מיינע", האָט ער שטיל געענטפערט. ער האָט ניט געלייקענט, אַז ער האָט דעם פערשטאָרבענעם דערשאָסען.

„ער האָט זיך מיט מיר געהייצט. ער האָט געלאַכט און געטראָטען אויף דער הייליגקייט פון מיין פאַמיליע, האָב איך איהם דערשאָסען" האָט ער געלאַסען געענטפערט.

און ווען דער דיסטריקט אַטוירני האָט גענומען אַריינדרינגען טיעפער אין די פערהעלטניסען פון זיין פרוי מיט אַנדערע מענער און, קוקענדיג איהם גלייך אין פּנים, געפרעגט: „האָט איהר דען ניט געוואוסט, אַז אייער פרוי קאָקעטירט אויך מיט אַנדערע? — האָט ער, פערבייסענדיג די ליפּען, געענטפערט: „זי איז מיין, מיין פרוי!"

אין פערלויף פון דעם פראָצעס האָט ער זיך שווער געמיהט ניט צוצולאָזען קיין שום בעווייזען, וואָס זאָלען בעפלעקען דער פרוי'ס כאראקטער.

און ווען די דזשורי האָט איהם געפונען שולדיג אין מאָרד צווייטען גראד, האָט זי אויסגעשטרעקט א ווייסע האַנט מיט גלאַנ־ציגע נעגעל צו איהם, איהרע אויגען האָבען געשמייכעלט, געלאַש־צעט, ניט פערשפרעכענדיג קיין זאַך...

די מוטער און קינדער.

די מוטער און פיער קינדער זיינען געקומען אין געריכט יום-טוב'דיג געקליידעט; דער אויסדרוק אויף זייערע פנים'ער האט געציינט ווי זיי וואלטען געקומען צו עפעס א שמחה.

מיט צופריעדענהייט, זאגאר מיט פרייד, האבען טאקע אט די פינף פערזאן אויסגעזעהן אזוי נישט אם פלאץ אין דער געביידע, וואו מען זעהט געוועהנליך בלויז בעטריעבטע פנים'ער און צובראכענע הערצער...

געקומען זיינען די קינדער צו דעם פראצעס פון זייער פאטער, א „ביגאמיסט". און אלע פיער צוזאמען מיט זייער מוטער, האבען זיך אוועקגעזעצט אויף א פאדערשטער באנק און געקוקט אויף דעם אנגעקלאגטען.

ער, א קליינער, זעהר מיאוס'ער מענשעלע מיט אן אמת אפישען פנים, פון וועלכען עם האבען ארויסגעקוקט זעהר קליינע, בייזע אויגעלעך, האט א לייכטען ציטער געטהאן, ווען זיי זיינען אריינגעקומען, און שנעל גענומען רעדען מיט זיין לאיער.

די קינדער זיינען אלע געוועזען שעהנע, אזוי ווי די מאמע, וועלכע האט געהאט אן אנגענעהם פנים, כאטש עם איז געוועזען בעדעקט מיט פיעל פריהצייטיגע קנייטשען.

דאס מיאוס'ע מענשעלע האט זיך ווידער אומגעקעהרט, זיינע קליינע אויגעלעך האבען געקוקט אויף זיין פאמיליע „נומער איינס", וועלכע האבען זיין בליק בעגעגענט מיט פינף פאר שעהנע, אבער טראציגע אויגען.

לאנג האבען זיי געקוקט אויף איהם. אויף זיין געלען דער־

שראַקענעם פּנים האָט זיך לאַנגזאַם פערשפּרייט אַ דונקעלע רויטקייט, וועלכעס האָט ביטלעכווייז אראַבגעוואַנדערט אויף זיין קורצען, דיקען האַלז און ער האָט אַ לייכטען ציה געטהאָן מיט די פּלייצעס, און זיך אַבגעקעהרט פון זיי.

„זיי" האָבען נאָך לאַנג געקוקט, דאַן האָבען זייערע אויגען אינסטינקטיוו גענומען ארומוואַנדערען איבער'ן קאורט־רום, און פלוצלונג זיינען זיי אַלע שטאַרק בלאַס געוואָרען, און אַלע האָבען געקוקט מיט האַס אין איין ווינקעל, וואו עס איז געזעסען אַ שטאַרק פערפּוצטע יונגע פרוי מיט אַ קליין אינגעלע ביים האַנט.

דער ערשטער עדות איז געוועזן די מיטעל־יעריגע פרוי, מיט די קנייטשען אויפ'ן פּנים, זי איז געוועזן שטאַרק איבערגעשראָקען, און ווען מען האָט איהר איינגעשוואָרען, האָט זי אויפגעהויבען ביידע הענד און אויף אידיש עטליכע מאָל איבערגע'חזר'ט: „איך וועל זאָגען דעם אמת, איך וועל זאָגען דעם ריינעם אמת".

שטיל, קוקענדיג אויף איהרע קינדער, האָט זי געענטפערט אויף די פראַגעס פון דיסטריקט אַטוירני.

זי איז פערהייראַט אכט און צוואַנציג יאָהר, האָט פינף קינדער און האָט געלעבט צופריעדען מיט איהר מאַן, ביז — און דאָ האָט זי זיך אַבגעשטעלט פערבייסענדיג די ליפּען, האָט זי לאַנג געקוקט אויף דעם אַנגעקלאַגטען, וועלכער האָט מיט אַ ביטרען שמייכעל אויף זיין מיאוס'ען פּנים גערעדט צו זיין אַדוואָקאַט.

ווידער האָבען איהרע אויגען אַוועקגעוואַנדערט אין יענעם ווינקעל, וואו עס איז געזעסען די פערפּוצטע יונגע פרוי מיט דעם אינגעלע, און לאַנגזאַם האָבען זיך די בעטריעבטע, שעהנע אויגען אַנגעפילט מיט טרעהרען און די קינדער, די צוויי דערוואַקסענע יונגע לייט, אַזוי גוט ווי די מיידעלעך האָבען געענטפערט מיט זייערע שעהנע פייכטע אויגען...

ווייטער איז איהר שווער געוועזן צו דערצעהלען. מיט אַן אראַבגעלאָזענעם קאָפּ, אַ פערשעהמטע, האָט זי גערעדט, מיט אַ געבראָכענער שטימע, אין איהר טאָן האָט געפעהלט דער כעס און דין פעראַכטונג. מיט וועלכער פרויען אונטער עהנליכע אומשטענדען

ריידען. ניט מיט האַס, נאָר מיט שרעקליכע ליידען האָט זי גע־רעדט.

— ווען מיר זיינען אהער געקומען זיינען נאָך די קינדער גע־ווען גאַנץ קליין, דאָס הייסט די עלטערע דריי. ווען דאָס איינגסטע איז געבוירען געוואָרען, זיינען מיר געווען אין אַ שרעקליכע לאַגע; גרינגע, ער האָט נאָך קיין בעשעפטיגונג ניט געהאַט; מיר האָ־בען געלעבט פון מיין ארבייט, איך בין געווען אַ שייטעל־מאַכערין.

— ווען דאָס קינד איז ערשט פיער טאָג אַלט געווען, האָב איך אונטער אַ פערשלאָסענער טהיר געקאַמט פרעמדע שייטלען, איך האָב מורא געהאַט פאַר אַ גוט אויג, האָב איך געהייסען פערשליסען די טהיר. מיינע הענט האָבען שרעקליך געציטערט, אין אַ שפּיע־געל האָב איך מורא געהאַט צו קוקען... אָבער די קינדער האָבען דאָך געמוזט עסען, איך האָב זיך גענויטיגט אין די קוואַרטירס, וואָס איך האָב בעקומען פאַר פערקעמען די שייטלען.

זי האָט געוואָרפען אַ בליק אויף די קינדער, און מיט אביסעל מעהר מוטה פאָרטגעזעצט:

— אָבער איך האָב אַלץ געטהאָן מיט פערגעניגען, די קינדער זיינען געווען שעהנע און זעהר גוטע. אַ לאַנגע, לאַנגע צייט האָט מיר גענומען ביז איך האָב מיין מאַן איינגעלערענט אביסעל מיין ארבייט, אָבער ער האָט דאָס ניט געגליכען: „ווייבערשע ארבייט" — האָט ער זיך געקרימט דערויף.

— צוביסלעך האָבען מיר זיך ארויפגעארבייט צו אַ סטאַרקע, און ווען די אינגלעך זיינען אונטערגעוואַקסען און האָבען גענומען ארבייטען, האָבען מיר געעפענט אַ קליינעם שאָפּ.

— שפּעטער זיינען שטאַרק מאָדערן געוואָרען פאַלשע האָר און מיר האָבען גענומען פערדיענען געלט. אין גאָר אַ קורצער צייט זיינען מיר געוואָרען רייך. ס'איז אמת, מיר האָבען אַלע שווער גע־ארבייט ביז שפּעט, שפּעט אין דער נאַכט, און ווען געלט איז גע־קומען, האָבען מיר גאָר ניט געוואוסט ווי עס צו גענישען.

און דאַ האָט זיך גאָר אַ לייכטער שמייכעל בעוויזען אויף איהרע ליפּען, אָבער דער שמייכעל איז באַלד פערשוואונדען; די אויגען

האבען ווידער געוואנדערט אין י ע נ ע ם ווינקעל, און דער בעטריבטער אויסדרוק האט זיך בעוויזען.

— ס'איז ניט לייכט צו רעדען פון יענע צייטען — האט זי פארטגעזעצט מיט א זיפץ — איך פרואוו דאס פערגעסען, די קינדער לערן איך, זיי זאלען אויך פערגעסען.

— ווען זי איז צו אונז געקומען אלס דיענסט, זיינען מיר זעלטען געוועזן אין הויז. מיר האבען זי בעהאנדעלט ווי אן איי־גענע, ווייל מיר האבען נאך ניט פערגעסען, ווי מיר האבען געליטען, און זי האט אונזער גוטסקייט בעצאהלט מיט — און א צו־בראכענע האט מען זי ארויסגעפיהרט פון וויטנעס־סטענד.

אנדערע עדות האבען דערצעהלט, ווי ער האט מיט דער דיענסט־מיידעל געהייראט, ניט זייענדיג געשיעדען פון זיין ערשטער פרוי.

ער האט געלייקענט און מרס. נומער צוויי האט געלייקענט. זיי וואוינען „נאר אזוי", האבען זיי ערקלעהרט.

די דזשורי האט איהם געפונען שולדיג און ווען דער ריכטער האט איהם פערשיקט אויף פיער יאהר, איז דער שמייכעל פון די קינדער'ס פנים'ער פערשוואונדען און די מוטער האט ביטער גע־וויינט...

זיין דיפלאָם.

אז ער איז געוואָרען אַ מיטגליעד פון דעם גענגסטער־קאלעדזש, איז ער געווען זעהר גליקליך, ווייל דאָס איז איהם זעהר שווער אָנגעקומען, און ער האָט גע־דארפט בעווייזען אַ סך וואויל־יונגערישע שטיק ביז זיי האָבען איהם אריינגענומען.

און איצט איז ער פראָצעסירט געוואָרען פאר מאָרד ערשטען גראד. דאָס האָט ער געמוזט געבען דעם שטאַרקסטען בעוויז, אז ער איז ווערטה דעם דיפלאָם.

און רעדען וועגען דעם האָט ער ניט געוואָלט. שטום איז ער געזעסען צווישען זיינע אדוואָקאטען און זיך צוגעהערט צו די שרעק־ליכע בעווייזע נעגען איהם.

אַ יונגער מאַן, אויך אַ גענגסטער, איז ערמאָרדעט געוואָרען. יענער איז געווען אַ פיהרער פון אַ גרויסען „גענג“, אַ גענגערישען „גענג“, און יענעמס חברים און אנהענגער זיינען איצט געווען די עדות.

דער יונגער אָנגעקלאָגטער, וועמעס צונאָמען איז געווען „רעדי“ צוליעב זיינע קורצע, געדיכטע רויטע האָר, איז געווען זעהר יונג. זיין פנים עדעל, ניט ווי דער פנים פון אַ גענגסטער, די אויגען טיעף שווארצע, און די געזיכטציגע רעגעלמעסיג, אַ חוץ עטליכע זעהר שטרענגע ליניען ארום זיין יונגען מויל, איז דער פנים געווען גאַנץ סימפאטיש.

פעסט פערמאכט זיינען געווען זיינע ליפען אין די ערשטע טעג פון זיין פראצעס.

עטליכע מאָל אַ טאָג איז אַן עלטערער איד, מיט אַן אייזען־גרוי

בערדעל צוגעטראָטען צו דער פאַרענטשע, אַ קלאַפּ געטהאָן איהם אין פּלייצע, און איהם דערלאַנגט אַ צעטעלע.

נאָך דעם פלעגט דער איד צוריקגעהן אויף די שפּיץ פינגער, זיך אַוועקזעצען נעבען דער שעהנער, פּעטער אידענע, טרויעריג שאָקלען מיט דעם קאָפּ און קוקען, קוקען אויף די גראָדע אַקסלען פון זייער זוהן, דעם געננסטער.

און ער פלעגט ארויסשטרעקען אַ ווייסע האַנט איבער'ן אַקסעל, צונעהמען דאָס צעטעלע, אפילו ניט אַיין קוק טהאָן אויף זיין פאָ־טער. דאָס ווייסע בריוועלע האָט ער ניט געלעזען, געהאַלטען עס צווישען די פינגער, געדרעהט עס, געשפּיעלט זיך דערמיט, ביז דער פאָטער האָט דערלאַנגט אַ צווייטעס. דאַן האָט ער דאָס ערשטע שטיקעל פּאַפּיער צוריסען אויף שטיקלאַך, עס ניט געלעזען, די שטיקלאַך אַוועקגעוואָרפען אונטער דעם טיש, און זיך געשפּיעלט מיט דעם נייעם.

דער אַלטער פאָטער איז געוואָרען מעהר און מעהר פערצווייר־פעלט, זיין פּנים איז געוואָרען מעהר געקנייטשט, און דער מאַמעס זיפצען זיינען געוואָרען אַזוי הויך, אַז מען האָט זיי געקענט הערען אפילו ביי אונזער טיש.

דער פאָטער האָט בעמערקט, אַז זיין זוהן'ס פרעכע גלייכגילטיג־קייט איז בעמערקט געוואָרען פון די ערנסטע צוועלף דזשורי־לייט, און, שרעקענדיג זיך פאַר אַ שלעכטען איינדרוק, האָט ער אויפגע־הערט צו שרייבען די צעטעלאַך און צו צוגעהן מיט זיינע שווערע מידע טריט, צוטראָגענדיג די ווייסע שטיקעלעך פּאַפּיער.

אָבער זיין פּנים האָט נאָך אַלץ אויסגעדריקט דאָס טיעפע גע־בעט וואָס איז געווען אין די ווייסע צעטעלעך.

און דאָס געבעט איז געווען, אַז דער איינגעל זאָל רעדען, אַז ער זאָל דערצעהלען ווער זיינע חברים זיינען, ווער זיינען די וואָס האָבען איהם געהייסען בעגעהן דעם שרעקליכען מאָרד.

דערוואוסט האָב איך זיך וועגען דעם פון דעם פערצווייפעלטען פאָטער: „ווען ער זאָל רעדען, ווען ער זאָל דערצעהלען, וואָלט

זיין שטראָף אפשר ניט געווען אזוי שווער", האָט דער אלטער געקרעכצט.

און ארויסגעוויזען האָט זיך פון די בעווייזע, אז דער „גענג", פון וועלכען דער ערמאָרדעטער איז געווען דער פיהרער, האָט „בעשיצט" אַ געוויסען טאנץ־זאל, פון יענע טאַנץ־זאַלען וואָס נויטיגען זיך אין אזעלכע „שיצער" און אַז די פיהרער פון „רעדי'ס" גענג האָט געוואָלט יענע פערדיענסטען פאר זיך, און אזוי איז דער מאָרד בעגאנגען געוואָרען צוליעב ריינע „ביזנעס"־מאָטיווען.

זעהר שלעכט זיינען געווען די אויסזיכטען פאר דעם רויטען יונגען מאז, און דאָך זיינען די ליפּען געבליבען ווי פערזיגעלט.

ענדליך דעם פערטען טאָג, ווען דער עלפטער עדות האָט דערצעהלט, אז ער האָט געזעהן דעם אַנגעקלאָגטען צוויי שפּאַן נאָהענט פון דעם דערשאָסענעם, און אז ער, „רעדי", האָט געהאט אַ רעוואָלווער אין האַנט, האָט ער זיך צוגעבויגען צו איינעם פון זיינע אדוואָקאטען און אריינגעשעפּטשעט עטליכע ווערטער אין זיין אויער.

דער נעקסטער עדות איז געווען אַ סטענאָגראַפיסט, וועלכער האָט פאָרגעלעזען די לעצטע ווערטער פון דעם אַנגעקלאָגטען, אין וועלכען ער האָט געשוואָרען עטליכע מינוט פאר זיין טויט, אז „רעדי" האָט איהם געשאָסען.

דער צובראָכענער פאָטער האָט אויפגעדעקט זיינע אויגען, וועלכע ער האָט שטונדען לאַנג געהאלטען צוגעמאכט, ער האָט ארויסגענומען אַ בלייפעדער פון טאַש, פון אַ צווייטען טאַש אַ שטיקעל צוקנייטשט ווייס פּאַפּיער, עס אוועקגעלעגט אויף אַ קניע, און מיט אַ ציטערענדער האַנט אַנגעשריבען עטליכע ווערטער. דאַן האָט ער זיך שווער אויפגעהויבען, צוגעגאנגען צום זוהן, אַנגעקלאַפּט אַן די גראָדע פּלייצעס, און צום ערשטען מאָל פאר די אלע טעג, האָט דער יונגער זוהן געקוקט אויף זיין טאַטען.

זיין פּנים איז געוואָרען שטאַרק בלאַס, און שנעל האָט ער צוגענומען דאָס צעטעלע.

און צעהן מינוטען נאך דעם ווי ער האט עס איבערגעלעזען, האט ער זיך ערקלעהרט „שולדיג״.

אנדערש איז געווען זיין פנים. ווען ער איז ארויף אויף דעם עדות־שטוהל, כדי זיך צו פערטיידיגען. געפעהלט האט דער וואויל־יונגערישער אויסדרוק, דאס געוועהנליך וויסע געזיכט איז געווען נאך ווייסער. טויטליך ווייס, און די ליפען בלאס, די הענט האבען געציטערט און די אויגען האבען געזוכט די פון דער מוטער, אבער זי האט איהם ניט געזעהן, זי האט געקוקט צו גאט און אין הארצען מתפלל געווען פאר איהר קינד.

און ער האט דערצעהלט, דערצעהלט וועגען זיין שלעכטער אויפ־פיהרונג אין שוהל, וועגען זיין ניט וועלען זיך לערנען, ווי זיינע אנדערע ברידער, און ענדליך וועגען זיין חבר׳ן זיך מיט די שלעכטע יונגען פון בלאק, וועגען זיין בעקאנשאפט מיט דעם געננ, וועגען זיינע שווערינקייטען ביז ער איז אהין אנגעקומען.

— און דאן? — האט געפרעגט דער ריכטער.

— און דאן האב איך געוואלט זיין אזוי ווי זיי. כ׳האב אויך געוואלט ציינען, אז איך קען אויפטהאן העלדענטהאטען, אז איך האב פאר קיין זאך ניט מורא, אבער זיי האבען פון מיר געלאכט. איך קום, האבען זיי געזאגט, פון א צו עהרליכען „סטאק״ און איך וועל ניט קענען זיין קיין גענגסטער. דאס האט אויפגעקאכט מיין בלוט, כ׳וואלט דאן געקענט טהאן דאס ערגסטע, אבי זיי צו ציינען, אז איך בין ניט קיין פיינלינג.

— און ווי אזוי האט איהר געציינט?

— ערשטענס האט מען מיך געלערענט שיסען, און דאן האט מען מיך געלערענט אנדערע זאכען.

— וואס, צום ביישפיעל? — האט געפרעגט דער ריכטער.

— ווי צו זיין א „לוק אוט״, ווי צו אנטלויפען, ווען די פא־ליציי קומט. דאן איז געקומען דער לעצטער פרוב: כדי צו זיין א ריכטיגער גענגסטער מוז מען האבען געננג קוראזש צו געהן און שיסען א מענשען, ווען מען שיקט.

— און מען האט אייך געשיקט?

— יא. עס איז געקומען מיין צייט, איך האב געמוזט געהן אדער פערלירען מיין רעכט צו זיין א מיטגליעד צווישען זיי.

— איהר האט ניט געוואלט געהן? — האט ווייטער געפרעגט דער דזשאדזש.

— יא. כ'האב יא געוואלט געהן, כ'האב זיי געוואלט צייגען, אז איך בין גלייך מיט זיי, — איז געקומען דער קאלטער ענטפער.

און זיין מאמע האט הויך א קרעכץ געטהאן.

און שפעטער, אז ער איז פעראורטיילט געווארען צו פופצעהן יאהר שווערע ארבייט אין געפענגניש, זיינען זיינע עלטערען געוועזן איבערגליקליך.

דער פאטער האט געזאגט: — כ'האב נאר געוואלט איהם ראטעווען פון עלעקטריק טשער!

און די מוטער האט געזאגט: — „גם זו לטובה, ס'האט געקענט זיין ערגער", איצט איז ער נײנצעהן, אז ער וועט ארויסקומען וועט ער זיין פיער און דרייסיג, גענוג יונג צו פיהרען אן אנשטענדיג לעבען...

אט אזוי טרייסטען זיך מוטערס...

ראכע.

ביים דעם אויסדרוק פון אַ הונט וועלכער איז גרייט מען זאָל איהם שמייסען, איז זי געשטאַנען פאר דעם ריכטער. אין איהרע אויגען איז געווען אויסגעלאָשען יעדער פונק פון האָפנונג.

די האנד, מיט וועלכער זי האָט זיך אָנגעהאַל־טען אָן דער פּארענטשע, וואָס טיילט אָב דעם אָנגעקלאָגטען פון ריכטער, איז געווען רויט, צובערענט פון אונטער דער דינער נייער הויט האָבען ארויסגעשפּארט בלאַהע דיקע אָדערען. די צווייטע האַנד איז מיעד געהאַנגען ביי דער זייט פון איהר שווערען קערפּער.

דער קאָפּ, מיט קורצע, פערסמאַליעטע האָר איז אראָבגעהאַנגען אויף איהר הויכער ברוסט אזוי, אז דער רויטער צובערענטער קין האָט בעריהרט די בלאַהע יאַקע. ס'האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען דער שטארקער קאָנטראַסט: איבער'ן קין איז דער פּנים געווען קלאָר אַ חוץ אַ צובערענטער פלעק אויף איין זייט באַק.

דער פּנים איז געווען סימפּאטיש, די רויהע צוברענטע וואונ־דען האָבען ארויסגערופען רחמנות.

די קלאַגע געגען איהר איז אַ שווערע: אַ פלעשעל „וויטראָיל“ האָט זי געוואָרפען צווישען די אויגען פון איהר פאַלשען געליעבטען, צוברענענדיג זיין פּנים,ביידע אויערען און ביידע הענד. אָבער די אויגען זיינען געבליבען אונבעריהרט. ער האָט זי אָבגעשטופּט און זי האָט זיך אליין צוברענט.

דער מיידעל'ס אדוואקאט, אַן אונערפאהרענער, זאָגט איהר עפּעס אויפ'ן אויער. גלייכגילטיג שאָקעלט זי מיט'ן קאָפּ אויף „יע“.

באלד הערט זיך דעם יונגען לאיער'ס שטארקע שטימע: מיין קליענטין וועט זיך ערקלעהרען שולדיג.

אויף די פארמעלע פראגען פון געריכטס־קלויזרק ענטפערט זי מיט א שטילען נאכלעסיגען טאָן.

מיט א שטרענגער, שטורעמדיגער שטימע ערקלעהרט דער אַלטער ריכטער פאלגענדעס: — איך בין געניגט צו זיין זעהר שטרענג צו אייך, יונגע פרוי. אזעלכע פערברעכענס ווי איהר האט בעגאנגען, דארפען ניט ערמוטהיגט ווערען.

אויף א סעקונדע ווערט דער מיידעל'ס גאנצער פנים פערלאָפען מיט א דונקעל רויטער פארב, איהרע אויגען צינדען זיך אָן מיט א שרעקליכען כעס, אבער בלויז אויף א סעקונדע. באלד ווערט זי ווידער בלאס, און איראָנישער שמייכעל בעווייזט זיך אויף איהרע דינע ליפען און שטיל פרעגט זי: און אזעלכע פערברעכענס ווי ער האט בעגאנגען, דארפען יע פערשווייגען ווערען? — און זי ווייזט אָן אויף דעם צוברענטען קלעגער.

— ניין, אבער איהר האט קיין רעכט ניט געהאט צו נעהמען דאס געזעץ אין אייערע הענד — האט געדולדיג געענטפערט דער ריכטער.

— רעכט אדער אונרעכט, ווער קען טראכטען וועגען אזעלכעס, ווען דאס הארץ שפרינגט ארויס פון פערדרוס? ווען די גאנצע שאנדע ליגט אויפ'ן פנים, און דאס הארץ ווערט צוריסען פון וועהטאג. גלויבט מיר, אז אין אזא צייט ווערט א מיידעל צוריסען פון פערצווייפלונג און שרעק! שרעק פאר דער געגענוואַרט, שרעק פאר דער צוקונפט. איך האב שטארק מורא געהאט פאר דעם נאך ניט געבוירענעם קינד וואס וועל איך איהם ענטפערען ווען עס וועט מיך פרעגען וועגען א טאטען?!

— דענקט איהר ניט, אז איהר זייט אויך שולדיג אין אייער אונגליק? — האט שטיל געפרעגט דער ריכטער.

— געוויס, געוויס, — האט דאס מיידעל אויפגערעגט געענטפערט, קראמפהאפט פערקלעמענדיג מיט איהרע לאנגע דארע פינגער די רויהע צוברענטע האנד — שטארק שולדיג, איך האב זיך

גענוג צוליעב דעם. די ערגסטע נעמען האָב איך זיך געוואָרפען אין פנים, זינט דאָס האָט פּאַסירט. איך קען אויף זיך אין שפּיגעל ניט קוקען אהן א שפּיי! ס'איז אמת, איך האָב עס געטהאָן, ווייל איך האָב איהם ליעב געהאט און געגלויבט, אָבער ווי איז מען דאָס אזא נאר? ! די לעצטע פראגע האָט זי געפרעגט קוקענדיג אויף דעם ריכטער אזוי, ווי ער וואָלט געווען שולדיג אין איהר אונגליק.

ניט ווייט פון דער גערעכטיגקייטס־באַנק האָט זיך א יונגע פרוי אויפגעהויבען צוגענאַנגען צום ריכטער, שטיל גערעדט מיט איהם עטליכע סעקונדען און באלד זיך ווידער אוועקגעזעצט.

— מיסס לאַרבער דערצעהלט מיר, אז איהר האָט געפיהרט זעהר אן אנשטענדיגען לעבען, איידער איהר האָט זיך מיט דעם קלעגער בעגעגענט. האָט ער אייך פערשפּראָכען צו הייראטען? — האָט געפרעגט דער ריכטער.

— פערשפּראָכען! וואָס האָט ער ניט פערשפּראָכען? כ'האָב דאן ניט געוואוסט, אז ער איז א ליגנער. איך האָב ערשט אָנגע־פאנגען אויסצוגעפינען, ווען ער האָט גענומען זוכען פעהלערען אין מיין ארבייט. ער איז דער פאָרמאן פון שאפּ, וואו איך האָב גע־ארבייט. אזוי ווי ער האָט זיך נאר דערוואוסט וועגען מיין לאַגע, איז ער געוואָרען קעלטער. וועגען חתונה האָבען האָט ער ניט גע־וואָלט הערען. ווען די אנדערע האָבען אָנגעהויבען צו בעמערקען און זיך סוד'ען וועגען מיר, האָט ער גענומען זוכען אויסריידען ווי מיך פון שאפּ ארויסצוזאָגען. דאן האָט ער אָנגעהויבען אהיים פיהרען די דיקע שווארצע מיידעל, די, מיט די לאַכעדיגע אויגען, וואָס האָט מיך מעהר ווי אלע געטאדעלט. אז ער האָט אויף מיר געקוקט, האָב איך נאר געוואָלט ער זאָל בליינד ווערען. ס'איז מיר געווען אזוי שלעכט! — די רויטע צוברענטע האנד האָט פערדעקט די אויגען, די צווייטע האנד האָט שטארק געציטערט.

לאַנג האָט דער ריכטער געטראַכט. ווען דאָס מיידעל האָט אויפגעדעקט די אויגען, האָבען זיי בעגעגענט די טרייסטענדע, גו־טע אויגען פון מיסס לאַרבער, וועלכע האָט ווידער גערעדט מיט דעם ריכטער.

— אין אייער צושטאַנד איז מיר שווער אייך צו פערשיקען אין אַ פּריזאָן — האָט פערטראַכט ערקלעהרט דער אַלטער ריכטער. מיסס לאַרבער, די פּראָבייישאַן אָפיסער, פערשפּרעכט מיר, אַז זי וועט אויף אייך אויפפּאַסען, אַז איהר זאָלט זיין גוט. ווילט איהר צוזאָגען, אַז איהר וועט זיך אויפפיהרען אנשטענדיג?

דאָס ערשטע מאָל האָט אַ שטראַהל פון האָפנונג אַ שיין געטהאָן אויף דער מיידעל'ס פנים: — איך וועל אייך אַלעם פערשפּרעכען, נאָר ראַטעוועט מיך, איך וויל ניט מיין קינד זאָל אין פּריזאָן דער־זעהן די וועלט. איך בעט אייך!

אין ביידע הענד האָט זי מיט געבעט אויסגעשטרעקט צום ריכ־טער, איין האַנד איז געווען אַ דאַרע, אַ ווייסע, די צווייטע אַ רויטע, אַ פערוואונדעטע...

און ווען דער ריכטער האָט זי בעפרייט, האָט זי פערלאָזען דעם קאָורט־זאַל אין די אַרעמס פון מיסס לאַרבער, אַ שוועסטער וואָס העלפט אַנשטאָט צו טייטלען מיט די פינגער...

אַבגעָנאַרט.

הויך איז ער געווען, מיט אַ בלאָנדע בערדעל, מיט טיעפע, בלויע אויגען, מיט דינע, רויטע ליפען, פון צווישען וועלכע עס האָבען זיך ארויסגעוויזען זעהר שעהנע, ווייסע צייהן, מיט אַ ליעבליכען שמייכעל און ער איז געווען אַ מערדער.

איך דערמאָן זיך איצט ווי נייגעריג מיר, צייטונגס־שרייבער, האָבען געוואַרט איהם צו זעהן, צו שטודירען זיינע זשעסטען, צו בעשרייבען זיין אויסזעהן.

און איצט ווערט מיר נאָך קאַלט, אז איך דערמאָהן זיך, ווי אזוי ער האָט געקוקט אויף מיר. איך האָב זיך גלייכגילטיג געשניצט אַ בליי־פעדער און געטראַכט ווי אזוי איך זאָל אָנפאַנגען די בעשרייבונג פון דעם סענסאַציאָנעלען מאָרד פראָצעס, ווען אַ מאָדנער געפיהל האָט מיך דורכגעשוידערט. איך האָב געפיהלט, אז אימיצער קוקט אויף מיר מיט אַ דורכדרינגענדען מאָדנעם בליק. אַן אונאנגענעהם געפיהל איז דאָס געווען.

איך האָב זיך ארומגעקוקט אויף מיינע נאָהענטע שכנים, אָבער אַלע זיינען געווען שטאַרק פערנומען מיט זייער שרייבען. איך האָב שוין באַלד געוואָלט לאַכען פון זיך, ווען איך האָב בעמערקט, אז עס זיינען די טיעף־בלויע אויגען פון דעם אָנגעקלאָגטען, וועלכער זיצט בלויז עטליכע שפאַן פון מיר, אז דאָס זיינען זיינע אויגען, וואָס קוקען אויף מיר אזוי מאָדנע, און איך האָב זיך דערשראָקען.

אַן אַלטער שרייבער (ער איז שוין איצט טויט), וועלכער האָט ליעב געהאַט זיך צו וויצלען איבער יעדער זאַך, האָט צו מיר שטיל

געזאָגט: „איהר זעהט ווי ער קוקט אויף איך? אפשר וויל ער איך אויך צושניידען אויף שטיקער?“

און איך האב לייכט אויפגעציטערט.

אַ שרעקליכער מאָרד איז דאָס געווען. דער אָנגעקלאָגטער האָט זיך געליעבט מיט אַ יונג מיידעל, און ווען יענע האָט איהם געזאָגט, אַז זי ווערט באַלד מוטער, האָט ער זי ערמאָרדעט. צושניטען איהר קערפּער אויף שטיקער, פּערניכטעט יעדען שפּור, אפילו דעם מאַט־ראַץ, און די שטיקער קערפּער אריינגעוואָרפען אין אַ טייך. און דער מערדער איז געווען אַ גלח!

און אזוי ווי קיין שפּורען קענען ניט געגצליך פּערניכטעט ווע־רען, און אזוי ווי דער מאָרד איז צוביסלעך אין יעדער איינצעלהייט אויפגעדעקט געוואָרען, האָט איצט דער כיטרער מערדער געזוכט די בעקוועמע פּערטהיידיגונג פון וואהנזין.

און אינטערעסאַנטע טעג זיינען יענע געווען אין דעם גרויסען געריכטס־זאַל.

יעדער איז געקומען זעהן דעם שעהנעם גלח. עס זיינען גע־קומען רייכע פרויען, וועלכע האָבען קיין אנדער בעשעפטיגונג ניט, ווי נאָכלויפען צו סענסאַציאָנעלע פּראָצעסען. און עס זיינען גע־קומען יענע ארימע פרויען, וועלכע האָבען זיך ערשט מיט עטליכע מאָנאַטען צוריק מתודה געווען פאר דעם זעלבען פּריעסטער.

און ער האָט אויפגעפּאסט, אז עס זאָל זיי ניט זיין אומעטיג, יעדער האָט בעקומען וואָס ער האָט געזוכט.

די סענסאַציע־זוכער האָבען אויסגעהערט די פּלוידערייען פון אַ משוגענעם און אָפּט געשמייכעלט. און די ענטוישטע, וועלכע זיי־נען געקומען זעהן זייער פריהעריגען גלח, די האָט ער אויך ניט פערגעסען. יעדע האלבע שעה האט ער זיך אויפגעשטעלט, צוזאַ־מענגעלעגט זיינע ווייסע הענט צו אַ געבעט, מיט זיינע בלויע אוי־גען געקוקט צום באַלקען און געמאַכט פּערשיעדענע צייכענס.

און דערווייל האָבען זיך די אַדוואָקאַטען געשלאָגען פאר זיין לעבען.

די בעווייזע פון יענעם פּראצעס זיינען געווען שרעקליך: אַ בלוטיגער מערדער, דער מאַן, וואָס האָט דעם מעסער געפונען, און דער מאַן וואָס האָט איהם פערקויפט. אַ בלוטיגע זעגעל, אַ האַק מעסער, אַ בלוטיגע קישעלע, וועלכעס די ערמאָרדעטע האָט אַליין אויסגענעהט מיט איהרע אייגענע הענט.

אַ דאָקטאָר האָט דערצעהלט וועגען די שטיקער קערפּער, וועגען דעם צושטאַנד פון די צופּוילטע גליעדער. מען האָט בלויז גערעדט וועגען גליעדער, און ניט וועגען אַ קאָפּ, ווייל דער קאָפּ איז קיינמאָל ניט געפונען געוואָרען.

דאָן זיינען געקומען איהרע פריינד, וועלכע האָבען דערקענט די צובלוטיגטע שמאַטעס, אַלס די קליידער פון דער ערמאָרדעטער.

עס איז געווען שרעקליך.

און צווישען די אַלע בלוטיגע זאַכען איז ער געזעסען, אַ רוהיגער, און געשמייכעלט צו דער ערשטוינטער וועלט.

און דאָקטוירים, גרויסע וויסענשאַפטס-מענער, האָבען דערצעהלט, ווי גרינדליך זיי האָבען דעם אָנגעקלאָגטען אונטערזוכט, און ווי זיכער זיי זיינען, אַז ער איז וואַהנזיניג.

עס איז געווען אַזוי שווער צו פערבינדען אַזאַ שוידערליכען מאָרד מיט די ווייסע הענד פון דעם שעהנעם גלח, און מיט די קלאָהר בלויע אויגען.

און דאָך האָט זיך אַלץ פעסטער געשלאָסען די קייטען פון בעווייזע ארום זיין ווייסען האַלז.

און וואָס געדיכטער עס זיינען געוואָרען די רינגלעך פון דער קייט, אַלץ עפטער האָט ער זיך וועקגעשטעלט מיט די הענד פערלעגט איין געבעט, און געקוקט צום באַלקען.

ווען זיינע אַדוואָקאַטען האָבען איהם געשיקט צום עדות-שטוהל, אום זיך צו פערטיידיגען, האָט ער געלאַכט פון זיי.

און ווען מען האָט איהם מיט געוואַלד אַוועקגעזעצט אין דעם גרויסען שטוהל, האָט ער זיך ביטער צואווינט, נאָך דעם הויך געלאַכט און באַלד אָבגעווישט די טרעהרען און געוואָרפען אַ קוש צו זעהר אַ שעהנער פרוי, וועלכע איז געזעסען ניט ווייט פון איהם.

זיינע רייד זיינען געווען צומישט, אהן א זין, זיין האלטען ווי פון אן אמת'ן משוגענעם.

און דעריבער האט עס די צוועלף דזשוראָרס נים לאנג גענר־מען אריינצוברענגען דעם אורטייל:

„וואהנזיניג!" — האבען זיי ערקלערט. ווי קען מען דען א משוגענעם שיקען אויף דעם עלעקטרישען טשער?

און דאן איז געקומען דער העכסט דראמאטישער מאמענט פון דעם פראצעס:

דער הויכער, יונגער גלח האט זיך צולאכט, און אין א קלאנ־רער איבערצייגענדער שטימע אויסגעשריען:

„איך האב אייך אבגענארט! איך האב אייך אבגענארט!"

און רוהיג האט ער זיך אוועקגעזעצט און גענומען אויסבעסע־רען יעדע איינצעלהיים פון די בעווייזע, גענומען דערצעהלען, ווי אזוי ער איז דעם פערברעכען בעגאנגען, ווי אזוי עס איז איהם געלונגען אבצונארען די דאקטוירים נאך דעם, ווי יענע האבען איהם וואָ־כען לאנג שטודירט, ווי אזוי ער האט גענארט זיינע אדוואקאטען.

איבערצייגענד־קאלט איז געווען זיין שטימע. ענדליך האט ער געענדיגט ווי אנדערע מערדער.

פערשוואונדען איז דער געטליכער אויסדרוק פון זיין פנים. קאלט זיינען געווארען די שעהנע, בלויע אויגען, און דערציטערטע, פערשעהמטע זיינען אוועק יענע, וואס האבען אין איהם פריהער געגלויבט.

און זיין ענדע?

און זיין ענדע איז געקומען אין יענעם לעדיגען צימער אין סינג־סינג מיט די ווייסע ווענט, וואו עס געפינט זיך בלויז דער גרויסער שטוהל, וועלכער איז ארומגערינגעלט מיט ברייטע עלעק־טרישע סטראפעס, און איבער וועלכע עס הענגט א קליינע עלעקטרישע „קאפע", פון אונטער וועלכער קיין מענש איז נאך נים ארויסגעקר־מען א לעבעדיגער.

איהר ירושה.

אין די אויגען, אין יעדער בעוועגונג פון דער דזשורי האָט מען געקענט זעהן, ווי פעראינטערעסירט זיי זיינען אין דער שעהנער אַנגעקלאַגטער.

און זי? זי האָט ניט געצייגט קיין איין סימן פון אינטערעס, טרויעריג איז איהר קאָפּ געהאנגען אויף איהר ברוסט, זעלטען האָט זי אויפגעהויבען די אויגען, אָבער אַז זי האָט זיי יא אויפגעהויבען, דאַן האָבען זיי מיט זייער פולען אונשולדיג בלויען פראכט געקוקט טיעף אין די אויגען פון אַן אויסגעפוצטען דזשוראָר.

און אויספוצען פלעגען זיי זיך, די צוועלף מענער.

יעדען טאָג פון פּראָצעס האָבען זיי זיך אליין געוואָלט איבער־טרעפען. פריה, אַ היבשע צייט איידער דער דזשאַדזש איז ער־שיענען, האָבען זיי שוין פערנומען זייערע זיצען אין דער דזשורי באָקס.

פּני'ער בלויליך ווייס פון אַ פרישען שייוו און פון פּאודער, קאלערס פון דער לעצטער מאָדע, סוטס פריש געפּרעסט מיט יענע הנייטשען, מיט וועלכע פיעלע מענער גיבען זיך אזוי פיעל אָב און נעקטיים פון די פרעהליכסטע פארבען, אויסגעבונדען מיט אַ סך מיה.

זיי האָבען ניט געקוקט מיט אונגעדולד אויפ'ן זייגער ווי דזשורי לייט קוקען געוועהנליך, ניין. רוהיג זיינען זיי געזעסען מיט אַ מינע: „איך בין רייט דאָ צו זיצען אייביג“.

איינער אַ יונגער, אלע זיינען געוועזן יונגע, אָבער ער איז געווען גאָר יונג — האט נאכגעפאָלגט יעדען בליק איהרען. אַז זי האָט געקוקט אויפ'ן טיש פאַר זיך, האָט ער געקוקט אויף איהר,

און יעדעס מאָל, ווען אַן עדות איז געגען איהר ערשיענען אויפ'ן וויטנעס־סטענד, האָט ער אונגעדולדיג געדרעהט מיט'ן קאָפּ, ווי איינער רעדט: „ווער פרעגט דיך, אז איך וויל דיך גאָר ניט הערען".

עדות געגען איהר זיינען געווען אַ סך: סיילעסליידיעס און דעטעקטיוס פון אַ גרויסען דעפּאַרטמענט סטאָר. זיי האָבען דערצעהלט, אַז זיי האָבען זיי געזעהן גנב'ענען אַ מאַסע קאָסטבאַרע שפּיצען, וועלכע זיינען שפּעטער געפונען געוואָרען אין איהר מוף.

די קלאָגע האָט אויסגעזעהן שטאַרק ערנסט. פיעלע האָבען מיט־לייד געהאַט מיט דער יונגער מיידעל. אונגעדולדיג האָט מען גע־וואַרט אויף דער צייט ווען זי וועט אַרויף אויפ'ן וויטנעס־סטענד און זיך פערטיידיגען. אַבלייקענען די שענדליכע קלאָגע.

פיעלע זיינען געווען זיכער, אַז עס איז אַן אויסגעטראַכטער בלבול, און אויף די פּנים'ער פון דער דזשורי איז געווען אויפגע־שריבען: מיר גלויבען ניט".

ווען זי איז ענדליך גערופען געוואָרען אויפ'ן וויטנעס־סטענד, איז זי אַ הויכע, מיט פערפרעסטע ליפּען ערשיענען;

איהרע קליידער זיינען געווען איינפאַכע, פון יענער סאָרט איינ־פאַכקייט, וואָס קאָסט אַ סך געלד, אָבער זי האָט געוואוסט, אַז בלויז אַ געוויסער סאָרט מענער פערשטעהען די קאָסטבאַרקייט. די דזשוראָרס, איז זי געווען זיכער, פערשטעהען עס ניט. ווי האָט זי עס געוואוסט? וואַהרשיינליך די שרייענדע קאָלירען פון זייערע נעקטייס האָבען עס איהר דערצעהלט. און אפשר דאַריבער האָט זי פאַר זיי קיין מורא געהאַט?

צוערשט האָט זי געלייקענט. זי ווייסט ניט. זי האָט ניט גע־נומען, זי איז דאָרט ניט געווען.

און אַ ברייטער, צופריעדענער שמייכעל האָט בעציערט די בע־וואַנצטע און אַבגעגאָלטע מיילער פון די דזשוראָרס.

דער יונגער דיסטריקט אַטורני האָט מאָדנע געשמייכעלט.

„איהר זייט דאָרט ניט געווען?" — האָט ער זי גענומען אויפ'ן קרייז־פערהער.

„ניין", — האָט זי געענטפערט מיט אַ שוואַכער שטימע.

„ווי קומט אייער מוף אהין?" — האָט ער ווידער געשמייכעלט, האַלטענדיג הויך די מוף, פון וועלכער ער האָט לאַנגזאַם געשלעפּט די גע'גנב'עטע שפּיצען.

זי האָט געשוויגען. איהרע אונשולדיגע אויגען האָבען מיט גע־בעט געקוקט אין דער דזשורי באָקס.

„איך וועל מיט אייך מאַכען אַ באַרגען" — איז קאַלט געקומען די שטימע פון דיסטריקט אַטוירני — „איך וועל ניט בעריהרען אייער פערגאַנגענהייט, אָבער איהר מוזט דערצעהלען דעם אמת".

שנעל, ווי מורא האָבענדיג, אַז ער וועט ווידער עפענען זיין מויל, האָט זי גענומען אין אַ געבראָכענער שטימע דערצעהלען:

„די מאַמע איז קראַנק, זי איז אַן אַלמנה. אַן אָנקעל אין שי־קאַגאָ פלעגט אונז אויסהאַלטען, מיט דעם געלט בין איך אין קאָ־לעדזש געגאַנגען און מיר האָבען געלעבט ניט שלעכט.

„מיט עטליכע מאָנאַטען צוריק איז דער אָנקעל געשטאָרבען און, אָנשטאָט אונז לאָזען אַ פערמעגען, איז ער געשטאָרבען אַן ארימאַן.

טרויעריג האָבען געקוקט די דזשוראָרס אויף דעם שעהנעם פּנים, וועלכער האָט זיך איצט געבאָדען אין טרעהרען.

„מיר האָבען אַלעם פערפּייננט. איך האָב ניט געקענט פערלאָ־זען דעם קאָלעדזש, איך וויל, איך מוז פערענדיגען מיין בילדונג.

„מיר האָבען געדאַרפט צאָהלען רענט, עס איז ניט געווען וואו צו לייהען. איך בין געווען אין סטאָר, איך פערשטעה זיך אויף טהייערע שפּיצען, איך האָב געוואוסט, אַז עטליכע יאַרד פון די שפּי־צען וועלען בעצאָהלען אונזערע רענט אויף אַ פּאָר מאָנאַטען. איך ווייס ניט ווי איך האָב עס געטהאָן, איך פערשטעה אַליין ניט, איך האָב עס געטהאָן"...

בליפּענדיג זיינען געקומען די לעצטע ווערטער, און מאַנכע דזשוראָרס האָבען אויפגערעגט געקוקט אויפ'ן דיסטריקט אַטוירני.

נאָך אַ צעהן מינוטען בעראַטהען זיך, האָט די דזשורי אריינגע־בראַכט אַן אורטייל: נ י ט ש ו ל ד י ג.

זים האבען די נאסע אויגען געשמייכעלט אויף די יונגע לייט, שנעל האט זי פערלאזען דעם געריכטס־זאל.

אלע זיינען איהר נאכגעגאנגען. מיט לייכטע טריט איז זי אריינעשפרונגען אין א גרויסען אטאמאביל, אין וועלכען עס זיינען געזעסען א פרוי מיט צוויי מענער.

„הא־הא־הא!" — האט הארט געלאכט אן אלטער קאורט־רע־פארטער, — „ווידער אבגענארט א דזשורי".

— וואס מיינט איהר? — האט איהם א פרוי געפרעגט.

„הא־הא־הא" — האט ער ווידער געלאכט, ווייזענדיג אויף דעם שנעל פערשוואונדענעם אויטאמאביל. — „א קלוג מיידעל, אין גאנצען געראטען אין איהר באבע. „מוטער ראזען" האט מען זי גערופען, אין איהר צייט איז זי געווען די קליגסטע פערברע־כערין אין דער וועלט. אויך געווען אזוי שעהן ווי דאס מיידעל, איהרע אויגען האבען אבגענארט ניט איין דזשורי פון ערפאהרענע מענער.

„ווער איז די פרוי מיט איהר אין אויטאמאביל?" — האט איי־נער געפרעגט.

„דאס איז איהר מוטער, די טאכטער פון „מוטער ראזען", די איינציגע פון „מוטער ראזענ'ס" קינדער, וואס בעטייליגט זיך ניט אין פערברעכענס, דערפאר אבער זיינען שוין איהרע ברידער גע־זעסען אין א סך, א סך פריזאנס איבער דער וועלט.

„די צוויי מענער מיט איהר, זיינען איהר מאן און זוהן. דער מאן, א בעריהמטער געמבלער, א פייקער פון גאלד מיינס, א בע־וואוסטער שווינדלער, און דער זוהן א יונגער דאקטאר, וועלכער האט געביטען זיין נאמען און ארבייט אין א קאנסאמפטיוו האספי־טאל. ער וויל בעצאהלען פאר זיין פאמיליעס זינד זאגט ער".

פון ערגעץ האט זיך געהערט• א זיפץ, נעבען מיר איז געשטא־נען דער גאר יונגער דזשוראר. ער, ווי אויך פיער אנדערע דזשו־ראָרס, האבען אלעס געהערט. ווער ווייסט וואס פאר א חלומות זייערע דער אלטער רעפארטער האט צושטערט?...

„פריינד".

איז עס ניט איבערראשענד? ווי לייכט געוויסע מענשען האלטען דאס מענשליכע לעבען. מענשען זיינען צווישען זיך פריינד, האבען זיך ליעב, עס געשעהט עטוואס, אמאל גאר א קלייניגקייט, און מען דערהרג'עט זיך באלד.

בעזונדערס אפט קומען פאר אזעלכע מארדען צווישען מענשען וואס טרינקען. די שטארקע געטראנקע טויטען אב יעדעס מענשליבע געפיהל, עס מאכט פון זיי בעסטיעס, און זייער פער'שכור'ונג פערגעסען זיי אן אלץ.

יענעם פריהמארגען איז פראצעסירט געווארען אזא חברה־מאן. פראצעסירט געווארען פאר ערמארדען זיין בעסטען פריינד.

בעדויערענסווערטה איז געוועזן דער מענש. געבראכען אין קערפער און גייסט, געבויגענע פלייצעס, אן איינגעפאלענע ברוסט, איינגעזונקענע באקען, אויסגעלאשענע אויגען און בלאסע ליפען. דאס איינציגע לעבעדיגע אויף זיין פנים איז געוועזן זיין שטארק רויטע נאז, אויפגעגעסען פון אלקאהאל.

זיין בענעהמונג איז געוועזן קינדיש; שטארק צושראקען. ער האט אפט געוויינט, געבראכען זיינע טרוקענע הענט און מיט געבעט געקוקט אויף דעם ריכטער.

אין א סאלון אויף דער באוערי האט ער זיך „אונטערהאלטען" מיט זיין פריינד. עס זיינען דארט געוועזן נאך עטליכע. מען האט גערעדט וועגען הויכע פרייזען, מען האט גענומען רעדען וועגען דעם פרייז פון פיש, עס איז געווארען א היציגע דעבאטע. ער, דער אנגעקלאגטער, האט געזאגט, אז קאר־פיש קאסטען אזוי פיעל, און

זיין פריינד איז געווען זיכער, אז זיי קאָסטען מעהר. דער אָנגע־קלאָגטער האָט דאָס ניט געוואלט ליידען, האָט ער זיין פריינד בע־ליידיגט. יענער האָט איהם נאָך מעהר בעליידיגט. די מוחות זיי־נען ניט געווען קלאָהר, מען האָט זיך גענומען קריעגען, דאן שלאָ־גען און איידער צעהן מינוטען זיינען פארביי, איז דער פריינד גע־לעגען א טויטער און דער אָנגעקלאָגטער איז אין ערשטוינטער, א פלוצלונג אויסגעניכטערטער, געשטאַנען איבער זיין פריינד'ס טוי־טען קערפער מיט א לעדיגער פלאַש אין האַנט.

דאָס אַלעס האָבען דערצעהלט עדות, עדות עהנליכע צו איהם, מענשען, וועלכע זיינען שוין אזוי טיעף געזונקען, אז זיי קענען זיך שוין אפילו צוריק ניט קעהרען, ווייל זיי האבען נאָך ניט פערניכ־טעט דאָס אינערליכע אין זיך, אויך דאָס אויסערליכע איז צו־בראָכען...

ווייטער האָבען זיי דערצעהלט, אז דער אָנגעקלאָגטער האָט ביטער געוויינט, ווען מען האָט איהם געזאָגט, אז זיין פריינד איז טויט.

און איצט איז ער געזעסען אויף דעם עדות־שטוהל. זיינע בלאַסע ליפּען האָבען געציטערט, זיינע דארע פינגער זיינען געווען אונבעוועגליך אויסגעשטרעקט, און די אויגען האָבען צושראָקען געקוקט ארום זיך.

זיין שפּראַך איז געווען גוט, זיין שטימע הייזעריג. אין עט־ליכע ווערטער האָט ער דערצעהלט וועגען דעם פערברעכען. עס טהוט איהם לייד, זעהר לייד. ער וועט דאָס מעהר קיינמאָל ניט טהאָן, האָט ער פערזיכערט דעם ריכטער, מיט דעם טאָן פון א קינד האָט ער געזאָגט די ווערטער, פונקט ווי א קינד זאָגט צו: „איך וועל זיין גוט".

זיין גאַנצער אויסזעהן האָט געצייגט אויף אן אַלטען מאַן, בלויז פון צייט צו צייט האָט זיך בעוויזען א קליין פייערעל אין זיינע מאַ־טע אויגען, וועלכעס האָט דערצעהלט וועגען יוגענד און פער־שפּיעלטע יאָהרען.

דזשאהן איז געווען זיין נאמען, און צו דעם האט ער צוגעגעבען א צווייטען נאמען, און שפּעטער האט ער ערקלעהרט, אז זיין צווייטער נאמען אין א פאלשער, און אז ער וועט ניט אויסזאגען זיין ריכטיגען נאמען, אפילו ער זאל וויסען ער שטארבט.

„איך וויל ניט אריינציהען מיין פאמיליע אין דעם. זאלען זיי ניט וויסען, אז איך בין אזוי טיעף געזונקען, אז צוליעב דעם פּרייז פון פיש האב איך גע'הרג'עט מיין בעסטען פריינד", האט ער פעסט ערקלעהרט, און קיין זאך האט איהם ניט געקענט בעוועגען צו דערציעהלען ווער יער איז.

און אז די דזשורי האט איהם געפונען שולדיג אין מארד צווייטען גראד פאר וועלכען ער איז שפּעטער פער'משפּט געווארען צו לעבענסלענגליכער געפענגניס, האט ער ביטער געלאכט: ווייל איך בין געווען שיכור קומט מיר ניט דער טויט. ס'ארא נאראנים זיי זיינען עס, און איך בין געווען זיכער, זיי וועלען מיך שיקען אויפ'ן עלעקטריק טשער, אוי, זיינען דאס נאראנים!

און שאקלענדיג פערצווייפעלט מיט זיין גרויען קאפּ, האט דער מערדער פערלאזען דאס געריכט.

דאָס שטרענגע געזעץ.

דער פּראָצעס איז געווען אזא לעבעדיגער, אז אפילו די געוועהנליך גלייכגילטיגע געריכטס־אָנגעשטעלטע, וועלכע זעהען כמעט שטענדיג אוים שלעפעריג, האָבען אויפגעמאכט ברייט זייערע אויגען און אויפגעשטעלט זייערע אויערען. פאר דעם ריכטער, אזוי ווי אויף אַ ביהנע, זיינען געווען גרופּירט די קעמפפער.

אַ בלאַסער, הויכער מאַן, מיט אַ פּאָר גרויסע, בייזע אויגען, מיט רויטע וואָנצעס, וועלכע זיינען געהאנגען אין מויל, און מיט שטאַרק איינגעפאלענע באקען.

דריי קינדער אין דער עלטער פון צעהן ביז פיער יאָהר.

גוט געפלעגטע שעהנע קינדער זיינען זיי געווען, אָנגעטהאָן זעהר ציכטיג אָבער פון זייערע אויגעלאַך האָט ארויסגעקוקט שרעק און פּאַניק.

און אויף דער אנקלאגע באנק אַ יונגע, שעהנע פרוי, אַ טיפּישע מוטער. אַלץ — איהרע אויגען, די געזיכטס־ציגען, דער האַלבער שמייכעל, אַלץ האָט געצייגט אויף דער פרוי, וואָס איז געשאפען צו זיין אַ מוטער. אין איהרע ארעמס איז געלעגען אַ האַלב יעהריג קינד און מיט אַ זיסען קינדערשען שמייכעל געקוקט אויף דער מוטער.

אָט דאָס קינד איז געווען די אומשולדיגע אורזאכע פון דער טראַגישער געריכטס־פּאַרשטעלונג.

דער מאַן האָט גערעדט:

— איך וועל ניט געבען קיין איין סענט, מעגט איהר מיך אוועקשיקען אין פּריזאָן אויף אייביג!

— אָבער פארוואָס ? — האָט געפרעגט דער ריכטער.

— ווייל איך וויל ניט ! — האָט ער טראַציג געענטפערט.

— זעהן שעהן ! איהר ווייסט דאָך אָבער אז מען האָט חתונה און מען האָט קינדער, דארפען זיי עסען.

דער מאַן האָט געשוויגען.

— זאָלען די קינדער ניט עסען ?

— פאר מ י י נ ע קינדער וועל א י ך געבען עסען !

— זיינען זיי ניט איירע ?

— אויף דעם זאָל זי ענטפערען ! — האָט ער מיט אַ בייזען מאַך פון קאָפּ געענטפערט.

דער ריכטער האָט אַ היבשע ווײלע געקוקט אויף דעם מאַן, אויף דער פרוי און אויף די קינדער. די יונגע פרוי איז געוואָרען שטאַרק רויט, דאַן בלאַס און דאַן ווידער רויט.

— האָט איהר מיר עפּעס צו דערצעהלען, מאַדאַם ?

— איך, איך ? ניין ! — האָט זי געשטאַמעלט.

— קומט בעסער אויף דעם עדות־שטוהל. אונטער אַ שבועה וועל איך שנעלער אויסגעפינען דעם אמת ! — האָט דער ריכטער שטרענג געזאָגט.

די יונגע פרוי האָט זיך זעהר שווער אויפגעהויבען. די קנאַפּעל פון איהרע שיך זיינען געווען שטאַרק אויסגעדרעהט און איהרע קליידער צו זומערדיג פאר דעם קאַלטען, ווינטיגען טאָג.

אויף דעם עדות־שטוהל האָט זי נעהענטער צוגעדריקט דאָס קליינע קינד צו איהר ברוסט, ווי זי וואָלט זיך געשראָקען, אז אי־מיצער וויל עס פון איהר צונעהמען.

דער ריכטער האָט געזאָגט :

— וואָס האָט איהר צו זאָגען אויף אייער מאַן'ס באַשולדיגונג ?

— ער האָט זעהר פיעל באַשולדיגונגען קעגען מיר.

— וועגען די קינדער.

— די קינדער זיינען זיינע! — האָט זי געענטפערט און אראָפּ־געקוקט אויף דעם קליינעם קינד.

איצט האָט דער מאַן ווילד געפרעגט:

— אַלע?!

זי האָט ניט געענטפערט.

— אַלע? — האָט דער ריכטער געפרעגט.

און די יונגע פרוי האָט זיך צוואויינט.

— זאָל זי איך דערצעהלען, זאָל זי שווערען, אויב די קינדער זיינען אַלע מיינע. זאָל זי שווערען! — האָט געשריען דער מאַן.

און די יונגע פרוי האָט מיט אַ ציטערענדען פינגער אָנגעוויזען אויף די דריי גרעסערע קינדער.

— איך שווער ביי גאָט, אַז זיי זיינען זיינע!

— האַ, האַ, האַ! — האָט זיך דער מאַן זעהר ווילד צולאַכט. און דאָס קליינע, דאָס קליינע איז דיינע אַרעמס, דאָס איז אויך מיינס? ווערסט אויף דעם אויך שווערען? זאָג, ווערסט שווערען?

די פרוי האָט געשוויגען.

— איהר זעהט, יור האָנאָר, זי שווייגט? פרעגט ביי איהר, איז דאָס ניט דאָס קינד פון איהר געליעבטען פּאָליסמאַן?! פרעגט ביי איהר!

דער פרוי'ס וויינען איז געוואָרען אַזוי היסטעריש, אַז אַלע דריי קינדער האָבען זיך צוואויינט.

און ווען זי האָט זיך אַביסעל בערוהיגט, האָט זי זיך געבעטען:

— לאָזט מיך געהן אהיים.

— אהאַ, איצט וויל זי שוין אַנטלויפען! איהר זעהט, ווי שולדיג זי איז, זי האָט מורא! — האָט זיך געקאָכט דער מאַן און זיין פּנים איז געווען עהנליך צו זיינע רויטע האָר.

— שולדיג ביזטו מעהר ווי איך! ווער האָט מיך געטראָטען מיט די פיס? ווער האָט מיר ניט געגעבען גענוג צו עסען? ווער האָט מיר געמאַכט דאָס לעבען אַזוי מיאוס, אַז ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז כ'קען שוין מעהר ניט לעבען, ווער? ניט דו? ענטפער! — האָט זי איצט ווילד געשריען.

— וואס האט דאס צו טהאן? — האט ער געפרעגט.

— זעהר פיעל. דו מיט דיין ברוטאלער באהאנדלונג האסט מיך מיט גוואלד געשטופט אין די ארעמס פון א צווייטען. ווען ס'איז געקומען אן אנדערער און האט גערעדט צו מיר פריינדליך, בין איך געווען איבערראשט, כ'בין ניט געווען געוואוינט צו מענש־ליכער באהאנדלונג. ווען ער האט געזעהן, וויפיעל הונגער איך מיט די קינדער ליידען, האט ער אונז געבראכט עסען. די בארוויסע פיס פון ד י י נ ע קינדער האבען דיך ניט געארט, אבער איהם, א פרעמדען, האט י א געארט. ע ר האט זיי געקויפט שיך! נאטירליך, בין איך געווארען זיין געליעבטע. כ'בין דאך געווען ווי א הונט, וועלכען יעדער שטופט אוועק. קיינער ווארפט איהם אפילו קיין ביין ניט, און פלוצלונג באקומט ער א בעל־הבית וועל־כער גיט איהם אפצועסען און אמאל אפילו א גלעט! איך בין געווען אזוי אונטערטהעניג, אזוי פארהונגערט, אז כ'האב זיך ניט גערעכענט מיט קיין זאך. און אז ס'איז געקומען דאס קינד, וואס קען איך טהאן? האב איך עס געזאלט דערשטיקען?

— וואו איז איצט אייער געליעבטער?

— ער, ער האט א פרוי מיט קינדער! אבער איך האב דאס פריהער ניט געוואוסט.

— נו, איצט וועט איהר מיר נאך הייסען איהר געבען געלד?!

— האט זיך דער מאן גערייצט.

דער ריכטער האט א לאנגע ווײלע געטראכט, דאן האט ער געפרעגט דעם מאן:

— און פאר די עלטערע דריי קינדער ווילט איהר זארגען?

— יא.

— טא וועל איך זיי אריינגעבען אין אן אינסטיטוציע, און איהר וועט פאר זיי צאהלען זעקס דאלאר א וואך.

די עלטסטע מיידעל, וועלכע האט עפעס פערשטאנען, האט זיך צואויינט, און נאך איהר די אנדערע.

— פארוואס ווילט איהר צונעהמען מיינע קינדער ביי מיר?

— ווייל איהר זייט ניט פּאַסיג מאָראַליש זיי צו ערציהען. און אויב איהר וועט רעדען אַ סך, וועל איך נאָך זעהן, וואָס מען קען טהאָן פאַר דעם קליינעם קינד. פרויען, ווי איהר, האָבען ניט קיין מאָראַלישע רעכט צו זיין מוטערס! — האָט דער ריכטער שטרענג געזאָגט.

און די יונגע פרוי מיט דעם מוטערליכען אויסזעהן האָט מיט אַ צובראָכען הארץ פאַרלאָזען דאָס געריכט.

דער געוועזענער שרייבער.

אַ שרעקליכע געלקייט האָט בעדעקט זיין פּנים, די טיעף איינגעזונקענע באַקען האָבען אויסגעזעהן ווי לעבער, די אויגען, זיינען ווי פאַרגלייזט, צושראָקען קוקען זיי אויפ'ן דזשאָדזש, וועלכער דאַרף איצט איבער איהם אורטהיילען.

די קלאַגע געגען איהם איז, דאָס ער האָט איינגענומען „מאָרפין".

ער איז אַ בעקאַנטע פּערזאָן אין קאָורט. פיעלע פון די אַנגעשטעלטע קענען איהם און האָבען מיט איהם גרויס מיטלייד. ער איז שוין עטליכע מאָל פערשיקט געוואָרען אונטער דער זעלבער קלאַגע.

זיין איינגעבויגענער קערפּער איז אַנגעשפּאַרט אָן אַ פּאָר הילצערנע שטאָלצען, די פיס זיינען ביי איהם פּאַראַליזירט.

ער איז אַנגעטהאָן גאַנץ מאָדערן, זאָגאָר אויפפּאַלענד, און דאָס מאַכט איהם אַ ביסעל לעבערליך, עס איז אַ שרעקליכער קאָנטראַסט מיט דעם פערקריפּעלטען אָבגעלעבטען קערפּער.

מיט זיין טרויעריגער לעבענס געשיכטע זיינען פיעל קאָורט אַנגעשטעלטע און אויך דער דזשאָדזש גוט בעקאַנט.

מיט פופצעהן יאָהר צוריק איז ער געוועזען איינער פון די בעסטע זשורנאַליסטען פון ניו יאָרק. ער איז געוועזען יונג, פול מיט לעבען, טראָץ דעם וואָס זיין סוקסעס האָט איהם געקאָסט פיעל יאָהרען פון הונגער און ליידען.

אַלס קינד איז ער געבליבען אַ יתום, איז אויפגעוואַקסען ביי

א טאנטע, וועלכע האט געהאט אייגענע ניין עסערס, נאטירליך איז ער כמעט שטענדיג געווען האלב־הונגעריג.

נאך אלס אינגעל, איז ער געווען א שטארקער, שטארק אין קערפער און אין גייסט.

ער איז געווען פלייסיג, האט אימער גוט געלערנט און ענדליך געווארען א „מענש“.

זיינע קאלעגען האבען איהם געקאנט פאר א מענשען וואס ווערט זעלטען געריהרט פון אירגענד וועלכער זאך, אנשטאט א הארץ, האבען זיי געזאגט, האט ער א שטיק אייז.

אבער די, וואס האבען איהם געקענט פון גאנץ נאהענט האבען גוט געוואוסט, אז צו דער זעלבער צייט וואס ער ווערט ניט געריהרט פון טרעהרען און הארץ־רייסענדע געשרייען, קען ער זיך דאך לא־זען אהן א סענט ווען עס קומט צו ליידענדע, אמת ליידענדע.

ער איז געווען גאנץ גליקליך און צופריעדען עטליכע יאהר, ער האט פערדיענט גוט, איז געווען פערליעבט אין א מיידעל.

זיין איינציגע ליידענשאפט איז געווען רויכערען. ער פלעגט אבזיצען שטונדען־לאנג, שרייבען שנעל, און רויכערען נאך שנעלער, א קורצע דיקע פאיפ.

ער האט דאס מיידעל געהייראט. עטליכע מאנאטען שפעטער האט זיך איהם פערוואלט שרייבען א פיעסע, און אט די פיעסע איז שולדיג אין זיין גאנצען אונגליק.

די פיעסע איז געווען א געוואלדיגער סוקסעס. פינף קאמפא־ניעס האבען זי געשפיעלט איבער צוויי יאהר צייט און ער איז דערפון געווארען זעהר רייך, אזוי רייך, אז זיין קאפ איז פערדרעהט געווארען פון רייכטהום...

עס האט איהם גענומען מעהר ווי א יאהר זיך צו געוועהנען צו א לעבען פון לוקסוס, אבער ווען ער האט זיך צוגעוועהנט, האט ער גענומען „לעבען“ — ליידענשאפטליך געלעבט...

אליץ, רויכערען, שרייבען, אליץ האט ער געטהאן ליידענשאפט־ליך, אבער געליעבט האט ער רוהיג, אזוי לאנג ווי ער האט גע־

ליעבט זיין אייגענע שטילע פרוי. די גוטע פרוי וועלכע האט אימער געשוויגען.

— דאס וואס זי האט שטענדיג געשוויגען איז געווען די אורזאך פון מיין פאלען — האט ער דערצעהלט דעם דזשאדזש, ווען ער איז פאר איהם דעם דריטען מאל פארגעפיהרט געווארען.

— איך האב געלעבט און זי האט געשוויגען, געשוויגען ביז עטליכע טעג פאר'ן געבורט פון איהר קינד. דאן האט זי איינגענומען גיפט.

—די נייעס האב איך בעקומען אין א זומער האטעל, וואו איך האב פארבראכט מיט א יונגער כאריסטקע.

ער איז שטארק קראנק געווארען און איז אבגעלעגען עטליכע וואכען ראנגלענדיג זיך מיט'ן טויט.

פאלשטענדיג געזונד איז ער שוין ניט געווארען. ווען ער איז אויפגעשטאנען פון בעט איז ער געווען בלויז א שאטען פון דעם פריהערדיגען ריעז — האט ער דערצעהלט.

די כאריסטקע האט אן אונצופריעדענע געספענדט זיין געלד עטליכע מאנאטען נאך דעם אונגליק, דאן איז זי אנטלאפען מיט א „רייסטרעק געמבלער", מיטנעהמענדיג מיט זיך די גרעסטע טייל פון זיין פערמעגען.

דער לעצטער קלאפ האט איהם צושמעטערט.

עטליכע מאנאטען האט ער זיך אין גאנצען בעהאלטען פון דער וועלט, פלעג זיצען שטונדען לאנג און שנעל, שנעל רויכערען זיין קורצע דיקע פאיפ.

זיינע שרעקליכע שמערצען האט ער בלויז געקענט שטילען מיט „מארפין", דער דראג פלעגט איהם פער'שכור'ן און פאר א צייט איז ער געווען גליקליך.

אבער דעם דראג האט ער צו יענער צייט זעלטען איינגענומען.

שטארק דערצו האט ער זיך ערשט דאן גענומען, ווען ער האט ווידער געוואלט נעהמען שרייבען. ער האט געמוזט שרייבען, ווייל זיין געלד האט זיך אויסגעלאזט און אויף אן אנדערען וועג האט ער ניט געקענט מאכען קיין לעבען.

— שרעקליכע שטונדען פלעג איך פערברענגען ביים טיש. איין האנד פלעגט פערקרעמפט ווערען האלטענדיג די פען. מיינע געדאנ־קען האבען מיך אבער פערלאזען, עס איז מיר געווען אוממעגליך צו בעדעקען דאס ווייסע פאפיער מיט ווערטער. ווערטער וועלכע פלע־גען מיר פריהער ברענגען א פערמעגען, וועלכע וואלטען יעצט געבראכט טרייסט צו מיין צובראכען הארץ...

און אין יענע שטונדען פלעגט ער זיך אפט בענוצען מיט „מאר־פין". אונטער זיין איינפלוס פלעגט ער שטילען זיינע שמערצען און ענדליך, נאך א לאנגען קאמפף, האט ער אנגעפאנגען צו שריי־בען פארבלאזע זאכען, וועלכע זיינע פריהעריגע פאבלישער האבען איהם צוריקגעשיקט, ערקלעהרענדיג, דאס זיי „פיהלען איהם ניט" אין זיינע ערצעהלונגען. —

— דאס האט שטארק וועה געטהאן, ווייל איך האב געוואוסט, ווי ריכטיג דאס איז, איך האב זיך אליין אויך ניט „געפיהלט".

— מיינע ערצעהלונגען זיינען אנגענומען און געדרוקט געווארען אין ביליגע צייט־שריפטען. בעצאהלט האט מען א דריטעל פון דאס, וואס איך האב אמאל געקראגען. אבער גענוג צו לעבען גוט, אזוי גוט ווי ווייט מיינע פערלאנגען זיינען.

דער שרעקליכער דראג האט צוביסלעך זיין קערפער פערקריי־פעלט, זיינע פיס פאראליזירט, זיין רוקען געבויגען, זיין פנים פער־גנעלט. עס האט פון איהם געמאכט א לעבעדיגען מת...

מיט דיעזע פאקטען איז דער דזשאדזש גוט בעקאנט. ער בע־טראכט איהם לאנג, עטליכע אנוועזענדע שושקען זיך. דער קעפ־טען פון קאורט קלאפט פאר ארדער, און דער דזשאדזש שיקט דעם אונגליקליכען אין פריזאן אויף עטליכע מאנאטען.

אַ כלה פון דער אונטערוועלט.

די איז געוועזן אן עדות פאר דער אנקלאָגע אין אַ מאָרד־פּראצעס, און די וואָס האָבען בעוואונדערט איהר שעהנהייט, די טיעף־בלויע קינדערשע אויגען און דעם אונשולדיגען אויסדרוק ארום די זיסע ליפּען, זיינען געוועזן שטאַרק איבערראשט, ווען דער לאָיער פון דער פערטהיידיגונג האָט אין קרייץ־פערהער איהר געשטעלט די פאָלגענדע פראגען:

— ווי לאנג האָט איהר געוואוינט מיט'ן פערשטאָרבענעם?

— ווארום האָט איהר איהם יעדע וויילע פערלאָזען?

און ווען זי האָט געענטפערט אויף דער ערשטער פראגע „צוויי יאָהר" און אויף דער צווייטער געשוויגען, האָט דער לאָיער, ווייזענדיג אויף איהר מיט אַ פינגער, איראָניש געפרעגט:

— ניט ווייל איהר האָט צופיעל געטרונקען און ער האָט אייך דערפאר געשלאָגען?

דאָס שעהנע פּנים האָט זיך פערקרימט, אַ וואָלקען איז איבערגעשוואומען איבער די קינדישע אויגען, וועלכע זיינען אויף אַ סעקונדע פייכט געוואָרען, אָבער באלד האָט זיך דאָס גאנצע פּנים געביטען. אַ טראָציגער אויסדרוק האָט זיך אין זיי בעוויזען און האָט ווי אָבגעווישט די פריהעריגע אונשולד...

— און אז איך טרינק, וועמעס ביזנעס איז עס? געווים ניט אייערע! — האָבען די זיסע ליפּען געשריען.

— וויפיעל מאָל אַ טאָג האָט ער אייך געשלאָגען?

אויף דער פראגע האט זי נים געענטפערט, אבער איהרע אוי־גען האבען שרעקליך געברענט.

דער לאיער האט לאנגזאם געבלעטערט א בוך, דאן האט ער זיך מיט א שמייכעל געווענדעט צו דעם אנגעקלאגטען און זיך מיט איהם געשושקעט.

דאס מיידעל אויפ'ן וויטנעס סטענד איז געווען שטארק אויפ־געדעגט. קיין פערצווייפלונג, נאר יא ווילדע בייזקייט האט אין איהר געקאכט. דאס שעהן פנים איז געביטען געווען, עפעס איז עס עלטער געווארען און עפעס האט איהר אונטער דעם אויסדרוק גע־קענט לעזען שרעקליכעס...

— און מיט דעם אנגעקלאגטען ווי לאנג האט איהר געוואוינט?

— האט דער לאיער געפרעגט מיט זיין רוהיגען שמייכעל.

— עטליכע טעג, — האט זי בייז געענטפערט.

— ווי לאנג קענט איהר זיך מיט איהם?

— דריי יאהר.

—איהר האט זיך מיט איהם בעקענט דורך זיין פרוי, זי איז אייער פריינדין?

— יעס.

— זעהר פיין האט איהר אויסגענוצט איהר פריינדשאפט, און דער סארקאזם אין דעם אדוואקאט'ס טאן האט נאך מעהר אויפגע־רעגט דאס מיידעל.

שטונדען לאנג האט ער איהר געשטעלט עהנליכע פראגען, וויי־פיעל טעג זי האט געוואוינט מיט „שארטי'ן"? וויפיעל מיט „בלעקי'ן"? און נאך פיעלע, פיעלע נעמען פון בעוואוסטע מיט־גליעדער פון דער אונטער־וועלט.

און דאס מיידעל האט געענטפערט מיט פערפרעסטע ליפען, מיט קראמפפהאפט צוזאמענגעבראכענע הענט, מיט פיבערישען האס אין די אויגען האט זי געענטפערט און לאנגזאם, ניט ווילענ־דיג, קאפיטלעבווייז, אויפגעדעקט איהר שענדליכע פארגאנגענהייט...

דעם האט זי פערלאזען, ווייל ער האט מעהר געטרונקען ווי זי; יענעם — ווייל ער האט ניט געטרונקען און עס איז איהר געווען אומעטיג; איינעם — ווייל ער האט צופיעל גע'גנב'עט, א צווייטען — ווייל ער איז געווען א פייגלינג; איינעם — ווייל ער איז איי־מער געווען פערמישט אין שיסערייען; איינעם — ווייל ער האט זי ברוטאל געשלאגען און איינעם ווייל ער איז געווען ווילד איי־פערזיכטיג.

מיט דעם פערשטארבענעם האט זי זיך פיעל, פיעל מאל צוגאנ־גען און ווידער צוזאמענגעקומען, „עפעס האט ער געהאט א שרעק־ליכע מאכט איבער מיר", האט זי ערקלעהרט פערשעהמט און דער קינדישער אויסדרוק ארום די ליפען האט זיך ווידער בעוויזען.

עס האבען זיך געהערט זיפצען צווישען די אנוועזענדע. פיעלע האבען זייערע אייגענע אויערען ניט געגלויבט...

איהר האט בעטראכט די געטליכע שעהנהייט, די טיעף, טיעף בלויע, קינדערישע אויגען, די זיסע ליפען מיט דעם אונשולדיגען אויסדרוק אויף דעם דורכזיכטיגען פנים, אויף וועלכען דער בייז־וויליגסטער קריטיקער האט ניט געקענט ענטדעקען קיין איין שפור פון דעם שרעקליכען לעבען און — איהר האט זיך ניט געקאנט גלויבען.

— ער האט געסטראשעט דאס ער וועט „שארטי'ן" שיסען, אז איך זאל צו איהם צוריק ניט געהן — האט זי שטיל גענומען דער־צעהלען, אבער דער אדוואקאט האט שטארק פראטעסטירט, אז זי זאל די אומשטענדען פון דער שיסעריי, וועלכע איז פארגעקומען צוליעב איהר, ניט דערצעהלען. דער אנגעקלאגטער איז שטארק רויט געווארען, דיקע אדערען זיינען ווי אנגעשלאגען געווארען ארום זיי־נע שלייפען און דעם דיקען, א ביסעל צו דיקען האלז, וועלכער איז געווען שטארק ארומגעגאלט, זיין טיפישעס געננסטער פנים איז געווען בעצויגען מיט א געמאכטען שמייכעל, די גאנצע צייט וואס דאס שעהנע מיידעל האט גערעדט.

— און אייער קינד? ווער איז דער פאטער פון אייער קינד?

— האט דער לאיער געפרעגט.

א שרעקליכער וועהטאג האט זיך בעוויזען אויף דעם שעהנעם פנים און זי האט אויסגעבראכען אין א שמערצליכען געוויין.

שפעטער האט זי דערצעהלט, דאס ווען זי איז זיבעצעהן יאהר אלט געווען, איז זי געווען „שטערבליך" פערליעבט אין א באַיטשיק פון די זעלבע יאהרען, וועלכער איז געשטארבען עטליכע מאנאטען איידער איהר קינד איז געבוירען געווארען. זיינער א פריינד, וואס האט איהר „געטרייסט", האט פערשפראכען צו נעהמען אויף זיך די פעראנטווארטליכקייט, דער פריינד האט איהר געצוואונגען צו ווערען זיין געליעבטע און שפעטער האט זי איהם אויך ליעב בעקומען.

ווען זי איז געצוואונגען געווען איהר מוטער דערצעהלען, האט זי איהר א ליגען געזאגט, אז זי איז פערהייראט.

דער „פריינד" איז יעדען טאג געווארען ערגער, ווען ער איז געווארען דער פיהרער פון א „גענג", האט ער זיך גענומען צום טרינקען און אויך איהר געצוואונגען דערצו.

— בּיסלעכווייז האב איך דאס טרינקען אויך ליעב בעקומען, איבערהויפט „עבסינט". דאס האט מיר געגעבען מוטה, איך האב די שמערצען לייכטער געקענט איבערטראגען, לייכטער געקענט זאגען א ליגען דער מאמע, ווען איך בין צו איהר און דעם קינד אהיים געקומען און אויך ניט אזוי שטארק געפיהלט די קלעפ וואס ער פלעגט מיר געבען.

דער „פריינד" איז געווען „שארטי", דער פערשטארבענער גענג פיהרער און וועמעס הענט זי איז איבערגעגאנגען אין אנדערע און פיעל אנדערע און יעדעס מאל צוריקגעקומען צו איהם, „ווייל איך האב איהם ליעב געהאט".

קיינע שפוהרען פון טרינקען, קיינע שפורען פון דעם שרעקליכען לעבען — א שעהן, זיס מיידעל האט דאס אלעס דערצעהלט.

ווען זי איז ארויס פון קאורט־רום ביז איך איהר נאָכגעגאַנ־גען. אין קאָרידאָר האָט זי מיט דעם זיסען שמייכעל בעגעגענט אַ קליין בלאָנד מיידעלע, וועלכעס איז מיט אַ פרייד־געשריי ארייג־געשפרונגען אין איהרע אויסגעשטרעקטע ארעמס.

און שפעטער, ווען איך בין ארויס פון אַ צווייטען קאורט־רום, וואו אַן אנדער טראגעדיע האָט זיך אָבגעשפיעלט, האָב איך גע־הערט דאָס זילבערנע געלעכטער פון דער שעהנער מאמע און קינד...



דער אמת.

אז אונגעוועהנליכע מאסע פון העכסט עלעגאנט געקליידעטע פרויען זיינען יענעם פריהמארגען געקומען אין געריכט.

אנגענעהמע ריחות פון טהייערע אימפארטירטע פארפיומען האבען זאנפט דערשטיקט די ערנסטקייט פון זאל, זיי האבען אריינגעבראכט דעם פריהלינג. אבער די פנים'ער זיינען דערפאר געווען טויט ערנסט. פון אונטער די שעהנע היטען האבען ארויסגעקוקט בלאסע דערשראקענע אויגען.

די בעזוכער זיינען געווען אבגעטהיילט אין צוויי גרופען: רעכטס זיינען געזעסען די פריינד און פערוואנדטע פון דעם אנגעקלאגטען, לינקס — די אנקלעגערין און איהרע פריינד.

זי איז געווען א פרוי פון איבער פופציג יאהר מיט לייכט געפארבטע באקען און מיט א גוט גענעהרטער, קינסטליך געמאכטער יוגענד.

איהר פנים מיט די בעהאלטענע קנייטשען, וועלכע קינסטלערישע הענד גלעטען אויס יעדען טאג, איז געווען בעדעקט מיט א בלאסער ראזע־פארב, וואס נאר א נאהענטער בעאבאכטער האט געקענט בעמערקען, אז ס'איז פאלש, און די קליינע פערעלדיגע ווייסע צייהן האבען אזוי ליעב געשמייכעלט, אז איהר האט זיי פערציהעט זייער טויטע פאלשקייט, בלויז די גלאנציגע שווארצע האר האבען געשריען: „מיר זיינען געפארבט". ווייטער האט אלעס געקענט מיטגעהן, ס'האט אויסגעזעהן עכט...

איהרע געשמאקפולע קליידער האבען נעט בעדעקט איהר שלאנקע פיגור, בלויז די אויגען מיט זייער טרויעריגען אויסדרוק האבען זיך געבעטען: „גוואלד, גיט מיר צוריק מיין יוגענד, גיט מיר מיין יוגענד!"

איהר קלאגע געגען דעם שעהנעם מיטעל־יעהריגען אנגעקלאגטען איז געווען, אז זי האט איהם געגעבען א סך געלד, ער זאל אריינלעגען אין ביזנעס. ער האט איהר צוגעזאגט א גרויסען פראפיט און צום סוף האט זי קיינמאל פון איהם ניט צוריקגעקראגען קיין איין סענט.

באלד אין אנפאנג האט מען פערשטאנען, אז דער פראצעס וועט זיין סענסאציאנעל, ווייל דער אנגעקלאגטער האט ערקלעהרט, אז ער וועט אויף איהר אזעלכע זאכען דערצעהלען, אז זי וועט בעוויינען דעם טאג, וואס זי האט איהם פערקלאגט.

און ער האט זיין ווארט געהאלטען. ער האט דערצעהלט, אז די עלטערע פרוי איז געווען זיין געליעבטע פאר די לעצטע עטליכע יאהר, אז ער האט זי פיעל מאל פערלאזען, אבער זי האט איהם אימער מיט געוואלד צוריק גערופען.

דער מאן האט גערעדט אין דעם טאן פון איינעם, וואס האט אלץ פערלארען, וואס זוכט א וועג ווי זיך צו ראטעווען און טהוט עס אויף דעם עקעלהאפסטען אופן.

— זי האט מיך שטארק געליעבט, יעדעס מאל ווען איך האב זי פערלאזען, האט זי זיך געוואלט דאס לעבען נעהמען — האט ער ערקלעהרט, קוקענדיג פרעך אויף דער פרוי'ס צוויי טעכטער וועלכע זיינען געזעסען אזוי ווי זייער מוטער מיט אראבגעלאזענע קעפ.

— איך ווייס גאר ניט ווי א פרוי אין איהרע יאהרען קען אזוי לעבען, האט ער ווייטער גערעדט מיט א שטאלצען שמייכעל, זי האט מיך אזוי ליעב געהאט! איך דענק, זי וואלט אפילו איהרע קינדער פערקויפט ווען איך וואלט איהר געהייסען. —

און פיהלענדיג זיך שטארק האט ער פארטגעזעצט:

— דאס געלט האט זי געגעבען אהן א ווארט, איך בין געווען איהר בעסטער פריינד. איך האב זיך גענויטיגט אין געלט, האט זי מיר ארויסגעהאלפען, ווען איך וועל האבען וועל איך עס איהר אומקעהרען. —

ווידער האט גערופען דער דיסטריקט אטוירני די פרוי אויף דעם וויטנעס סטענד און אלע זיינען געווען זיכער, אז איצט וועט זי גע־ווים אבלייקענען זיין שענדליכע בעשולדיגונג.

איהרע טעכטער האבען נערוועז געקוקט אויף איהר, ווען זי איז מיט לאנגזאמע טריט ארויף אויפ'ן וויטנעס־סטענד.

„וואס האט איהר צו זאגען וועגען דעם אנגעקלאגטען'ס בע־שולדיגונג?" האט געפרעגט דער דיסטריקט אטוירני.

— עס איז ניט אמת! — האט זי אויפגערעגט, אבער שוואך געענטפערט. דער אנגעקלאגטער האט א לייכטען צוויי־דייטיגען הוסט געטהאן, און זי האט מיט א לייכטען ציטער א טיעפען ביס געטהאן איהרע געפארבטע ליפען.

א ווײלע איז געווען שטיל. פון דעם אנגעקלאגטען'ס פריינד זיינען געקומען בליקען פול מיט האס, בליקען וואס האט זיך גע־דאכט, אז זיי שיסען די פרוי. פון איהרע פריינד איז איהר צוגע־שיקט געווארען מוטה, איהרע צוויי שעהנע טעכטער האבען מיט האפנונג און געבעט געקוקט אויף איהר, און זי האט געשוויגען.

אויף א סעקונדע האבען איהרע אויגען בעגעגענט דעם אנגע־קלאגטען'ס בליק, און אין דער זעלבער רגע האט זיך איהר גאנצער קערפער ווי געביטען. אויף איין מאל האבען זיך ארויסגעזעהן איהרע ריכטיגע יאהרען, שרייענדיג איז געווארען די פארב אויף איהר פנים, — זי איז געווארען אלט...

אהן לשון האבען זיך איהרע איינגעפאלענע ליפען בעוועגט. עס איז איהר שווער געווען צו רעדען. פעסט האבען זיך איהרע נע־געל ארייננעדריקט אין האלץ פון שטוהל איהר גאנצער קערפער האט זיך געטרייסעלט. דערצעהלט פון א שרעקליכען אינערליכען קאמפף.

שוואך איז געקומען איהר שטימע, אזוי ווי פון זעהר ווייט: „איך וויל דערצעהלען דעם אמת".

און דעם מאל האבען זיך איהרע נעגעל טיעף ארייננעפרעסט אין דעם ווייסען פלייש פון איהר האנד. ענטשלאסען האט זי זיך

אויסגעצויגען, אזוי ווי זי וואלט געווען מיעד, און אין א געבראָכע־נער שטימע דערצעהלט:

— ווען איך בין נאר קוים אלט געווען זיבצעהן יאָהר, האָב איך חתונה געהאט פאר געלד, מענשען פון אונזער קרייז מוזען האָבען געלד, אז מען האט אליין ניט, פערקויפט מען זיך. מיין מוטער איז געווען אן אלמנה און זי האט מיך ערצויגען ווי עס פאסט פאר א מיידעל וואס וועט הייראטען מיט א רייכען מאן.

— איך האב געהאט געלד, אָבער מיין לעבען איז געווען מיזער־ראבעל, פול מיט ליידען, אהן א שטראהל פון ליעבע אָדער גליק — און איהרע אויגען האבען מיט געבעט געקוקט אויף איהרע קינדער.

— מיט מיר האט פאסירט די געוועהנליכע געשיכטע פון א פרוי, וואס ליעבט ניט איהר מאן. איך האב געזוכט ליעבע. ווען איך האב זיך מיט א י ה ם בעקענט, האב איך א לאנגע צייט מיט זיך געקעמפפט. ענדליך בין איך געוואָרען זיין געליעבטע.

— ווען מיין מאן איז געשטארבען פון אן אויטאמאביל אונגליק, האב איך איהם עטליכע מאנאטען שפעטער געבעטען, ער זאל מיט מיר הייראטען. מיין לעבען איז געווען א שרעקליכער ליגען! עס האט מיך ניט געארט, וואס איך נאר מיין מאן, ער האט מיך אָב־גענארט עטליכע טעג נאך אונזער חתונה... עס האט מיך געארט פאר מיינע קינדער, פאר זיי האב איך מורא געהאט.

איהרע אויגען האבען געזוכט די אויגען פון איהרע טעכטער, אבער זיי האבען אויף איהר ניט געקוקט.

— ער האט געענטפערט: איך בין צו אלט הגם איך בין בלויז מיט דריי יאָהר עלטער פון איהם. אבער מיין געלד האט ער פון מיר דאך א־יסגענארט.

ווען די דזשורי האט איהם ערקלעהרט פאר שולדיג, האט זי מיט לאנגזאמע טריט פון אן אלטער פרוי אנגעשפארט אויף איהרע קינדער פערלאזען דעם קאורט זאל. איהרע אויגען, וועלכע זיינען גע־ווען רויט פון וויינען, האבען מיט מיטלייד געקוקט אויף איהם.

דעם דאָקטאָר'ס פרוי.

י מוז געהן אין פריזאָן, יור האָנאָר!

— אָבער ווארום? — האָט מיט א גוטמוטהיגען שמייכעל געפרעגט דער ריכטער.

— ווייל זי איז א גנב'טע!

— וואָס האָט זי ביי אייך גע'גנב'עט?

— וואָס? וואָס? — און פלוצלונג איז די פרוי אויף דעם עדות שטוהל געוואָרען זעהר טרויעריג. זי האָט א טיעפען זיפץ געטהאָן און מיט א שטילערער שטימע צוגעגעבען: — זי האָט ביי מיר גע'גנב'עט די בראָנזענע סטאַטועטקע פון ביכער־שראַנק. איך האָב דאָס אליין געפונען אין איהר האַנד־טאַש!

— איהר קענט זי?

— ניין, איך בין ניט בעקאַנט מיט אזעלכע פערזאָנען! — האָט די פרוי געענטפערט און שטאָלץ פאַררּיסען איהר קאָפּ. א שעהנער קאָפּ איז דאָס געווען, מיט געדיכטע געקרויזטע האָר, אָבער די ברוינע זיידענע לאָקען זיינען געווען געמישט מיט גרויע. איהר פנים איז געווען פארזאָרגט, אָבער עס האָט געהאַט שפורען פון שעהנהייט. זי איז געווען הויך, עלעגאַנט, און מיט זעהר א שטאָלצער האַלטונג.

— ווי קומט זי צו אייך אין הויז?

— איך האָב זי עטליכע מאָל געזעהן אין אָפיס. מיין מאַן איז א דאָקטאָר. נאָך דאָס ערשטע מאָל אז זי איז געקומען, איז זי מיר ניט געפעלען. עפּעס האָט זי זיך צופיעל ארומגעקוקט. אז זי איז געקומען דאָס דריטע מאָל, האָט זי א לענגערע צייט פאַרבראַכט מיט דעם דאָקטאָר. דערווייל איז אנגעקומען נאָך א פאַר־

ציענט, וואס האט געווארט אין אויפנאהמס־צימער. עפעס האב איך באלד בעמערקט, אז די סטאטועטקע (פינף און אכטציג דאלאר האב איך בעצאהלט דערפאר), אז די סאטועטקע איז ניט אויף דעם ביכער־שראנק. איך האב גענומען זוכען, זוכען אומעטום, אבער איך האב ניט געקאנט געפינען.

— וואס האט ווייטער פאסירט? — האט געפרעגט דער דיסט־ריקט אטוירני.

— זי איז ארויסגעגאנגען. מיין מאן האט זי בעגלייט. „האסטו אפשר געזעהן די סטאטועטקע?" האב איך איהם געפרעגט. ער האט געזאגט „ניין", און גראדע דאן האב איך געזעהן, ווי ז י נעהמט איהר האנד־טאש און וויל געהן. דא איז מיר איינגעפאלען, אפשר האט זי עס? און ווען איך האב זי געבעטען עפענען דעם האנד־טאש, און זי האט זיך ענטזאגט, האב איך מיט געוואלד געעפענט און דארט, אין איהר האנד־טאש, געפונען מ י י ן סטא־טועטקע. איך זאג אייך, זי מ ו ז געהן אין פריזאן!

דער אנגעקלאגטער'ס לאיער האט מיט זעהר א העפליכען שמייכעל זי גענומען אויף א קרייץ־פערהער:

— מאדאם, איז עס ניט אמת, אז זיית די לעצטע עטליכע יאהר זייט אירה זעהר אייפערזיכטיג אויף אייער מאן, דעם דאקטאר, און אז איהר מאכט פערשיעדענע סצענעס אין זיין אפיס?!

— וואס האט דאס צו טהאן מיט דער „קייס"? — איז די פרוי געווארען רויט פון אויפרעגונג.

— זעהר פיעל, מאדאם! איז ניט אמת, אז יעהעס מאל ווען די אנגעקלאגטע איז געקומען צו אייער מאן אין אפיס, האט איהר זי אנגעקוקט מיט זעהר פארדעכטיגע בליקען?

— ווער האט איהר געהייסען קומען אזוי אפט?

— און אז יעדעס מאל, ווען שעהנע פרויען פאציענטינס קו־מען צו אייער מאן, האנדעלט איהר אזוי?

— ז י רופט איהר שעהן?! — האט זיך מיט שפאט צולאכט די שטאלצע פרוי. — רויטע באקען און שווארצע אויגען הייסט

שעהן? זי האט דאך אפילו ניט א י י ן שעהנעם איידעלען שטריך אין איהר פויערישן פנים; ניין, איהר קענט מיר ניט איינ־ריידען, אז אך בין געווען אויף א י ה ר אייפערזיכטיג.

— טא קענט איהר מיר זאגען, מאדאם, ווארום איהר זייט עטי־ליכע מאל אריין מיט אן אויסרייד אין אייער מאנ'ס אפיס ווען זי איז דארט געווען, טראץ דעם, וואס איהר ווייסט, אז אזוינס טהוט מען ניט, און אייער מאן האט אייך דאס פערבאטען?!

— ווייל איך האב געוואלט! — אין א פער'עקשנ'טען טאן

— קענט איהר מיר אפשר דערצעהלען, ווי האט איהר גע־וואוסט צו זוכען גראדע אין מיין קליענט'ס האנד־טאש אייער סטאטועטקע?

— ווייל, ווייל, איהר אויסזעהן איז מיר ניט געפעלען!

— כ'האב מורא, מאדאם, אז זי איז אייך אינגאנצען ניט גע־פעלען, און אז איהר האט מורא געהאט, אז זי איז אייער מאן צ ו שטארק געפעלען, און ד א ר י ב ע ר איז אייער סטאטועטקע פלוצים אריינגעפאלען צו איהר אין האנד־טאש. בין איך גערעכט?

די פראגע האט דער אדוואקאט בעגלייט מיט אזא דורכדרינגענ־דען בליק, אז די פרוי איז רויט געווארען. אבער זי האט זיך באלד פערכאפט און געגומען שטארק פראטעסטירען און זאגאר זידלען דעם אדוואקאט, וועלכער האט זיך רוהיג געשמייכעלט.

דער אנדערער פאציענט, וואס האט זיך צו יענער צייט גע־פונען אין אפיס, איז געווען א מאן און ער האט בעשטעטיגט דער פרוי'ס בעהויפטונג, אז די סטאטועטקע איז געווען אין דער אנגע־קלאגטער'ס האנד־טאש.

דער דאקטאר איז געווען שטארק נערוועז, ווען ער איז גערופען געווארען.

ער איז געווען א יונג־אלטער מאן פון איבער פופציג, פעסט גע־בויט מיט א שעהן אפגעריט פנים.

— איהר האט אויך געזעהן די סטאטועטקע אין דער יונגער פרוי'ס האנד־טאש?

— ניין, איך האָב ניט געוואָרט צו זעהן קיין זאַך. אז איך האָב דערהערט מיין פרוי מאַכט קולות, בין איך צוריק אריין אין מיין אָפיס. כ'האָב פיינט סצענעס.

און מעהר האָט ער קיין זאַך ניט דערצעהלט.

הערפאר אָבער איז דאָס מיידעל, מיט די רויטע באַקען, געווען זעהר שטאַרק אויפגערעגט, ווען זי איז ארויף אויף דעם וויטנעס־שטוהל ווי פארטהיידיגען.

— אַזאַ פרעכהייט! איך בין אַ נוירס, איך קום צו פיעלע דאָקטוירים אין אָפיס, אָבער אזא אייפערזיכטיגע פרוי האָב איך נאָך ניט בעגעגענט!

— און זיצט איהר אויף דעם שוים פון אַלע דאָקטוירים צו וועלכע איהר קומט? — האָט די פרוי ווילד אויסגעשריען. איהר פנים איז פערלאָפען געוואָרען מיט בלוט. אפילו די ווייסלאַך פון איהרע אויגען זיינען געווען רויט איהר הוט האָט זיך פארדרעהט אויף אַ זייט, און זי האָט מיט כעס געביסען איהרע ליפען.

דער דאָקטאָר האָט ארויסגעקוקט דורך דעם פענסטער און שווער געשלונגען...

און די אַנגעקלאָגטע מיידעל האָט זיך הילכיג צולאַכט:

— צוליעב דעם מאַכט איהר אַ גנב'טע פון מיר?! איהר שעהמט אייך ניט? ווארום פארקלאָגט איהר ניט אייער מאַן פאַר אַ גט, אז איהר זייט אַזוי אייפערזיכטיג? איהר סטאַטועטקע איז גאָר געווען אין מיין האַנד־טאַש! ניט אַ שלעכטער פּלאַן, מאַדאַם. טאַקע נאָר אַן אייפערזיכטיגע פרוי קען האָבען אַזאַ משוגענעם איינפאַל. גאָט מיינער, ווי האָט זי געוואַגט?!

דאָס מיידעל איז געוואָרען אַזוי ווילד. זי האָט זיך געלאָזט לויפען צו דער קלעגערין. עס איז איהר געווען שווער זיך צו קאָנטראָלירען. אין געריכט זאָל איז געוואָרען אַ גרויסער טומעל.

די קייס האָט דער ריכטער ארויסגעוואָרפען. „ניט גענוג בעווייזע", האָט ער ערקלעהרט.

די מיטעל־ יעהריגע פרוי איז געבליבען זיצען מיט איהר האַלב־

גרויען קאפ איןביידע הענט, און די ארום איהר האבען געקענט הע־רען איהר שטיל כליפען.

ווען דאס ערשט־בעפרייטע מיידעל איז נעבען איהר פארבייגע־גאנגען, האט זי רייצענדיג זיך געזאגט: „איהר וועט פאר דעם טייער בעצאהלען, מאדאם, זעהר טייער! ניט נאר מיט געלט — מיט נאך און נאך!

דער דאקטאר האט אליין פערלאזען דעם קאורט־רום...

די ליגנער.

זאָגען אַ ליגען איז קאָורט איז ניט קיין נייעס. אמת, יעדער, וואָס האָט עפּעס דאָרט צו דערצעהלען, מוז עס טהאָן אונטער דער שבועה, אז ער וועט זאָגען דעם אמת. און דאָך איז אַ ליגען גאָר אַן אָפטע ערשיינונג אויף דעם וויטנעס סטענד.

מען זאָגט דאָרט ליגען, כדי זיך צו ראַטעווען מאַנכע זאָגען ליגען פאַר געלד און פיעלע דערפאַר, ווייל עס הענגט אויפ'ן וואָג־שאָל דער שיקזאַל פון זייערע ליעבע.

עס איז פּראָצעסירט געוואָרען אַ געוועזענער שטאָדט בעאַמטער אונטער דער קלאַגע, אז ער האָט גענומען כאַבאַר פון אונאַנשטענדיגע הייזער.

ער איז געווען אַ הויכער מאַן, נאָהענט צו פופציג, זיינע האָר זיינען אַרום די אויערען געווען גאַנץ ווייס, די שטרענגע אויגען זיינען געווען האַלב פערמאַכט און די ברייטע פּלייצעס געבויגען.

אַ נידריגע פעטע פרוי איז געווען דער הויפּט־עדות געגען איהם.

אונטערטהעניג האָט זי געהאַלטען די ביבעל אין האַנד און הויך נאָכגעזאָגט דעם בעאַמטען די שבועה צו דערצעהלען דעם אמת.

זי איז אַכט און דרייסיג יאָהר אַלט און איז ביז לעצטען מאָנאַט געווען די אייגענטהימערין פון אַן אונאַנשטענדיג הויז. זי קען דעם אַנגעקלאָגטען מעהר ווי צוועלף יאָהר, און זי האָט איהם געצאַהלט יאַ מאָנאַטליכען געהאַלט, כדי ער זאָל צומאַכען אַן אויג און ניט אויסזאָגען אויף וואָס פאַר אַ וועג זי מאַכט איהר געלד.

דאָס אַלעס האָט זי דערצעהלט מיט אַ קאַלטער ניעדריגער שטי־

מע. איהרע אויגען האבען זיך אביסעל אנגעצונדען מיט האס, ווען זי האט ווייטער גערעדט.

— איהם האבען נים געארט שלעכטע צייטען. ער האט גיט געוואלט וויסען, אז מען פערדיענט ניט. ענדע מאנאט האט ער געשיקט זיין קאלעקטאר און איך האב געמוזט געבען. עס ארט מיך ניט אזוי פאר מיר, ווי פאר אנדערע. עס זיינען דא אזעלכע ארימע פרויען, וואס מאכען איז געווייסע מאנאטען קוים אויף רענט, און דאך האט ער פון זיי געריסען די הויט. — האט זי צוגעגעבען מיט א רחמנות פנים.

— דערצעהלט אונז וועגען דעם צוועלפטען אפריל, — האט גע־זאגט דער אסיסטענט דיסטריקט אטוירני.

— אה, דעם צוועלפטען אפריל! יענעם אבענד האב איך אליין איהם, אין זיינע אייגענע הענד, איבערגעגעבען דאס געלד.

— וואו איז דאס געווען? — האט ער ווייטער געפרעגט.

— אין מיין הויז.

— איז ער צו אייך אמאל געקומען?

— יעס, — איז לאנגזאם געקומען דער ענטפער.

— נאך געלד?

— ניין. — א ווײלע האט זי נאכגעטראכט, זיך ארומגעקוקט אין געריכטס־זאל, געקוקט אויף דעם אנגעקלאגטען. פון איהם האבען איהרע שפיציגע אויגען אוועקגעוואנדערט אין יענעם ווינקעל, וואו עס זיינען געזעסען פיער טרויעריגע פרויען, דעם אנגעקלאג־טענ'ם פאמיליע. עטליכע סעקונדען האט זי זיי בעטראכט, דער אויסדרוק פון רחמנות אויף איהר פנים איז לאנגזאם פערשוואונדען. אויף די פולע רויטע ליפען האט זיך געלעגט א שפאטישער שמייכעל, א שלעכטער נקמה־שמייכעל, וועלכער האט זיך פערשפרייט איבער דעם גאנצען פעטען, געפארבטען פנים, און ווען דער שמייכעל האט דערגרייכט ביז די אויגען, האט זי ערקלעהרט: — ער איז געווען מיין געליעבטער.

דער אנגעקלאגטער האט פערדעקט זיין פנים מיט איין האנד, אויף דער צווייטער האט ער אנגעשפארט זיין ווייסען קאפ.

די עלטסטע פון די פיער פרויען, א געבויגענע, אויסגעדארטע, האט העפטיג געשאקעלט מיט איהר קאפ אויף „ניין" די מיטעל־יעהריגע נעבען איהר האט מיט ביידע הענד פערדעקט דאס פנים. די הענד זיינען געווען ווייסע, מיט א סך דימענטען. די צוויי אינגערע האבען שטאר געקוקט פאר זיך.

— האט ער יענעם אבענד מיט אייך פערבראכט? — האט ווייטער געפרעגט דער דיסטריקט אטוירני.

— געוויס, ער פלעגט צו מיר קומען גאנץ אפט, אבער דאס האט איהם ניט אבגעהאלטען פון קאלעקטען ביי מיר. ווענען דעם פלעגט ער קיינמאל ניט ווערען רעדען, זיין קאלעקטאר איז געקומען יעדען מאנאט און דערפאר האב איך איהם טאקע אנגעפאנגען צו האסען און איך האב בעשלאסען, אז איך מוז איהם אבטהאן און איך האב אבגעטהאן! — דא האט זי זיך הויך צולאכט.

— וואס האט איהר געטהאן?

— איך האב געהייסען זיין קאלעקטאר קומען יענעם אבענד נאך די געלד. דער ארימער יונג האט ניט געוואוסט, אז זיין באס וועט אויך דארט זיין. איך האב אויסגעשטרעקט מיין האנד מיט דאס געלד צום יונגען מאן, דאן האב איך מיין האנד צוריקגעצויגען און דאס געלד געגעבען דעם אנגעקלאגטען. ער האט זיך וואהרשיינליך פערגעסען און עס אין פאקעט געלעגט, ווען איך האב צו איהם געזאגט: „עס איז דאך אלץ איינס, סיי ווי געהט דאך דאס געלד צו דיר", האט ער מיר ניט געענטפערט.

מיט דעם האבען זיך איהרע אויסזאגונגען געענדיגט.

צו דער פערטיידיגונג זיינען גערופען געווארען די פיער פרויען. דורך זיי האט מען געוואלט איבערצייגען, אז אלעם וואס די פרעהליכע פרוי זאגט איז ליגען, מען האט געוואלט איבערצייגען, אז אין יענער צייט האט ער גאר פערבראכט ביים קראנקען בעט פון זיין שוואגער.

צוערשט איז גערופען געווארען א יונג מיידעל, זיין טאכטער. שטאלץ איז זי געשטאנען מיט דעם ביבעל אין האנד און געשוואוירען דעם אמת צו דערצעהלען. און דערצעהלט האט זי:

— מיין אָנקעל איז געוועזן קראַנק, מיין פאָטער איז מיט אונז צוזאַמען ביי זיין בעט געזעסען יענעם אַבענד.

— איהר זייט זיכער?

— זיכער.

דער צווייטער עדות איז געוועזן אַ שוועסטער, וועלכע האָט געשוואָרען, אַז איהר מאַן איז געוועזן קראַנק, אַז דער אָנגעקלאָגטער האָט יענע נאַכט אין איהר הויז פערבראַכט.

די שעהנע מיטעל־יעהריגע פרוי איז געוועזן זיין פרוי. זי האָט פעסט צוגעדריקט דעם ביבעל צו איהר האַרץ, אין איהרע אויגען האָבען זיך צוויי ניט־פערגאָסענע טרעהרען בעוויזען.

— עס איז ניט אמת, ניט אמת. ער איז יענע נאַכט מיט אונז געזעסען, פון בעט ניט אַבגעטראָטען.

די אַלטע געבויגענע פרוי האָט הויך געוויינט ווען זי האָט געשוואָרען צו דערציילען דעם אמת:

— ער איז מיין קינד. איך בין זיכער ער קען קיין שלעכטס ניט טהאָן. ווי קענט איהר גלויבען אַזאַ אויסגעלאַסענע פרוי?

און זי האָט אויסגעשטרעקט איהרע הענד צו דער דזשורי. און ווען דער דיסטריקט אַטוירני האָט זי געפרעגט מיט אַ סאַרקאַסטי־שען שמייכעל, אויב אויך זי האָט איהר זוהן יענע נאַכט געזעהן, האָט זי פערמאַכט איהרע אויגען אויף אַ ווײַלע. אויף איהר פּנים האָבען זיך בעוויזען בלאַסע, אָנגעשטרענגטע אָדערען. לאַנגזאַם האָט זי געעפענט די אויגען און מיט אַ שוואַכער שטימע געענטפערט:

— יע.

איראָניש האָט דער דיסטריקט אַטוירני גערעדט אין זיין שלוס־רעדע:

— געוויס זיינען זיי עהרליכע גוטע פרויען אַבער וועלכע גוטע פרוי וועט ניט זאָגען אַ ליגען צוליעב אַ געליעבטען מענשען.

די דזשורי האָט געגלויבט דער גאַסען־פרוי און ווען זיי האָבען אַרויסגעזאָגט דעם אורטהייל, האָבען זיך די פיער „גוטע“ פרויען הויך צואַוויינט.

אַ ליעבע מיט פּעטש.

י האַט זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן עק פונ'ם גרויסען עדות שטוהל. ערשט האַט זי די פּיס אויסגע־שטרעקט גראד פאר זיך, אראַבגעקוקט אויף זיי, עפּעס ווי זיך דערשראַקען און זיי שנעל בעהאל־טען אונטער דעם שטוהל.

איהרע רויטע, אויסגעארבייטע הענד האַבען פעסט אַנגעהאל־טען די זייטלעך פון שטוהל. דער פּעסט־געבויטער קערפּער איז געווען אביסעל צוזאַמען געצויגען, אזוי, ווי זי וואלט מורא געהאט. און די אויגען, ברוינע, גלאַנציגע, האַבען מיט שרעק גיעקוקט אויף דעם געקרויזטען קאָפּ פונ'ם אַנגעקלאַגטען.

— איהר זייט געווען זיין כלה? — האַט געפרעגט דער דיסט־ריקט אַטורני.

— יע, — ענטפערט זי דערשראַקען.

— דערצעהלט אונז וועגען דעם.

די מיידעל לאַזט אראַפּ דעם קאָפּ, לעגט צו אַ פינגער צום מויל, הויבט אויף די אויגען ווי בגנבה און ווען זיי בעגעגענען דעם שאַר־פען בליק פון אַנגעקלאַגטען, דערשרעקט זי זיך און קוקט מיט אַ שטום געבעט אויף דעם יונגען ריכטער.

— דערצעהלט! — בעפעהלט דער ריכטער מיט ניט זעהר אַ פריינדליכען טאָן. און דאָס מיידעל דערצעהלט:

— מיר האַבען זיך בעקענט מיט פופצעהן — לאָמיר זעהן — מאַקע מיט פופצעהן מאָנאַטען צוריק. ער האַט זיך באלד פערליעבט אין מיר. — דאַ ווערט זי פערשעהמט. אויף דעם כיטרען פנים

פון דעם אנגעקלאגטען לויפט שנעל פארביי א שפּאַטישער שמייכעל. זי קוקט ווידער מיט געבעט אויפ'ן ריכטער און דערצעהלט ווייטער:

—מיר זיינען געוואָרען פערלאָבט, ער האָט געוואָלט געהן אין ביזנעס, האָב איך איהם אוועקגעגעבען מיינע דריי הונדערט און פופציג דאָלאר. אָבער צוערשט האָב איך געזאָגט, לאָמיר ארויסנעהמען מערידזש לייסענס, האָבען מיר גענומען. ער האָט מיר אלץ געפאָלגט.

די חתונה האָבען מיר אָבגעלעגט אויף נאָך פסח. ער האָט זיך ערשט געוואָלט ארויפארבייטען, האָט ער געזאָגט, גוט. איך בין געווען צופריעדען, גיב איך איהם דאָס געלד, און ער, ער איז אוועק.

דאָ האָט זי זיך הויך צואווײנט. די רויטע אויסגעארבייטע הענד האָבען געציטערט, געווישט די טרעהרען און געציטערט.

— וואָס האָט ווייטער פאסירט? — פרעגט דער דיסטריקט אַטוירני.

— ווייטער? ער איז אוועק און איך האָב געקלאָגט און געיאָמערט. ס'האָט מיר אזוי לאַנג גענומען ביז איך האָב דאָס געלד אָבגעשפּאָרט, און ליעב, ליעב האָב איך איהם דאָך אויך געהאַט! — און ווידער האָט זי זיך צואוויינט אויפ'ן קול.

דער אַנגעקלאָגטער האָט זיך גע'סוד'עט מיט זיין אדוואָקאַט. זי האָט אויף איהם א רגע געקוקט, און ניט בעקומענדיג קיין ענטפער אויף איהר שטומען בליק, האָט זי ענטשלאָסען פאָרטגעזעצט:

— כ'האָב געוויינט, געקלאָגט. נו, אוועק איז פערפאַלען. כ'האָב שוין באלד פערגעסען, כ'האָב שוין גענומען ניי געלד שפּאָרען. איז וואָס טרעפט זיך מיר? איך געה אין סטריט מיט מיין שוועסטער און מיר רעדען. פון וואָס רעדען מיר? שטענדיג פון איהם און פון דעם געלד. אויף איינמאָל טהוט מיך מיין שוועסטער א כאַפּ ביי דער האַנד, אז אָט מיין איך, רייסט זי מיר אָב די האַנד. „וואָס איז?“ — שריי איך, און זי רעדט נישט, נאָר ווייזט מיר מיט א פינגער אויף א מאַן מיט אַן אראָבגעצויגענעם העמד. כ'האָב איהם

באלד דערקענט.ביידע זיינען מיר איבערגעלאפען די גאס, ער האט אונז אפנים דערקענט, ער איז אריינגעלאפען אין א האלל און מיר נאך איהם.

— רשע, גיב אב דאס געלד! — האט געשריען מיין שוועסטער. איך האב געשוויגען. איך האב איהם נאר פעסט געהאלטען ביים ארבעל. פלוצלונג האט ער זיך גענומען רייסען מיט מיר, ער האט געוואלט אנטלויפען. מיט זיין פרייער האנד האט ער מיר דער־לאנגט צווישען די אויגען, אז ס'איז מיר געווארען פינסטער, אבער איך האב איהם געהאלטען. די שוועסטער איז געלאפען נאך א פאליסמאן, ער האט זיך געריסען מיט מיר, מיך געשלאגען, אבער איך האב איהם געהאלטען ביים ארבעל.

דער אנגעקלאגטער מיט זיינע קליינע שפיציגע אויגען האט דורכדרינגענד געקוקט אויף דער מיידעל. זי האט זיך א דערשרא־קענע צוזאמענגעצויגען אין דעם גרויסען עדות־שטוהל.

די דזשורי לייט זיינען געווען געראהע, במעט לויטער אלטע מע־נער. ערנסט האבען זיי געקוקט אויף דעם דערשראקענעם מיידעל מיט די רויטע אויסגעארבייטע הענד.

דער אנגעקלאגטער האט געקוקט פון דער מיידעל צו דער דזשורי און שטיל, אויפגערעגט גענומען רעדען מיט זיין לאיער

דער אדוואקאט האט זיך אוועקגעשטעלט און דראמאטיש ער־קלעהרט:

— דער אנגעקלאגטער איז צופריעדען צו הייראטען מיט דער קלעגערין.

א פריידיגער „אה" האט זיך ארויסגעריסען פון דער מיידעל'ס ברוסט.

עטליכע סעקונדען האט זיך דער ריכטער בעראטהען מיט'ן דיסטריקט אטוירני. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דאס מיידעל איז דער איינציגער עדות, אז ער האט ביי איהר צוגענומען דאס געלד, און ווי מען זאל דער מיידעל ניט גלויבען, קען מען איהם דאך ניט פערמשפטען אויף די אויסזאגונגען פון איין עדות

אהן דער בשטעטיגונג פון א צווייטען. ענדליך האט דער ריכטער איינגעוויליגט אנצונעהמען דעם פארשלאג פון דעם אנגעקלאגטען, אבער צוערשט האט ער זיך געווענדעט צו דער מיידעל:

— זייט איהר וויליג איהם צו הייראטען?

„יע", האט זי קוים הערבאר ארויסגעקרעכצט.

אין עטליכע מינוטען שפעטער זיינען זיי צוזאמען ארויס פון קאורט־רום. איהר רויטע, אויסגעארבייטע האנד האט איהם אויך איצט אנגעהאלטען ביים ארבעל, אבער די אויגען האבען איצט געשיינט מיט פרייד און מיט ליעבע, מען האט לייכט געקענט זעהן, אז זי האט אפילו פערגעסען אן די פעטש.

שוועסטערלאך.

שונאים זיינען זיי זיך געוועזן אט די צוויי קליינינ־קע שוועסטערלאך.

אין בעזונדערע ווינקלען פון געריכט זאל זיינען זיי געזעסען און געווארפען בייזע, מיט האס אנגעפילטע בליקען איינע צו דער אנדע־רער.

שעהנע אויגען האבען זיי געהאט, גרויסע, שווארצע, פון וועלכע עס האט ארויסגעקוקט די אונשולדיגע קינדהייט. ניט קוקענדיג אויף דעם בייזען אויסדרוק אין זיי.

און זעהר פערשיעדען זיינען געווען זייערע קליינע פנים׳לאך. די אין רעכטען ווינקעל האט געהאט א מיעדען אויסדרוק אין איהר פניב. איהרע אויגען האבען געצייגט שפורען פון געוויין. איהר מויל איז געווען א קליינס, מיט א זעהר חנ׳עוודיגען שמייכעלע, די נאז א גראדע אויף א שעהנע. זי האט אויסגעזעהן אזוי יונג, אזוי קינדיש, אז עס האט זיך שווער געגלויבט, אז זי איז שוין באלד 15 יאהר אלט.

דערפאר איז אבער די מיט צוויי יאהר אינגערע מיידעל, וועלכע איז געזעסען אין לינקען ווינקעל, געווען גראד דער געגענזאץ פון איהר שוועסטער. זי האט געהאט אן אויפגעשארצט נעזעל, און דאס האט צוגעגעבען איהר גאנץ פנים א פרעכען, אבער זעהר חנ׳עוודיגען אויסדרוק. איהרע ליפען זייען געווען דיקלאך און האט־בען דערצעהלט סודות, פון וועלכע די קליינינקע מיידעלע וואלט נאך ניט געדארפט וויסען...

זי איז געווען פיעל עלעגאנטער געקליידעט ווי איהר עלטערע שוועסטער. און זי האט זעהר אפט געשמייכעלט מיט א צופריעדענעם נאכלעסיגען שמייכעל.

דער דאזיגער שמייכעל איז געווארען ברייטער, ווען זי האט בעשענקט מיט א פרעכען בליק איהר פאטער אויף דער אנקלאגע באנק, ווי זי וואלט זיך מיט איהם גערייצט.

שוידערליך איז געווען צו קוקען אט אויף דעם אנגעקלאגטען. עפעס איז געווארען אזוי אונהיימליך, אזוי אומעטיג אויף דעם הארצען.

זיין קין האט אויסגעזעהן ווי א שווארצע בארשט, דאס פנים איז ניט געווען ראזירט שוין וואכען לאנג און דאס האט איהם צו־געגעבען א שרעקליכע ווילדקייט. אונטער אט דעם וואכען לאנגען אנוואוקס פון האר, איז פערלוירען געגאנגען דער ווייכער, כמעט ליעבליכער אויסדרוק פון זיין מויל, די טיעפע בלויקייט פון זיינע פער'חלומ'טע אויגען.

און פערקלאגט איז ער געווען אין מארד ערשטען גראד. ער האט געשאסען זיין פרוי די מוטער פון זיינע צוויי מיידלאך.

זיין בענעהמונג אין די ערשטע טעג פון זיין פראצעס איז געווען אזוי אומעטיג, אזוי שטארק אין אנקלאנג מיט זיין פנים.

קיין איין מוסקול האט ער ניט בעוועגט, ווען מענשען האבען דערצעהלט וועגען דעם שרעקליכען פערברעכען, וואס ער האט בע־גאנגען.

א פאליסמאן האט דערצעהלט, אז דעם פריהמארגען נאך דעם מארד איז ער געקומען אין דעם אנגעקלאגטען'ס צימער, און דארט איז בעט מיט איין בלוטיגער האנד פערווארפען אויף דער דעק, און מיט דעם פנים האלב בעהאלטען אין די קישענס, האט ער געטרא־פען דעם מערדער שלאפענדיג. און ווען ער האט איהם אויפגע־וועקט, האט ער געפרעגט: „איז זי טויט?“ און אז דער פאליס־מאן האט געענטפערט „יא“, האט ער צופריעדען געזאגט: „אזוי איז גוט, פון איצט אן וועט זי שוין זיין ריין“.

דער הויפּט עדות געגען איהם איז געווען זיין דרייצעהן יעהרי־גע טאָכטער נעלי.

— נעלי, אז דו שווערסט צו דערצעהלען דעם אמת, ווייסטו וואָס דאָס בעדייט? — האָט געפרעגט דער ריכטער.

— יאָ, אז איך וועל זאָגען אַ ליגען נאָך דעם, ווי איך שווער, וועט מיך גאָט בעשטראָפען.

— גוט, טאַ דערצעהל אונז, וואָס ווייסטו וועגען דיין מוטער'ס טויט.

— די מאַמע, די מאַמע? דער טאַטע האָט זי דערשאָסען! — האָט זיך דאָס מיידעל הויך צובליפּעט. און נאָך דעם ווי מען האָט זי אביסעל איינגעשטילט, האָט דער דזשאַדזש געפרעגט:

— דו האָסט עס געזעהן?

— יאָ, יאָ, איך האָב געזעהן! — האָט זי שנעל געענטפערט, ווישענדיג איהרע טרעהרען מיט'ן ארבעל און קוקענדיג בייז אויף איהר פאָטער. יענער האָט מיטביידע הענד פערשטעלט זיין פּנים, און די גרעסערע מיידעל פון רעכטען ווינקעל האָט מיט'ן פינגער געדראָהט איהר קליינע שוועסטער. די האָט דאָס בעמערקט, און האָט טראָציג געזאָגט: „טאָקע ווייל איווא איז אזוי פרעך, וועל איך אַלעס דערצעהלען!".

דער ריכטער האָט, טרויעריג שאָקלענדיג מיט זיין גרויען קאָפּ, געזאָגט:

— ניט דערפאַר, מיין קינד, נאַר ווייל דו האָסט געשוואָרען צו דערצעהלען דעם אמת, דערפאַר דערצעהל, אָבער נאַר דעם אמת, מיין קינד, ווייל גאָט איז הימעל הערט אַלעס!

דאָס מיידעלע מיט דעם פערבען פּנים האָט זיך אביסעל דער־שראָקען, און שנעל האָט זי געזאָגט:

— יער איז אריינגעקומען, די מאַמע איז געוואָרען זעהר בלאַס, ער האָט אַפריהער געכאַפּט דעם רעוואָלווער פון אונטער זיין מאַנ־טעל און אויסשרייענדיג: „נעהם דאָס, און דאָס, און דאָס!", האָט ער דריי מאָל אויסגעשאָסען. מיר האָבען זיך זעהר דערשראָקען.

די מאמע איז געפאלען, ער איז ארונטער פון די שטיגען און איוואַ איז איהם נאכגעלאפען. מעהר וויים איך ניט!

און וואס האט די מאמע געזאגט? — האט געפרעגט רעם אַנ־געקאַלגטענ׳ס אדוואַקאט, אַנהויבענדיג זיין קרייץ־פערהער.

— די מאמע? די מאמע? גאר ניט!

— נעלי, דו האסט געשווארען צו דערצעהלען דעם אמת!

— די מאמע האט געזאגט „ארויס פון דאנען!" און זי האט איהם גענומען שטופען.

— זייט ווען האסטו ניט געזעהן דיין פאטער?

— יעדען טאג האב איך איהם געזעהן!

— יא, זייט צוויי וואכען, אבער פאר דעם? דערצעהל דעם אמת, נעלי! האט שטיל געזאגט דער אדוואקאט.

— פאר דעם, מעהר ווי פינף יאהר. איך געדענק איהם קוים. די מאמע האט געזאגט, ער איז געווען א שלעכטער, און דעריבער קומט ער ניט אהיים!

— און דו האסט געוואהנט מיט דער מאמען?

— יא, גאנץ אליין, גאנץ אליין!

— נעלי, האט מר. מארטין ניט געוואוינט מיט אייך?

— יא. — מיט זעהר א שוואכער שטימע.

— ווי לאנג?

— עטליכע יאהר.

— און זייט ער איז אוועק?

— קיינער ניט, קיינער ניט!

— נעלי, פערגעס ניט דעם אמת! זיינען ניט געקומען עט־ליכע מענער צו דיין מוטער? און האבען מאנכע ניט פערבראכט וואכען לאנג צוזאמען מיט אייך אין אייער וואהנונג?

— יא, — קוים הערבאר.

און איוואַ, די עלטערע מיידעל, איז גערופען געווארען אלס עדות צו פערטיידיגען איהר פאטער.

זי האט זיך געהאלטען זעהר שטייף אין אנהויב, מען האט לייכט געקענט זעהן, אז מיט שווערער מיה האלט זי איין איהרע טרעהרען.

— איווא, דו האסט געוואוינט מיט דיין מוטער? — האט גע־פרעגט דער אדוואקאט.

— ניין, איך האב געוואוינט מיט מיין פאטער'ס שוועסטער, ניט ווייט פון זיי.

— וואס ווייסטו וועגען מארד, איווא?

— יא, ער האט דאס געטהאן, אבער איך בין זיכער, ער האט ניט געמיינט קיין שלעכטס! ווען זי וואלט געווען ארונטערגעקו־מען, ווען איך בין זי געקומען בעטען, וואלט ער דאס ניט געטהאן!

— וואס האט דיין מוטער געזאגט, ווען דו ביזט זי געקומען רופען?

— זאג דיין טאטען, ער זאל געהן צו טייוועל.

— האסטו עס איהם געזאגט?

— ניין, ער איז שוין געווען גענוג אויפגערעגט. איך האב גע־זאגט, די מאמע קען ניט קומען. האט ער מיך ווידער געשיקט, האט זי געזאגט, איך זאל מיך געהן אויפהענגען מיט מיין פאטער צוזא־מען. איך האב איהם דאן ווידער געזאגט, אז זי קען ניט קומען.

— און דאן?

— האט ער מיך געבעטען, איך זאל איהם צייגען, וואו איז דער מאמעס וואהנונג. און דאן, און דאן, זי האט איהם גענומען ארויס־שטופען. ווען זי טהוט דאס ניט, וואלט ער זי ניט געשאסען!

און אז דער דיסטריקט אטוירני האט זי שטרענג געפרעגט: — א יא, דו האסט פיינט געהאט דיין מאמען?!

— איך ווייס ניט, אויב פיינט. אבער עס האט מיר ניט גע־פעלען איהר אויפפיהרונג, — האט דאס מיידעל מיט א טיעפען זיפץ געענטפערט.

— וואס ווייסטו וועגען איהר אויפפיהרונג?

— נעלי פלעגט מיר דערצעהלען. זי פלעגט מיר דערצעהלען זועגען אַט די אַלע מענער, און איך האָב געוואוסט, אז דער פּאַפּאַ איז צוליעב דעם אוועק.

נאָך דעם איז געווען זעהר שטיל אין געריכטס־זאַל. ווען דער אָנגעקלאַגטער איז ארויפגעקומען אויף דעם עדות־שטוהל, האָט זיך זיין מינע גאָר ניט געביטען. עס איז געווען זעהר שווער ארויס־צובעקומען א וואָרט פון איהם. ענדליך, נאָך פיעלע פראַגען האָט ער שטיל געזאָגט:

— איך האָב עס געטהאָן, אז זי זאָל מעהר ניט זינדיגען.

— דערצעהלט אונז וועגען דעם, — האָט געזאָגט דער ריכטער.

— איך קען ניט. אָבער דאָס נויטיגע, אַט איז עס: מיט פינף יאָהר צוריק האָב איך בעשלאָסען אוועקצופאָהרען אין די וועסט. די אויפפיהרונג פון מיין פרוי מיט א געוויסען מארטין האָט מיך דאָן געטריבען צום טרינקען, אָבער איך בין געווען געוואוינט צו זיין אָן אַנשטענדיגער מענש, האָב איך בעשלאָסען בעסער אוועקצופאָה־רען. אין די פינף יאָהר האָב איך געמאכט געלד, אהיים בין איך ניט געקומען, ווייל מיין שוועסטער האָט מיך געראַטען דאָרט צו בלייבען. איך האָב פערשטאַנען וואָס זי מיינט. מיט דריי וואָכען צוריק בין איך אהיים געקומען, איך האָב זי בעגעגנט אין גאַס. זי האָט קוקענדיג פרעך אין מיין פּנים געזאָגט: „איך וועל זיין דיין פרוי אויף עטליכע שטונדען, דו קענסט מיך קויפען אזוי ווי אנ־דערע קויפען מיך!“ נאָך דעם האָב איך זיך גענומען צום טרינקען. און איך האָב ניט געוואָלט, זי זאָל מעהר זינדיגען!

און אז ער איז געפונען געוואָרען שולדיג אין מאָרד צווייטען גראַד, האָט די עלטערע מיידעל צערטלאָך געגלעט זיין ווילד בע־וואקסען פּנים, און די אינגערע איז געווען בייז: „בלויז צוואנציג יאָהר וועט ער זיצען, און מיין מאמע איז טויט!“ האָט זי אויפגע־רעגט געזאָגט.

די „וואָהלטהעטיגע“.

די איז געווען כמעט נאָך אַ קינד. זעהר קליין און זעהר צושראָקען. אויף דעם עדות־שטוהל האָט זי זיך פערצווייפעלט געבראָכען די הענד און קוקענדיג מיט געבעט אויף דעם ריכטער, שטיל געזאָגט:

— אָבער איך האָב קיין שלעכטס ניט געטהאָן, איך האָב קיין שלעכטס ניט געטהאָן.

— ווי קומט איהר צו איהר אין הויז? — האָט געפרעגט דער ריכטער.

— זי האָט מיך גענומען פאַר אַ דיענסט, האָט זי מיך גענומען.

— ווער האָט אייך צו איהר געפיהרט?

— געפיהרט? קיינער ניט, איך האָב געלעזען דעם אַדווערטייזמענט אין פייפער.

— וואָס איז דאָרט געווען געשריבען?

— „פערלאַנגט אַ מיידעל צו הויז ארבייט, אַ גוטע היים“.

— איהר זייט דאָך אַ היגע, ווי קומט עס, אַז איהר האָט געוואָלט טהאָן הויז־ארבייט?

— איך האָב זעהר געוואָלט אַוועקגעהן פון מיין הויז. מיין פאָטער האָט חתונה געהאַט, איז מיר דאָרט ניט געווען גוט, קיין אַרבייט האָב איך ניט געקענט, מען האָט מיך קיין זאַך ניט געלערענט. נאָר שטעהן אין קענדי סטאָר און פערקויפען סאָדאָ וואַסער. פאַר אַ שאָפּ האָב איך זיך געשראָקען, ווייל כ'האָב געוואוסט, אַז איך וועל ניט פערדיענען גענוג אויפ'ן לעבען, האָב איך בעשלאָסען בעסער צו געהן טהאָן הויז־ארבייט, אויב איך וועל קענען אַריינקומען אין אַ גוטע הויז, — האָט זי שטיל דערצעהלט.

— ווי אַלט זייט איהר? — האָט מיט אַ דורכדרינגענדען בליק געפרעגט דער ריכטער.

— דאָס זיבצעהנטע יאָהר.

דער ריכטער האָט זיך צוגערוקט נעהענטער, ער האָט ארויפגערוקט זיינע ברילען אויף זיין הויכען שטערען, און מיט אַ לאַנגען פאָרשענדען בליק געקוקט אויף דער מיידעל.

ענדליך האָט זיך די שטרענגע מינע אויף זיין פּנים געביטען. ער האָט צוריק אראָבגערוקט די ברילען. ער איז געווען איבערצייגט, אז די מיידעל דערציעהלט דעם אמת, און ער האָט זי ווייטער געפרעגט:

— און ביי איהר אין הויז?

— האָט זי מיך אנגאַזשירט פאר צוואַנציג דאָלאר אַ מאָנאַט. מיר האָט דאָס אויסגעזעהן אַ גרויס פאָרמעגען. צוואַנציג דאָלאַר אַ מאָנאַט אַ חוץ וואוינונג און עסען. אָבער מיינע אַ פריינדין, פאר וועלכער איך האָב אַלעס דערצעהלט, האָט מיך דערמאָהנט, אז דיענסט־מיידלאך איז איצט אַזוי שווער צו בעקומען, און דערפאר בעצאָהלט מען גוט.

און דאַן?

— זי האָט מיר אָבגעגעבען אַ בעזונדערען צימער, אַלעס איז געווען ריין און ציכטיג, און איך בין געווען צופריעדען ביז... ביז... אָבער איך פערזיכער איך, אז איך האָב קיין שלעכטס ניט געטהאָן.

— ביז ווען?

— ביז אויף דער דריטער וואָך. און דאַן האָב איך זיך אביסעל דערשראָקען. עפּעס זיינען מיר ניט געפעלען געוואָרען דער מאַדאַם'ס רייד, ווען זי האָט גענומען זאָגען, אז ס'איז אַ שאַנדע, אז אַזאַ שעהן מיידעל ווי איך דאַרף זיך פערשמוצען די הענד מיט שווערע ארבייט. עפּעס איז מיר ניט געפעלען, ווייל זי האָט מיך דערמאָהנט אז אַ געוויסער פּרוי אין די מואַוויס, וואָס האָט אויך אַזוי גערעדט צו אַ יונג מיידעל אָבער יענע איז געקומען פון אַ קאָונטרי און די מאַדאַם האָט מיט מיר געוואָלט טהאָן, וואָס זי האָט געוואָלט.

— ווער האט געוואוינט אין דעם הויז?

— די מאדאם און איהרע צוויי טעכטער, ווי זי האט געזאגט; זעהר שעהנע מיידלעך.

— האט איהר עפּעס בעמערקט אין הויז?

— ניין, נים אין אנפאנג. די צוויי פריילינס, האט זי געזאגט, זיינען אקטריסעס און דעריבער געהען זיי אוועק יעדען אבענד. מיך האט זעהר ווייניג געקימערט זייערע געשעפטען. אבער אין איין פריהמארגען האב איך געטראפען זעהר א סך ליידיגע פלעשער פון וויין אין דעם עס־צימער, און די מאדאם האט מיט א שמייכעל געזאגט: „ווען דו זאלסט ניט זיין א נאר, וואלסטו אויך געקענט טרינקען וויין". גראדע דאן האט מען געקלונגען ביים טהיר, און איך בין אוועק עפענען. נאך דעם האט זי שוין קיין זאך ניט געזאגט ביז'ן אבענד.

— וואס האט זי דאן געזאגט?

— זי איז אריינגעקומען אין קיך, ס'איז געווען נאהענט צו צעהן. זי האט געהאט א פּאק מיט זעהר שעהנע קליידער און מיט א שמייכעל האט זי מיך געפרעגט? „ביזט נאך אלץ ביזי?" „יא". האב איך געזאגט. „ווייסטו, כ'האב מיט דיר גרויס מיטלייד, אזא שעהן מיידעל ווי דו איז ניט געבוירען געווארען צו זיין א דיענסט. דיענסטען זאלען זיין די נאראנים, די וואס האבען ניט קיין שכל צו עפּעס אנדערש, אבער אזעלכע ווי דו איז בערעכטיגט צו די זעלבע גוטע זאכען ווי די רייכע".

— איך האב זיך דערשראקען, אבער איהר האב איך ניט געוואלט זאגען ווענען דעם, און כ'האב שטיל געפרעגט: „ווי קומט מען צו דעם?" און זי איז צוגעקומען גאנץ נאהענט צו מיר און גלעטענדיג מיין באק, האט זי געזאגט: „האסט אזא שעהנע הויט, ביזט אן אמת שעהן מיידעל. אזעלכע ווי דו דארף נאר בעפעהלען, און די מענער גיבען אלץ". איך בין שוין דאן געווען אזוי איבער־שראקען, אז איך האב זיך קוים איינגעהאלטען זי זאל ניט הערען דאס קלאפּען פון מיינע צייהן. „הער, טהו זיך אן אין אט די

שעהנע קליידער, און איך וועל דיר פארשטעלען פאר מיינע געסט“, האט זי געזאגט, ניט בעמערקענדיג מיין אויפרעגונג. און אזוי שנעל ווי זי איז ארויס, האב איך געכאפט א קאוט און בין געלאַפען. אבער איך פערזיכער אייך, איך האב קיין שלעכטס ניט געטהאן.

ווידער האט דער ריכטער זעהר לאנג און פארשעגד בעטראכט דאס מיידעל, אבער דער אויסדרוק אויף איהר פנים איז געווען אזא עהרליכער, איהרע רייד אזוי איבערציינגענד, אז ווען דער „מאדאם'ס“ אדוואקאט האט זי גענומען אויף א שטרענגען פערהער מיט געוואלדיגע קולות, האט דער ריכטער איהם כמעט בעליידיגט און געהייסען בעהאנדלען דאס מיידעל אנשטענדיג.

און דאן איז געקומען די מאדאם זיך פערטיידיגען.

מיט זיכערע טריט איז זי ארויף אויף דעם עדות־שטוהל, איהרע שיך האבען שרייענד געסקריפעט, און אלץ אויף איהר איז געווען שרייענדיג. איהר געשטאלט איז געווען גלייך, אויסגעצויגען און דאס געפארבטע פנים האט פרעך געשריען: „זעהט, ווי שעהן איך בין געבויט, אפילו גאט אליין האט מיך אויך ליעב!“

זי איז געווען אין די פערציגער, מיט גאנץ אנגענעהמע געזיכטסציגע, מיט צופיעל פארב אויף די באקען און ליפען, און מיט גרויסע, צו גלאנציגע אויגען. כמעט אויף אלע פינגער האט זי געטראגען בריליאנטענע רינגען, און איצט אויף דעם עדות־שטוהל האט זי וואהרשיינליך געדענקט מיט די ציערונג צו מאכען א גוטען איינדרוק, ווייל זי האט אלץ געווארפען מיט איהרע פינגער.

און אז איהר אדוואקאט האט זי גענומען פרעגען, אויב זי קען דאס מיידעל, האט זי זיך שיער ניט צוואויינט.

— וואס וויל מען פון מיר? כ'האב איהר דען געוואלט עפעס שלעכטס טהאן? אזא נאריש מיידעל! האב איך דען געמיינט שלעכטס?

— וואס דען האט איהר געמיינט? — האט שטרענג געפרעגט דער ריכטער.

— כ'האָב איהר געוואָלט ארויסהעלפען. זאָגט אליין, יור האנאר, האט דען גאָט בעשאַפען אזא שעהן מיידעל צו זיין א דיענסט?

— ווי אזוי האָט איהר איהר געוואָלט העלפען?

— וואָס הייסט ווי אזוי? כ'האָב דען געמיינט עפּעס שלעכטס? גאָט זאָל מיך אָבהיטען, ווי קען איך טהאָן שלעכטס אזאַ אָרים קינד, וואָס האָט ניט קיין מאַמען!

— איהר האָט ניט געענטפערט אויף מיין פראגע! — האָט זי דער ריכטער דערמאַהנט.

— איהר זעהט, איך בין אזוי שטארק פעראינטערעסירט אין איהר, אז איך פערגעס אפילו, אז איך בין געקומען אהער זיך פער־טהיידיגען. איז וואָס האָב איך געוואָלט זאָגען? יאָ, כ'האָב זיך שוין דערמאַהנט! שלעכטס טהאָן האָב איך איהר געוואָלט? גלויבט מיר, אז איך קוק מיר ארום אָט אויף דער וועלט אונזערער, פערשטעה איך ניט, ווי גאָט אין הימעל קען דאָס צולאָזען. מענשען באָדען זיך אין אל־דאָס גוטס, לעבען אין פערגעניגען, און אנדערע, אָט אזעלכע ווי דאָס מיידעלע, דארפען זיך אזוי פּלאָגען און ניט האָבען אפילו אויף דאָס נויטיגסטע. איך האָב איהר ניט געוואָלט טהאָן קיין שלעכטס, איהר מעגט מיר גלויבען! כ'האָב בלויז גע־רעכענט, איך וועל זי פאַרשטעלען פאר די רייכע יונגע לייט, וואָס קומען צו מיינע טעכטער, אפשר וועט זיך איינער אין איהר פער־ליעבען און זי גליקליך מאַכען. היינט שטעלט זיך פאָר, ווי גוט איך וואָלט זיך געפיהלט, ווען איך וואָלט א מענשען גליקליך גע־מאַכט.

און ביי קרייץ־פערהער איז אויפגערעגט צוגעשפרונגען דער יונגער דיסטריקט אַטוירני צו איהר, זיינע אויגען האָבען זי שיער ניט דערשאָסען.

— און איהר ווילט מיר זאָלען אייך דאָס גלויבען?! — האָט ער געפרעגט.

— אודאי וויל איך. שרייט ניט אזוי, איך האב מורא, איהר וועט מיך אויפעסען — האט זי זיך צולאכט.

— איך וועל ניט פערשמוצען מיינע צייהן, מאדאם!

און אז זי האט אויפגעהויבען א פעטע האנד צו פראטעסטירען, האט ער זי אבגעשטעלט מיט די פאלגענדע ווערטער:

— דענקט ניט מאדאם, אז איהר קענט אונז נארען. מיר ווייסען אלעס וועגען אייך, מיר ווייסען, וואס פאר א הויז ביי אייך איז געפיהרט געווארען. מיר ווייסען אויך, אז די צוויי מיידלאך זיינען נ י ט אייערע טעכטער.

דאס האט זי אזוי איבערראשט, אז זי האט מעהר קיין ווארט ניט אויסגערעדט.

און אז די דזשורי האט זי געפונען שולדיג, האט זי געשריען:

— דאס איז פאר מיין גוטס, פאר מיין גוטס. גאט, דו ווייסט דאך דעם אמת!

בעפרייט.

די פערשפרעכונגען פאר יענעם פרייטאג זיינען ניט גע־וועזען אינטערעסאנט. אינגאנצען האָבען יענעם טאג געדארפט פעראורטיילט ווערען צוויי־און־פערציג פערזאָן — און דאָס הייסט אַ „קליינער" טאָג — ווייל די מעהרסטע אורטיילען פון דער וואָך ווערען אָבגע־לעגט אויף פרייטאג.

לאנג האָבען מיר שטודירט דעם קאָורט־קאַלענדאַר. אַן אַלטער רעפּאָרטער האָט זיך געוויצעלט: „אין פּאַרט דריי געה איך היינט ניט: לויטער קליינע גנבים; פאַר אַ קליינעם גנב האָב איך קיין רעספּעקט ניט. זיך מיאוס געמאַכט צוליעב גאַר ניט, פע!"

„ניט אינטערעסאַנט, גאַר ניט אינטערעסאַנט" — האָבען גע־ברומט די רעפּאָרטערס לעזענדיג ווייטער.

„אַט איז פאַר אייך אַ קיים!" — האָט מיר איינער אָנגעוויזען אויף אַ פרויען־נאָמען — „איהר, פרויען, קענט זיך דאָך ניט בע־געהן אָהן טרעהרען. זי וועט דאָך אודאי וויינען, טאָ געהט און מאַכט אַ טרעהרען־געשיכטע".

„איך געה אויף מיט אייך! איך וויל זעהן, אויב זי איז אַ שעהנע", האָט ערקלעהרט דער גאַר איינגסטער, אַרויסנעהמענדיג די קורצע ליולקע פון זיין שמייכלענדען מויל.

און מיר זיינען אוועק. דאָס געריכטס־זאַל איז געווען געפּאַקט, טראָץ דעם גרדיכטען הערבסט רעגען, וואָס האָט אומעטיג געקלאַפּט אין די פענסטער.

אכטצעהן מענער זיינען געווען אויסגעשטעלט אין דער לאַנגער רייהע. אכטצעהן פאַר אוינען האָבען מיט האָפנונג געקוקט אויף

דעם ריכטער, וועלכער האט מיט קורצזיכטיגע אויגען שטודירט די מאסען פאפיערען וואס זיינען געלעגען פאר איהם.

אויף א שטוהל — נאך דער לאנגער רייהע געפאנגענע, איז געזעסען א פרוי. איהר פנים איז געווען בעהאלטען אונטער צוויי ווייסע, גוט פארמירטע הענד. איהרע קליידער זיינען געווען אייג־פאך אבער מאדערן און מען האט אויף זיי לייכט געקענט בעמערקען די קניימשען פון געפענגניס־„בעקוועמליכקייט".

אן אכטצעהן יעהריג אינגעל האט בעקומען א לאנגע לעקציע און א קורצען טערמין אין אן אויסבעסערונגס־אנשטאלט. צוויי אלטע גנבים זיינען פערארורטיילט געווארען צו לאנגע טערמינען אין סינג־סינג. א בלייכער, קרענקליכער יונגער מאן איז פערשיקט געווארען אין דענעמארע־געפענגניס, וואו שווינדזיכטיגע ארעסטאנ־טען געניסען בערג־לופט. א יונגער קעשענע־גנב האט פערשפראכען צו ווערען א „גוד־באי".

און דאן האט דער קלויערק אויסגערופען: „מערי ר..."

די פרויען געשטאלט האט זיך לאנגזאם אויפגעהויבען פון שטוהל, די ווייסע הענט זיינען הילפלאז אראבגעפאלען ביי איהרע זייטען אויפדעקענדיג א יונג אינטערעסאנט פנים. מיט וואקלענדיגע טריט איז זי צוגעגאנגען צו דער פארענטשע, וואו די אנגעקלאגטע ווערען אוועקגעשטעלט צום אורטייל. מיט ביידע הענד האט זי זיך אנגע־שפארט אן דער פארענטשע, האט אויפגעהויבען א פאר אינטערע־סאנטע גרויע אויגען צום ריכטער און מיט א נערוועז־ציטערנדער שטימע אנגעגעבען איהרע יאהרען און אדרעס.

צו מיר האט דער יונגער רעפארטער שטיל געזאגט:

— ס'האט זיך געלוינט צו קומען, זי איז שעהן ווי א געטין.

— שווייגט! — האב איך איהם שטיל געווארנט.

דעם ריכטער'ס קורצזיכטיגע אויגען האבען צו אונז אין ווינ־קעל געקוקט.

— מערי, איהר זייט בעשולדיגט אין נעהמען כאבאר — האט מיט א הילכיגער שטימע ערקלעהרט דער ריכטער און פערריכטעג־

דיג זיינע דיקע אויגען־גלעזער האט ער פארטגעזעצט: — איהר האט זיך ערקלעהרט שולדיג און דעריבער, און אויך צוליעב אייער יוגענד, בין איך גענייגט מיט אייך צו האנדלען ניט שטרענג. הויפט־זעכליך וועגדעט זיך אבער מיין האנדלוג אן א י י ך א ל י י ן. אויב איהר וועט דערצעהלען דעם אמת, וועט אייך ניט באנג טהאן.

מיט מיעדע טריט איז דאס מיידעל ארויף אויפ'ן וויטנעס סטענד, נערוועז נאכגעזאגט נאך דעם אלטען געריכטס־אנגעשטעל־טען די שבועה צו דערצעהלען דעם אמת און מיט האפנונג געקוקט אויף דעם ריכטער.

— איהר האט זיך מודה געווען, אז איהר האט גענומען ביי אייער באס דריי הונדערט דאלאר „שוויג געלט“ — האט דער ריכטער פארטגעזעצט. — איהר זייט ביי איהם געווען א בוכהאל־טערין. ער האט „געפיקסט“ די ביכער איידער ער האט באנקראטירט און איהר האט צוגעשטימט צו פערשווייגען די געענדערטע ציפערען, מיט וועלכע אייער באס האט געוואלט אבנארען זיינע קרעדיטאר־רען. ווארום האט איהר עס געטהאן? דאכט זיך, דריי הונדערט דאלאר איז ניט אזא רייצענדע סומע.

די גאנצע צייט וואס דער ריכטער האט גערעדט, האט דאס מייד־דעל נערוועז גערדרעהט איהרע פינגער. ווען ער האט געענדיגט רע־דען האט זיך א ביטערער שמייכעל בעוויזען אויף איהרע דינע ליפען.

— יור האנאר, איהר האט א טעות. דריי הונדערט דאלאר איז זעהר א גרויסע סומע, ווען מען איז אין א שרעקליכער נויט — האט זי בעמערקט.

— אזוי? האט איהר עס געטהאן צוליעב דעם געלד און ניט אוים גוטען ווילען צו אייער באס! — האט דער ריכטער אויפגע־רעגט געזאגט.

— איהר פערשטעהט מיך ניט, יור האנאר! איך וואלט גע־ווען געשווינגען אהן געלד אויך. עס איז מיר אפילו אין זינען ניט

געלעגען אויסצוזאגען. איך בין געווען צו־שטארק פערנומען מיט מיינע אייגענע צרות.

— וועלכע צרות? האט איהר מורא געהאט, אז איהר וועט זיך דארפען בעגעהן אהן שעהנע קליידער ביז איהר וועט אן אנדער שטעלע בעקומען? איהר, מיידלעך, זארגט זיך דאך נאר וועגען אזעלכע זאכען.

עטליכע סעקונדען האט זי געקוקט אויף דעם ריכטער. אין גע־ריכט איז געווען זעהר שטיל. ווידער איז דער ביטערער שמייכעל ערשיענען אויף איהרע ליפען און אבזיפצענדיג האט זי שטיל גע־זאגט:

— איך בעלאנג, ליידער, ניט צו יענע גליקליכע מיידלאך. איך בין די עלטסטע פון פינף קינדער. פאר די לעצטע צוויי יאהר איז מיין פאטער שוואך און דער יאך פון הויז ליגט מעהרסטענס אויף מיינע פלייצעס. ווען מר. ראזען האט מיר אנגעבאטען די דריי הונדערט דאלאר, האב איך זיך דערמאנט אן דעם געבעט פון מיין פאטער, וועלכער ליגט אין א טשאריטי ווארד אין שטאדטישען האספיטאל, אז ער בעט זיך אהיים, אבער מיר קענען זיך ניט ער־לויבען צו געברויכען א פריוואטען דאקטאר. איצט פערליר איך מיין שטעלע, מא וואס וועלען מיר טהאן ביז איך וועל ווידער אר־ביימען? דריי הונדערט דאלאר איז א גרויסע סומע אין אזא נויט. יור האנאר, איך האב ניט פערשטאנען, אז איך בעגעה א פערברעכען.

— איהר האט אין טומס־פריזאן פערבראכט דריי וואכען. ווי געפעלען אייך די פרויען, וואס איהר האט דארט בעגעגענט?

דאס מיידעל האט זיך פערדעקט די אויגען און א שטארקען ציי־טער געטהאן.

— איך וואלט אייך געקענט אוועקשיקען אויף עטליכע יאהר צווישען אזעלכע פרויען — האט דער ריכטער פערענדיגט — אבער איך דענק, אז איהר וועט פון איצט אן זיין גוט. געהט אהיים, מערי.

דאָס נאָטיץ-ביכעל.

ווען ער איז פּראָצעסירט געוואָרען, האָט מען וועניג געהערט וועגען דעם פּראָצעס, ווייל ער איז געוועזען אָרים, און זיין פרוי, צוליעב וועמען ער האָט דעם מאָרד בעגאַנגען, איז ניט געוועזען „צוייבערליך שעהן“ און נאַטירליך האָבען די צייטונגען וועגען זיי וועניג געשריבען.

זיי זיינען געוועזען פּראָסטע, געוועהנליכע מענשען. אָבער זייער לעבענס־טראגעדיע איז געוועזען גראָדע אַזוי „אינטערעסאַנט“, ווי די לינקע געשיכטען פון די רייכע.

ער האָט ערמאָרדעט זיין פרוי'ס געליעבטען.

ער איז אַ הויכער דארער מאַן, מיט אַ געזעצטען אויסדרוק אויף זיין געלבליך־בלאַסען פּנים. מיט דאַרע, אויסגעאַרבייטע הענט און מיט אַ ביטערען שטריך ארום זיינ'ע ליפּען.

אלץ איז איהם קלאָהר, נאָר איין זאַך קען ער ניט פערשטעהן: ווי אַזוי זיין פרוי, אַזאַ שוואכע, אַזאַ קרענקליכע, מיט אַזוי פיעל דאגות וועגען סלעק און ביזי, און מיט אַזוי פיעל ארבייט ארום איהרע צוויי ברעקלעך קינדער, ווי אַזוי איהר האָט זיך געגלוסט האָבען אַ געליעבטען.

און ווען זיין פרוי, וועלכע זיצט אין אַ ווייטען ווינקעל פון קאָורטרום הערט אָט די פראגע זיינע (ער זיצט אויף דעם עדות־שטוהל און שטעלט די פראגע ווי אין דער לופט אריין), גיבען איהרע דונקעלע אויגען ווי אַ בליץ, עס פערדריסט איהר וואהרשיינליך אויף זיין פראגע. זי זעהט אויס צו זיין זיכער ביי זיך, אַז אויך ז י איז בערעכטיגט צו די פרעהליכע מאָמענטען פון לעבען.

גאנץ גלייכגילטיג ענטפערט ער אויף די פראגען פון זיין אד־וואקאט. זיין שטימע איז עפעס אזוי קאלט, ווי אלעס װארעמעס וואלט שוין געװען אויסגעלאשען אין זיין לעבען.

— און ווען האט איהר זיך דערוואוסט וועגען אייער פרוי'ס אונטרייהייט? — פרעגט דער אדוואקאט.

— דערוואוסט? ס'איז מיר אפילו ניט איינגעפאלען זי צו בע־שולדיגען. כ'האב געוואוסט, אז זי האט אויף זיך גענוג צרות אהן א גליעבטען. — ענטפערט ער מיט א האלב־קרומען שמייכעל.

— אבער ווען האט איהר עס אויסגעפונען?

— אויסגעפונען? כ'האב קיין שום זאך ניט אויסגעפונען. ווען ס'איז געווארען סלעק, בין איך געזעסען מעהר אין הויז. יע־דען מיטוואך פלעגט קומען דער קאלעקטאר. איך האב זיך אפילו אויף איהם ניט אומגעקוקט. ער איז געקומען קאלעקטען פאר דער פארניטשור, וואס ס'האט זיך פערוואלט מיין ווייב לעצטעס יאהר. איך בין אן ארימער ארבייטער, אבער א פרוי ווילט זיך שטענדיג נייעס. אמת, דער טיש מיט די טשערס, וואס כ'האב געקויפט מיט פיער יאהר צוריק, זיינען שוין צובראכען, און א דאלאר א וואך האב איך געטראכט איז ניט אזא געפעהרליכער בעטרעף, און א ווייב מוז מען דאך אויך אמאל נאכגעבען, האב איך געקויפט.

— דערצעהלט אונז וועגען דעם קאלעקטאר, — האט איהם זיין אדוואקאט איבערגעשלאגען.

— דער קאלעקטאר, הלואי וואלט איהם אלדע־שווארץ יאהר געקענט, איידער איך! ער איז געקומען און איך האב געזאגט, ס'איז סלעק, ער זאל ניט קומען עטליכע וואכען. די זעלבע וואך, פרייטאג, האב איך איהם ווידער בעגעגענט ארויסגעהענדיג פון מיין הויז. „וואס ווילט איהר איצט“, פרעג איך איהם. „כ'האב גע־מיינט, איהר האט שוין געלד“, ענטפערט ער. כ'האב זיך פון איהם גוט אויסגעלאכט. אויף דער צווייטער וואך איז ער ווידער געקומען. ס'האט מיך שוין פערדראסען און כ'האב זיך אויף איהם אויסגע־בייזערט. עטליכע טעג שפעטער האב איך איהם בעגעגענט אין

זעלבען בלאק, וואו איך וואוין, און אויף מיין פראגע, אויב ער האט מיך שוין ווידער בעזוכט, האט ער מיט א געלעכטער געזאגט: „ס'וואהנען דא נאך אזעלכע נגידים ווי איהר זייט". עפּעס איז מיר ניט געפעלען זיין פנים, און איך האב געזאגט מיין פרוי, אז ווען ער קומט נעקסטע וואך, ווארף איך איהם ארויס. אויף דעם האט מיין דריי־יעהריג מיידעלע מיך גענומען בעטען: „פּאפּא, ווארף איהם ניט ארויס. ער איז א „נאיס" אנקעל. ער ברענגט אונז קענדי פאר מיר און פאר דער מאמא. „איזנ'ט איט", מאמא, ער איז א נאיס אנקעל?" איך האב דאס קינד אנגעקוקט פערוואונדערט. מיין פרוי האט זי ארויסגעשלעפּט אין קיטשען, און איך האב פערגעסען אן דעם קינד'ס רייד. אבער עטליכע טעג שפּעטער, ווען כ'האב דעם שעהנעם קאלעקטאר ווידער בעגעגענט אויף די שטיגען פון הויז, וואו איך האב געוואוינט, און ער האט מיר ווידער געענטפערט מיט עפּעס א ווערטעל, האב איך זיך דערמאנט אן דעם קינד'ס ווערטער און האב גענומען זיך אביסעל ארומטראכטען. ווען כ'האב גע־פרעגט מיין ווייבעל, אויב דער קאלעקטאר האט דא אין הויז נאך אנדערע קאסטומערס, האט זי זיך אויף מיר אזוי ארויפגעכאפּט, וואס איך וויל פון איהר מיט דעם קאלעקטאר; זי האט אזוי פיעל גערעדט וועגען מיינע עטליכע ווערטער, אז אפילו א י ך האב בעגריפען, אז דא איז עפּעס ניט גלאט.

— וואס האט איהר ווייטער געטהאן? — האט געפרעגט דער לאיער.

— וואס האב איך געקענט טהאן? כ'האב זיך בעהאלטען אנטקעגענאיבער מיין הויז אין א האל און געווארט אויף דעם קא־לעקטאר. נאך מיטאג איז ער געקומען. איך בין איהם שנעל נאכ־געגאנגען, אבער איידער איך האב צייט געהאט איהם צו דעריא־גען, איז ער פערשוואונדען אין א טהיר. אין מיין הויז האב איך ניט געוואלט אריינגעהן. עס האט זיך מיר ניט געוואלט בעשול־דיגען מיין פרוי, דאכט זיך, שטענדיג זי געהאלטען פאר אן עהר־ליך ווייבעל. טא בין איך אוועק אויף א לאנגען שפּאציער. איך

האב ניט געוואלט בלייבען נאהענט פון הויז. כ׳האב ניט געוואלט נאך אמאל בעגעגענט דעם קאלעקטאר, דאס הארץ האט מיר עפעס אזוי הויך געקלאפט. איך בין שנעל געגאנגען און בין צוגעקומען צו דער באוערי. איהר ווייסט דאך וויפיעל פאן שעפער דארט געפינען זיך? יענעם טאג האט זיך מיר אויסגעוויזען, אז אין יעדען פענסטער פון די פאן־שעפער געפינען זיך בלויז רעוואלווערס. איך האב זיך אויסגעלאכט פון זיך אליין, געפיהלט זיך שטארק נערוועז און ווייטער געגאנגען. איידער כ׳האב געוואוסט, וואס איך טהו, האב איך געקויפט א רעוואלווער, איהם גוט בעהאלטען אין מיין פאקעט און אוועק אהיים. שפעטער האב איך געפרעגט מיין מיידעלע, ווער ס׳איז געוועזן? האט זי געענטפערט: דער „קאלעקטאר“. דעם צווייטען טאג האב איך געהאט ארבייט, אבער איך בין ניט געגאנגען, כ׳האב געווארט. ער איז ניט געקומען. דעם דריטען טאג, ס׳איז געוועזן פרייטאג, כ׳האב געווארט אין גאס, זיך בעהאלטען. נאכמיטאג איז געקומען דער קאלעקטאר. איך בין בגנבה נאכגעגאנגען און איהם געזעהן אריינגעהן אין מיין טהיר. עטליכע סעקונדען שפעטער האב איך געהערט, ווי אימיצער פערשפארט די טהיר פון אינווייניג. מיין הארץ האט אזוי הויך געקלאפט, אז ס׳האט זיך מיר אויסגעוויזען א גאנצער רעגימענט געהט אויף די שטיגען. כ׳האב לאנגזאם געעפענט די טהיר מיט מיין שליסעל, און וואס כ׳האב געטראפען האט מיך בערעכטיגט צו שיסען. איהר וואלט אויך געשאסען! גלויבט מיר, איהר וואלט אויך געשאסען! —

ווייטער האט ער דערצעהלט, אז ער האט אויך געוואלט זיין פרוי דערשיסען, נאר זי האט איהם פערזיכערט, אז זי איז בלויז געוועזן דעם קאלעקטאר׳ס געליעבטע, ווייל יענער האט זי געשראקען, אז ער וועט דערצעהלען איהר מאן וועגען דאס ערשטע מאל. און דאס ערשטע מאל, האט זי געזאגט, האט פאסירט אין א טאג, יוען זי האט זיך ניט גוט געפיהלט, איז געוועזן שארק פערביטערט. ער האט זי פלוצלונג ארומגענומען, און זי האט זיך אויף א סעקונדע

פערגעסען. און פאר יענער סעקונדע, האט זי געזאגט, צאהלט זי די גאנצע צייט. ער האט איהר געגלויבט און די קינדער דארפען דאך א מאמע.

אבער אין „רעבאטעל“, ווען די אנקלאגע ברענגט נייע בעווייזע, איז זיין פנים געווען שטארק רויט, און אויף זיינע ליפען איז געווען א ביטערע קללה געגען דער מוטער פון זיינע קינדער.

אין א קליין ברוין־ביכעלע, דאס נאטיץ־ביכעלע פון קאלעקטאר, איז געווען אנגעשריבען פאלגענדעס: „דאס ווייבעל ר., וועלכע וואוינט אין נומער—עלפטע סטריט, וויל מיך ניט אבלאזען, זי האט מיך ליעב, זאגט זי. איך מוז לאכען, ווען איך דערמאן מיך אן דעם ערשטען טאג, מיט עטליכע חדשים צוריק, ווען זי איז מיר געפאלען אין די ארעמס און מיך געבעטען איך זאל אביסעל לעבעדיגער מאכען איהרע אומעטיגע טעג. זי איז ניט קיין מיאוסע, אבער זי לאנגווייליגט מיך שוין“.

און ווען די דזשורי האט איהם ערקלעהרט „ניט שולדיג“, האט ער מיט פערקריצטע צייהן אבגעשטויסען דאס ווייבעל פון זיך.

שוועסטער.

ווען איהר פראצעס פאר אַנגרייפען איהר מאַן האָט זיך געדארפט אָנהויבען, האָבען אַלע געוואוסט, אז זי האָט אין איהם געשאָסען. און זי אליין האָט צוגעגעבען, אז זי האָט געציעלט דעם רעוואָל־ווער אין זיין ברוסט, און אז עס טהוט איהר שטאַרק לייד, וואָס די קויל האָט איהם ניט געטויט.

נייגעריג האָבען פיעלע געוואַרט אויף דער סענסאַציאָנעלער טראַגעדיע, וועלכע וועט אויפגעדעקט ווערען פאר דעם פּראָצעס. און דעריבער האָט אַ שטאַרקע ענטוישונג געהערשט אין געריכטס־זאַל, ווען די יונגע פרוי האָט ביי דעם אויסקלייבען פון לעצטען דזשוראַר, זיך פּלוצלונג ערקלעהרט פאר שולדיג.

איהרע אַדוואָקאַטען זיינען געוועזען שטאַרק אונצופריעדען. זיי זיינען געוועזען זיכער, אז ווען זי זאָל פּראָצעסירט ווערען און דער־צעהלען, ווארום זי האָט דאָס פערברעכען בעגאַנגען, וואָלט די דזשור־רי זי זיכער בעפרייט.

אָבער די יונגע פרוי האָט זיך פעסט געהאַלטען ביי איהר בעשלוס.

און די ענטשלאָסענהייט האָט אַרויסגערופען אַ נייעם אויס־דרוק אויף איהר יונגען, גלייכגילטיגען פון וועהטאָג פערענדערטען פּנים.

און פיעלע אַנוועזענדע זיינען געוועזען ענטוישט, ווייל די יונגע פרוי איז אַ רייכע, און עס ווילט זיך דאָך אַזוי וויסען די סקאַנדאַ־לען פון די רייכע.

שטיל האט זי אנגעגעבען איהר נאמען, יאהרען און אדרעס, און אין נאך א שטילערען טאן, אזוי, אז נאר די גאר נאהענטע האַבען געקענט הערען, האט זי דערצעהלט דעם ריכטער דאס טראגישע קאפיטעל פון איהר לעבען.

צוערשט האט זי שטאמלענדיג גערעדט וועגען איהר אונגליקליך פערהייראט לעבען, וועגען איהר מאן און זיין אפט בעטריגען איהר. צוביסלעך איז דער אויסדרוק פון ענטשלוס פעסטער געווארען און זי האט שנעלער גענומען רעדען.

— איך האב געוואוסט, אז ער נארט מיך. איך האב עס געוואוסט באלד אין די ערשטע וואכען פון אונזער הייראט. איך האב געשוויגען, ערשטענס, ווייל... ווייל איך האב איהם שטארק ליעב געהאט.

און דא האבען איהרע טרויעריגע אויגען זיך אויף א סעקונדע אבגעשטעלט אויף דעם בלאסען פנים פון א הויכען יונגען מאן, וועלכער איז געזעסען אין א ווייטען ווינקעל, זיין פנים האלב בעהאלטען איןביידע הענד, און בלויז מיט א האלבען אויער, וואס איז געווען רויט, אזוי ווי פון א פרישער וואונד.

— און צווייטענס? — האט העפליך געפרעגט דער ריכטער.

— צווייטענס, ווייל איך האב געוואלט אויסמיידען סקאנדאלען. די מעהרסטע פריינד מיינע האבען מיך געווארענט געגען איהם. אבער איך האב זיי ניט געוואלט הערען, ווען עס איז נאך געווען צייט. און איצט, אז איך בין שוין געווען פערהייראט, האב איך ניט געוואלט, אז זיי זאלען וויסען ווי אונגליקליך איך בין.

— און צוליעב דעם זייט איהר געווען צופריעדען צו ליידען א לעבען לאנג? — האט ווייטער געפרעגט דער ריכטער.

— א סך פערהייראטע פרויען טהוען אזוי, — האט זי קורץ געענטפערט.

— און דאן?

— אה דאן איז געווארען יעדען טאג ערגער.

— און איהר האט נאך אלץ ניט געטראכט וועגען א גט?

— אמאל יא. עס איז געווארען אונערטרעגליך פאר מיר צו־צוקוקען ווי מיין מאן נארט מיך אב, כמעט מיט יעדער פרוי, וואס ער בעגעגענט.

— טא ווארום האט איהר זיך ניט געווענדעט צום געריכט?

— ווייל גראדע ווען איך האב בעשלאסען צו געהן צום אד־וואקאט, דעם זעלבען טאג האב איך איהם געפונען אין מיין אייגען הויז אין די ארעמס פון א... צווייטער פרוי.

— און דעריבער האט איהר אין איהם געשאסען?

— ניין, איך בין בלויז געווארען זעהר ווילד.

— און דאן האט איהר גענומען דעם רעוואלווער? וואו האט איהר גראד דאן גענומען א רעוואלווער?

— אין דעם שופלאד פון אונזער גרויסען לייבררערי טיש. איך האב געוואוסט, אז מיין מאן האלט דארט זיין רעוואלווער. איך פלעג דעם רעוואלווער בעטראכטען מיט דעם אבזיכט זיך אליין צו דער׳הרג׳ענען.

— און איהר האט קיינמאל ניט געטראכט איהם צו שיסען?

— ניין, איך שווער אייך, אז ניין. אפילו ווען איך בין געווען עטליכע סעקונדען אין צימער, האב איך אויך ניט געטראכט וועגען דעם. ערשט ווען זי האט מיך גענומען בעטען, איך זאל ניט מא־כען קיין סקאנדאל, ווען זי האט זיך צו מיינע פיס געווארפען און היסטעריש געשריגען, אז זי וועט מוטער ווערען פון איהם, ערשט דאן האב איך געשאסען.

— צוליעב דעם?

— געווים... זי... איז דאך מיין שוועסטער!

די לעצטע ווערטער האט זי קוים ארויסגעשעפטשעט, צובוי־גענדיג זיך גאנץ נאהענט צום דזשאדזש.

א לאנגע ווײלע האט דער ריכטער געטראכט דאן האט ער קורץ געפרעגט:

— דאס אלעס?

— יע.

ווידער א לאנגע פויזע.

— אייערע עלטערען ווייסען?

— יע. די מאמע האלט ביים שטארבען און מיין פאטער איז פאראליזירט געווארען פון דעם קלאפ.

— געהט א היים צו זיי. — האט דער ריכטער נאך א לאנגער פויזע ערקלעהרט.

אדוואקאטען און פריינד האבען ווארעם געדריקט דער יונגער פרוי'ס האנד. אבער אויף איהר פנים איז שוין ניט געווען קיין שפור פון ענטשלאסענהייט און אינטערעס. עס איז ווידער געווארען אויסגעלאשען, ווי עס וואלט פרעגען: „צו וואס דאס אלעס?"

„אַ מאָרד“.

וו‎ען דער „מאָרד“ איז געשעהן, זיינען גראָדע די צייטונגען דאָן פול געווען מיט אַ פּאָליציי־סקאַנדאַל, וואָס האָט אויפגעוועקט כמעט דאָס גאַנצע לאַנד. און צוליעב אָט דער סענסאַציאָנעלער גרויסער נייעס, און אפשר אויך אַ ביסעל, ווייל די הויפּט־פיגורען פון דער טראַגעדיע זיינען געווען זעהר אָרים, איז וועגען דעם „מאָרד“ דאָן ניט געשריבען געוואָרען.

אין עטליכע וואָכען שפּעטער, ווען די פרוי איז געשטעלט געוואָרען צום פּראָצעס, האָט מען זיך נאָך אַלץ געקאָכט מיט דעם רייכען גנזעןהיטער, וועלכער איז אויך גראָדע דאָן פּראָצעסירט געוואָרען.

אונטען איז דער געריכטס־זאַל געווען געפּאַקט מיט רייכע, עלעגאַנטע דאַמען, מיט שריפטשטעלער, מאַהלער, בעוואוסטע אַקטריסעס. עס זיינען אויך געווען אנוועזענד צוויי זעהר בעריהמטע אָפּערא זינגערינס און אַ סך, אַ סך פריינד.

און אויבען אין דער זעלבער געביידע, אויך אין אַ ציִמליך גרויסען זאַל, אָבער וועלכער איז געווען כמעט ליידיג, אויב ניט רעכנען דעם ריכטער, די אַדוואָקאַטען, עטליכע געריכטס־אָנגעשטעלטע, עטליכע פרעמדע און די דזשוראָרס — איז די פרוי פּראָצעסירט געוואָרען.

זעהר אומעטיג האָט זיך עפּעס געפיהלט אין דעם גרויסען ליידיגען זאַל. צייטונגס־שרייבער און אַנדערע זיינען צוגעקומען צו דער הויכער טהיר, אַ וואָרף געטהאָן אַ בליק אויף דער אָרים גע־

קליידעטער, שוואכער פרוי, א ציה געטהאן מיט די אקסלען און ווייטער געגאנגען.

און אין את דעם גרויסען ליידיגען זאל האט א פרוי דערצעהלט א זעלטענע, אבער הארץ־רייסענדע טראגעדיע:

— פאר וואס האב איך דער׳הרג׳עט מיין מאן? — האט זי גע־פרעגט מיט א האלבען שמייכעל, בעטראכטענדיג איהרע שטארק אבגעצעהרטע ווייסע הענד.

— יא, ווארום האט איהר דאס געטהאן? — האט מיט סימ־פאטיע געפרעגט דער ריכטער.

— ווייל כ׳האב איהם צוגעזאגט.

— צוגעזאגט איהם טויטען? — האט פערוואונדערט געפרעגט דער דזשאדזש, רוקענדיג זיך נעהענטער צו דער פרוי און קוקענ־דיג איהר גלייך אין די אויגען.

— אפשר וועט איהר מיר ניט גלויבען, כ׳קען מיר ניט העלפען, אבי איך האב געהאלטען מיין פערשפרעכען.

— דערצעהלט אונז וועגען דעם.

— צו וואס? — האט די פרוי גלייכגילטיג אויפגעצויגען מיט די אקסלען.

— ווייל איהר דארפט זיך פערטהיידיגען.

— אבער צו וואס?

— ווייל איהר זייט נאך יונג און איהר דארפט זיך ראטעווען פון עלעקטריק טשער.

— אבער צו וואס? אז מיר ארט ניט?

— צוליעב אייער קינד. — האט שטיל געזאגט אן אדוואקאט, אן עלטערער פאטערליכער מאן, וועלכער איז געווען אנגעשטעלט פון געריכט צו פערטיידיגען די פרוי.

— אוה, — האט די פרוי, ווי אויסגעקרעכצט, און איהר שטע־רען האט זיך טיעף פערקנייטשט. מיט עטליכע סעקונדען שפע־טער האט זי געפרעגט, ווי זי וואלט ריידען צו דער לופט:

— ווייסט איהר וואס ס'מיינט פערשפערעכען? א שרעקליכער פערשפערעכען, וואס פלאגט אייך טאג און נאכט?

— דערצעהלט אונז וועגען דעם, — האט דער ריכטער שטיל געזאגט.

— אה, עס איז דא אזוי פיעל צו דערצעהלען! פאר דעם פערשפערעכען מיין איך, ווען ער איז נאך געווען געזונד און מיר זיינען נאך געווען גליקליך, אבער ניין, דאס וועט אייך ניט אינטערעסירען. ער איז געווארען שטארק קראנק, ס'איז געקומען פון אן „עקסידענט", א וואגען איז איבער איהם אריבערגעפאהרען, דער דרייווער איז אנטלאפען, און מיר האבען קיינמאל ניט געקענט א סענט בעקומען. ער, מיין מאן, איז אבגעלעגען עטליכע חדשים אין האספיטאל, איך און דאס קינד האבען געלעבט פון דעם געלד, וואס ער'האב געהאט אין באנק! יא, מיין מאן איז פריהער געווען א גוטער ארבייטער, זעהר א גוטער ארבייטער.

אויף א ווייליע איז זי אנשוויגען געווארען, ווי זי וואלט ווארטען אימיצער זאל דאס אבלייקענען, און אז קיינער האט קיין ווארט ניט אויסגערעדט, האט זי פארטגעזעצט:

— אז ער איז ארויס פון שפיטאל, איז ער שוין מעהר קיינמאל ניט געווען ווי פריהער, עפעס האט געפלאצט אין זיין קערפער. און א חוץ דעם קרומען פוס, וואס ער האט פון דעם „עקסידענט" געקראגען, איז ער יעדען טאג געווארען קראנקער, אבער ער האט נאך אלץ געקענט ארבייטען. אזוי זיינען אוועק צוויי יאהר. ער האט געוואוסט, אז זיין גאנצער קערפער איז אנגעגריפען, אבער ער האט ניט געוואוסט ווי שרעקליך ערנסט זיין לאגע איז, ביז יענעם אבענד.

דא האט זי זיך פערדעקט די אויגען און א היבשע ווייליע געשוויגען. איהר אדוואקאט האט זי זעהר שטיל דערמאנט:

— וואס האט יענעם אבענד פאסירט?

— אה, ס'איז געווען שרעקליך יענעם אבענד! א דאקטאר האט איהם ערשט געזאגט, אז ער קען ערווארטען דאס ערגסטע.

— וואס?

— אז זיין גאנצער קערפער וועט אין א קורצער צייט פאראלי־זירט ווערען, און אז ס'איז ניטא קיין שום הילף! זייבע ליידען, זיין שרעק! ס'איז שוין געווען ארום צוויי א זייגער בייגאכט, און ער איז נאך אלץ געזעסען ביים טיש און געוויינט. פלוצלונג האט ער זיך האסטיג אויפגעהויבען, איז שנעל צוגעקומען צו מיר, אין אויפהויבענדיג מיין קאפ, האט ער לאנג און דורכדרינגענד גע־קוקט אויף מיר און ענדליך שטיל געפרעגט:

„מערי, וועסטו מיר עפעס פערשפרעכען?“ — זיין שטימע איז געווען אזוי געביטען און אזוי שרעקליך, אז כ'האב זיך דערשראקען.

— און דאן? — האט געפרעגט דער ריכטער, אז זי איז ווידער שטיל געבליבען.

— און דאן האט ער שטיל געפרעגט: „מערי, אז ס'וועט קו־מען, אז ס'וועט געשעהן, דו וועסט ניט לאזען, אז ס'זאל מיך לאנג פלאגען?“ — וואס מיינסטו? האב איך געפרעגט. „איך מיין, אז ווען יענע שרעקליכע צייט וועט קומען, מוזטו מיר צוזא־גען, אז דו וועסט מאכען אן ענד צו אלעם. כ'וואלט עס איצט גע־טהאן, אבער כ'וויל ארבייטען פאר דיר און פאר דעם קינד ווי לאנג איך קען, דו מוזט מיר פערשפרעכען!“ — אבער וואס? האב איך ווידער געפרעגט. „אז ווען ס'וועט קומען און איך וועל ווערען הילפלאז, וועסטו מיר געבען איין פילעכעל, אט פון די פילעכלאך און דאס וועט מאכען אן ענד צו אלעם!“ ער האט מיך אזוי איבער־געשראקען מיט דעם באקסעל פילען אין די הענד און מיט זיינע ווילדע אויגען, אז כ'האב צוגעזאגט... צוגעזאגט אט די שרעקליכע זאך, וועלכע ס'האט זיך מיר דאן אויסגעוויזען, איז א בלעטעל ארויסגעריסען פון עפעס א בוך, א בלעטעל, וואו עס רערט זיך וועגען א מענשען, און איך געפין זיך גאר ניט דארט.

— און שפעטער? — האט געפרעגט דער ריכטער.

— שפעטער? אה, שפעטער איז געקומען דאס שרעקליכע. איין פריהמארגען איז זיין יעדער גליעד געווארען אונבעוועגליך, נאר זיינע גרויסע אויגען האבען אזוי טרויעריג געקוקט אויף מיר!

דאן האב איך אנגעהויבען צו ארבייטען, איך פלעג ברענגען קראָ־וואטלאָך אהיים צו נעהען. אליין פלעג איך איהם לאָזען מיט דאָס קינד, ווען איך פלעג אוועקטראָגען די ארבייט. מיר האָבען דאָ קיינעם ניט, נאר ווייטע פריינד און יעדער האָט זיינע צרות. און יעדען טאָג זיינען זיינע אויגען געוואָרען שרעקליכער מיט מעהר ביטערען פאָרוואורף. אליין האָב איך איהם געשלעפט איבעראַל, אָבער וועגען מיין פערשפּרעכען האָב איך אפילו ניט געוואָלט טראַכ־טען ביז... ביז יענעם שרעקליכען פריהמאָרגען.

— וואָס האָט דאן פּאסירט?

— ס'איז אזוי שווער צו דערצעהלען — האָט די פרוי שווער אטהעמענדיג פאָרטגעזעצט, — כ'האָב איהם אריינגעזעצט אין א וואנע, איהם געגעבען א באַטה, וואו כ'פלעג נעהמען דעם כוח דאָס צו טהאָן ווייס איך ניט. נאר ארויסנעהמען יענעם פריהמאָרגען האָב איך ניט געקענט. ס'איז מיר געוואָרען זעהר שלעכט. ער האָט נאָכגעפאָלגט מיינע יעדע בעוועגונג. עטליכע שטונדען איז ער אָבגעזעסען אין וואנע, ס'איז איהם געוואָרען קאַלט. איך האָב איהם ניט געקענט ארויסנעהמען, האָב איך ארויסגעלאָזען דאָס וואסער און איהם ארומגעהילט מיט א ווארימער דעקע. ער האָט דאן אויף מיר געקוקט מיט אזא דראנג, אזוי בעפעהלענד, אז אין א שטונדע שפּעטער האָב איך איהם געגעבען די פּיל.

— — — — — — — — — — — — — —

נאָך די זעלבע נאכט האָבען די ערנסטע דזשוראָרס מיט פייכ־טע אויגען זי ערקלערט „ניט שולדיג“.

נדן.

גאַנץ געלאַסען, אין אַ טאָן פון ביטערער ענטוישונג, האָט זי דערצעהלט דער דזשורי ווי אזוי די צוויי אָנגעקלאָגטע האָבען צושטערט איהרע גרויסע האָפנונגען.

זי איז געווען מיאוס. פון יענע מענשען, וואָס ערוועקען ווייניג סימפּאַטיע. איהרע שאַרפע געזיכטס־ציגע זיינען ניט געווען פריינדליך. פון יענע פּנים'ער, וואָס ווערען מיט דער צייט זויער און קאַלט פון ענטוישונג און מאַנגעל אין ליעבע.

עטליכע מאָל האָט זי דער לאָיער פון די אָנגעקלאָגטע אונטער־בראָכען, אָבער זי האָט איהם ניט געהערט. זי האָט גערעדט גאַנץ שטיל און ענטשלאָסען.

איהר פאָטער, אַן אַלטער מאַן, מיט אַ ווייסער פּיער־עקיגער באָרד, איז געזעסען אין דער פאָדערשטער רייהע און ענערגיש צוגעשאָקעלט אויף יעדען וואָרט איהרען.

מיט אַ נאַאיווען שמייכעל האָט זי אָנגעפאַנגען מיט די פאָל־גענדע ווערטער:

— זייט ווען איך געדענק זיך, האָב איך אימער געהערט מיינע עלטערען רעדען פון נדן. אַז מיין עלטערער ברודער האָט חתונה געהאַט, איז אַ סך גערעדט געוואָרען וועגען נדן. און ער האָט טאַקע חתונה געהאַט מיט אַ מיידעל, וועלכע ער האָט ניט געליעבט, ווייל זי האָט געהאַט מעהר געלד, ווי יענע, וואָס ער האָט געליעבט.

— שטענדיג האָט דער טאַטע מיט דער מאַמען גערעדט וועגען נדן. אַ מיידעל, זאָגען זיי, מוז האָבען נדן. אָהן נדן קען אַ מיידעל קיין שידוך ניט טהאָן. מיר האָבען זיי אַלץ דערצעהלט, אַז איך

וועל זיי מוזען העלפען אויפצוזאמלען א נדן פאר מיר. האב איך דאך געווים געהאלפען.

— עס איז אבער שווער צו שפארען געלד פון קליינע פערדיענ־סטען — האט זי טיעף אבגעזיפצט — ניט איין מאל האב איך מיך גוט אויסגעוויינט, ווען איך האב געדארפט האבען א קלייד אדער א נייעם הוט. דער טאטע האט ניט געלאזען קויפען. מען דארף שפארען אויף נדן, האט ער שטענדיג געזאגט. און אמאל, אז איך האב מיך אנטקעגען געשטעלט און געזאגט, אז איך וועל מעהר גע־פעלען ווען איך וועל זיך אנטהאן שעהנער, און אז מיט שעהנע קליידער קען מען אמאל א בעסערען שידוך טהאן, האבען זיי פון מיר געלאכט און געזאגט, אז אזעלכע גליקען טרעפען זיך ניט ביי אונז.

— איך דערצעהל אייך דאס אלעס, כדי אייך צו צייגען, ווי שווער איך האב דאס געלד אבגעשפארט. און די באנדיטען האבען עס ביי מיר צוגענומען.

דער פאטער האט העפטיגער געשאקעלט מיט דער גרויער בארד און די אלטע, צוקנייטשטע מאמע, וואס איז נעבען איהם געזעסען, האט וויגענדיג בעוועגט איהר קערפער.

איהר פנים האט אויסגעזעהן שארפער, איהר קין לאנג, ווען זי האט פארטגעזעצט:

— אונז האט זיך אן אנדער גליק געטראפען. זיי זיינען גע־קומען, און דערצעהלט מיין פאטער דאס גליק. איך בין אין סטאר ניט געווען. ווען איך בין אהיים געקומען, האט מיין פאטער מיר דערצעהלט, אז צוויי זעהר פיינע מענער זיינען דא געווען. זיי האבען א מאשינקע וואס קען מאכען פינף־דאלאר־בילס. איך האב מיך דערשראקען. מאכען געלד האב איך געוואוסט טאר מען ניט, און א גאנצע נאכט האב איך ניט געקענט שלאפען.

— איך האב מיך גענומען בערעכענען: שוין אזוי פיעל גע־ארבייט און קוים אבגעשפארט פיער הונדערט און צוואנציג דאלאר. עס קומען שדכנים, מען רעדט שידוכים, אבער עפעס רעכטס וויל

מעהר געלד. איך ווער עלטער, די מאמע וויינט, דער טאטע זאָרגט זיך. א סך מאָל ווערט דאָס אין גאנצען נמאס. און די וואָס האָבען שוין יאָ חתונה, איז זיי דען גוט? פרעג איך ביי זיי. אָבער דער טאטע זאָגט, אז א אידישע טאָכטער טאָר אזוי ניט ריידען.

— מען טאָר עס אפילו ניט. נאָר איך האָב בעשלאָסען, איך וועל לאָזען די „פיינע" לייט מיר מאַכען א נדן. מיט א סך געלד, וואָס קען מען דען ניט קריגען? איך האָב זעהר געוואָלט זיין גליקליך.

— אויף מאָרגען זיינען זיי געקומען. ביי פערהאַנגענע פענסטער האָבען מיר בעקוקט די מאַשינקע. יענער, דער בלאָנדער, (אָנווייזענדיג אויף איין אָנגעקלאָגטען), האָט אריינגעלעגט א פינף דאָלאר ביל, עטליכע מאָל געדרעהט און עס זיינען ארויסגעקומען צוויי פינף דאָלאר בילס. איך האָב דעם נייעם ערשט געמאַכטען ביל צוגענומען און בין ארונטער אָפּבייטען. מען האָט געביטען, קיין שאלות ניט געפרעגט. איך בין צוריק ווי ארויפגעפלויגען. זיי האָבען געבעטען פון אונז דריי הונדערט דאָלאר אויף נויטיגע הוצאות. איך האָב זיי געגעבען. מיין געלד איז געווען אין הויז, ווייל די מאַמע האָט מורא פאר די בענק. אלס משכן האָבען זיי געלאָזט די מאַשינקע, און מעהר האָבען מיר זיי ניט געזעהן.

— אוועק מיט מיין נדן! וואָס וועל איך איצט טהאָן מיט הונדערט און צוואנציג דאָלאר?! ביז איך וועל אָבמאַכען די דריי הונדערט דאָלאר, וועל איך שוין זיין אזוי מיעד, אז קיינער וועט ניט וועלען קוקען אויף מיר.

אין געריכטס-זאַל האָט קיינער ניט געשמייכעלט. די טראַגעדיע פון דעם מיידעל מיט'ן נדן האָט זיך געפיהלט אין דער לופט, אין יעדער בעוועגונג איהרער, אין איהרע שאַרפע געזיכטס-ציגע.

די צוויי שווינדלער זיינען פעראורטהיילט געוואָרען. דאָס מיידעל האָט געוויינט, איהר פאָטער האָט אויפ'ן קול געקרעכצט און די מאַמע האָט געפרעגט:

„און מיין קינד'ס געלד? וואָס וועט זי איצט טהאָן אָהן נדן?"

אַ דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר איז געווען פערקלאָגט אין מאָרד ערשטען גראד, זיין פּראָצעס איז אָנגעגאנגען עטליכע טעג, די געפיהלען פאר איהם און געגען איהם האָט מען לייכט געקענט זעהן אין די פּנים'ער פון די אנוועזענדע. אויפ'ן פּנים פון'ם דיסטריקט אַטוירני האָט מען געקענט לעזען האס, בלויז דאָס שטאָלצע, בלאסע פּנים פון דעם אלטען אָנגעקלאָגטען האָט קיין זאך ניט דערצעהלט.

אַ שטארק רויטער דעטעקטיוו, וועלכער האָט מיט שטאָלץ אָנגעטשעפּעט זיין בעדזש אין'ם לאַץ פון זיין מאַנטעל, האָט שנעל קייענדיג „טשואינג־גאָם" דערצעהלט וועגען דער קלאגע געגען דאָקטאָר:

— איך בין נעבען איהר געזעסען, ווען זי האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען, און וואָס איך וועל אייך דאָ פאָרלעזען, האָב איך ביי איהר געפרעגט און זי האָט געענטפערט:

„איהר זייט געגאנגען צו דר. פּ.?"

„יע".

„ער האָט אייך געגעבען די מעדיצין, פון וועלכער איהר זייט קראנק געוואָרען?"

„יע".

„און ווען איהר זייט קראנק געוואָרען, וואָס האָט ער אייך געהייסען טהאָן?"

„געהן אין האָספּיטאל".

„מיט דעם וויפיעלטען קינד האָט איהר געשוואַנגערט?"

„מיט דעם זעקסטען".

„איהר האט געוואוסט, אז די מעדיציז קען פערניכטען אייער קינד?“

— אויף דער פראגע האב איך שוין קיין ענטפער ניט בעקומען, ווייל די פרוי איז געשטארבען, — האט דער עדות געענדיגט.

אין קאורט־זאל איז זעהר שטיל געווארען. די מעהרסטע אויגען האבען מיט האס געקוקט אויף דעם געבויגענעם קאפ פון אלטען דאקטאר.

אין דער פאדערשטער רייהע צווישען פובליקום, גאר נאהענט צו דער דזשורי, זיינען געזעסען א בלאסער דארער מאן מיט אן איינגעבראכענער שמאלער ברוסט. נעבען איהם פיער קינדער, אנגעטהאן אין שווארצען. דאס שווארצע האט זיך אויסגעמישט מיט די זונען־שטראהלען וואס זיינען אריינגעדרונגען דורך די הויכע פענסטער פון געריכטס־זאל, און צוזאמען האבען זיי, די זון און דאס אומעטיגע שווארצע געווארפען שאטענס אויף די קינדער׳ס קרענקליכע פנים׳לאך.

גאר אפט נאכדעם, ווי אן עדות פאר דער אנקלאגע האט עפעס דערצעהלט געגען דעם אנגעקלאגטען, האבען די אויגען פון אסיסטענט דיסטריקט אטוירני בעדייטענד געקוקט צו דער דזשורי־באקס, און פון דארט מיט פערצויגענע אויגען־ברעמען צו דער שווארצער רייהע קינדער.

גאר פיעלע פנים׳ער האבען מיט פעראכטונג און האס געקוקט אויף דעם אלטען דאקטאר, ווען זיין שלאנקער געשטאלט איז ערשיענען אויפ׳ן וויטנעס סטענד. ווען ער האט געשוואוירען צו זאגען דעם אמת, האט מען געשמייכעלט.

אין א קלאהרער, רוהיגער שטימע, האלטענדיג הויך זיין קאפ, האט ער דערצעהלט פאלגענדעס:

— איך האב די פערשטארבענע געקענט, ווען זי איז נאך געווען א יונג מיידעל. זי איז געווען מיין פאציענטין. זי איז געווען א שוואכע. ווען זי האט חתונה האט זי מיך געבעטען איך זאל איהר מאן ניט דערצעהלען. איך בין מיט איהם אויך געווען בעקאנט, — ער איז אויך געווען א שוואכער.

— ווען זיי זיינען געווען פערהייראט דריי יאהר, — גור א מאָ־נאָט האָט געפעהלט, האָב איך ביי איהר אַבגענומען דאָס דריטע קינד. ער האָט דאַן ווייניג געארבייט. דאָס הויז האָט אויסגעזעהן פּוסט, די מעבעל און בעט־געוואַנד שטאַרק אַבגעטראָגען.

— מיר, דאָקטוירים, זיינען געוואוינט צו אַזעלכע סצענעס. האָט ער מיט אַ זיפץ פאָרטגעזעצט, מיר זיינען געוואוינט צו זעהן, ווי אַלץ איז נייַ, אויסגעפּוצט, יום טוב'דיג ביים געבורט פון ער־שטען קינד, און אַלץ ווערט אַבגעלעבט, ווי די שוואכע מוטער, ווען ס'קומט דאָס דריטע קינד.

— דאַן האָב איך זיי געוואָרענט צו זיין פאָרזיכטיג. זי איז געווען קראַנק, אָבער דאָך איז דאָס פיערטע און פינפטע קינד גע־קומען אין קאָרגע דריי יאָהר.

— ביים פינפטען קינד איז זי געבליבען שרעקליך שוואַך. זי האָט געהאַט צוויי בלוט שטורצען. מען האָט שוין דאַן ווייניג געהאָפט אויף איהר לעבען. מיר האָבען זי נאָך שווערער מיה אָב־געראַטעוועט, — הויט און ביין איז פון איהר געבליבען.

א ווײַלע האָט ער זיך פערטראַכט. דאַן האָט ער גענומען רע־דען אביסעל לאַנגזאַמער, קוקענדיג מיט זיינע גרויסע אויגען אין דער ווייטקייט און ווייטער דערצעהלט:

— ארום אַ דריי יאָהר האָב איך נאָך דעם פון זיי ניט געהערט, זיי האָבען זיך בענוצט מיט דיספּענסעריס, ער האָט מעהרסטענס ניט געאַרבייט, געווען קראַנק און אַ דאָקטאָר איז געווען אַ לוקסוס.

— איך בין געווען שטאַרק איבערראַשט, ווען לעצטען סעפּטעמ־בער איז ערשיענען אַן עלטערע פרוי, מיט גרויע האָר און דיקע אויגענגלעזער און מיך געפרעגט אויב איך דערקען זי ניט... אָבער ערשט ווען זי האָט אַראָבגענומען די גלעזער, האָב איך דערקענט די אויסגעלאָשענע מאַטע אויגען פון דער אַמאָל שעהנער פעני גלאַזמאַן.

— זי האָט מיר דערצעהלט, אַז זי געהט ארבייטען, איהר מאַן איז איצט שטאַרק קראַנק, בלייבט אין הויז מיט די קינדער, און

זיי קענען קוים מאכען א צרה'דיג לעבען פון איהרע פערדיענסטען. אלע קינדער זיינען קרענקליך, האט זי געזאגט. און ווען איך האב איהר געמאכט פארווירפע פאר וואס זי' האט זיך צו מיר ניט געווענדעט, — זי וואלט מיר געקענט שפעטער אין בעסערע צייי־טען אבצאהלען פאר מיין הילף, האט זי זיך ביטער צואויינט און ווארפענדיג זיך פאר מיינע פיס, האט זי מיך יאמערליך געבעטען: „העלפט מיר, דאקטאר! איהר זייט שטענדיג געווען מיין פריינד! העלפט מיר איצט, לאזט ניט נאך א קריפעל קומען אויף דער וועלט. זיי וועלען אלע שטארבען פון הונגער, אויב איך וועל ניט קענען ארבייטען, העלפט מיר!"

— עס האט מיר גענומען צוויי וואכען. איך האב פיעל גע־טראכט וועגען איהר, זי איז געקומען יעדען טאג און מיט הארץ־רייי־סענדע טרעהרען מיך געבעטען. איך האב עס ניט געוואלט טהאן, אבער ענדליך האב איך איהר געהאלפען. זי איז אבער געווען צו שוואך, און דער גרויסער בלוט פערלוסט האט איהר געטויט.

די בעוויזע האבען זיך געענדיגט. לאנגזאם האבען די קינדער, אין דער בעגלייטונג פון א בית יתומים דיענער, פערלאזען דעם גע־ריכטס־זאל. ביי צוויי זיינען די הענטלאך געווען פאראליזירט. איי־נער איז געווען בלינד אויף איין אויג און די צוויי איינגסטע הא־בען געהאט דעם שווינדזיכטיגען אויסזעהן פון זייער פאטער.

דער האס איז פערשוואונדען פון פיעלע אויגען. מיט מיט־לייד האט מען געקוקט אויף די קינדער און אויפ'ן אלטען דאקטאר, אבער די דזשורי האט זיך בלויז גענומען צוואנציג מינוט איהם צו ערקלעהרען „שולדיג".

אפּאלאָ׳ס געליעבטע.

געוועזן איז עס אין א ווינטער פארנאכט. אין געריכטס־זאל האט מען שוין לאנג געהאט אנגעצונדען די לאמפּען, און דורך די הויכע, ניט פערהאנגענע פענסטער האט אריינגעקוקט א פארכמארעטער, שווארצליך־גרויער הימעל.

א מין אונרוהיגקייט. די מעהרסטע אנגעשטעלטע קוקען יעדע מינוט אויף דעם זייגער, וועלכער הענגט זיך א גלייכגילטיגער, א שטאָלצער אויף דער הויכער וואנט, ווי ער וואלט געפיהלט, ווי וויכטיג ער ווערט אין יענע מינוטען. אפילו דער ריכטער דרעהט שוין זיין שטוהל אן אונגעדולדיגער און פערהאלט א גענעץ.

אט אין דעם קאורט־רום בין איך אריינגעגאנגען נאך א זעהר ניט אינטערעסאנטען טאג אין דער ערנסטער געביידע. דא איז א „פּאליס קאורט", וואו די מעהרסטע קלאגעס ווערען געבוירען און זעהר אפט שווימען דא ארויס אזעלכע אמת׳ן, וואס ערשטוינען אונז, און וועלכע ווערען שפּעטער באפּוצט אין די צייטונגען.

און דא איז היינט געווען אומעטיג. איך האב זיך שוין געקליבען געהן אהיים, ווען דורך דער הויכער טהיר איז אריינגעקומען א פּאליסמאן און נאך זיך האט ער געשלעפּט עפּעס א מאסע, וואס האט אויסגעזעהן ווי א גרויס פּעקעל קליידער.

אבער נעהענטער, ביי דעם ליכט פון די לאמפּען, האט דאס פּעקעל קליידער א פּנים געקראגען, און א שרעקליך פּנים איז דאס געווען, א פּנים וואס איך וועל קיינמאל ניט פארגעסען:

רוי קראנק פלייש באצויגען מיט בלוילעכער הויט, וועלכע איז געווען אזוי דין, אז זי האט קוים די שארפע ביינער באדעקט. א

פאַר גרויע אויגען מיט אזא ווילדען אויסדרוק, אז זיי האָבען מיך געשראָקען. שמוציגע דיקע האר פון אונבאַשטימטער פארב, אמאָל זיינען זיי וואהרשיינליך געווען געבלייכט אויף העל בלאָנד און איצט האָט זיך דאָס געל־בלאָנד אויסגעמישט מיט שמוציגער גרויקייט; אין גרויס אונאָרדנונג, צושויבערט, האָבען די האר אויסגעזעהן ווי אַ גרויליכע ראָם פאַר דעם שרעקליכען פנים.

ווי הויך די פרוי איז געווען, האָב איך ניט געקענט זעהן, ווייל איהר קערפער איז געווען כמעט אין דרייען איינגעבויגען, און גע־מאַכט דעם איינדרוק פון אַ פעקעל, אַ פעקעל שמוציגע קליידער. די שיך זיינען אַמאָל געווען ווייס, מיט הויכע אויסגעדרעהטע קנאָפּעל, אויפגעשנירט. פון דעם אָפּגעטראָגענעם קלייד האָבען לאַנגע פעדים נאָכגעהאַנגען און עס האָבען זיך ארויסגעזעהן אַ פּאָר העל גרינע זיידענע זאָקען. איהר ברוסט איז געווען שטאַרק איינגעפאַלען און באַדעקט מיט אַ צוריסענעם מאַנטעל. די אר־בעל זיינען געווען צו־קורץ און די הענט, קליינע, בלויליך־רויטע, געפּלאַצט פון קעלט און ווינט. קיין הוט האָט זי ניט געטראָגען נאָר אַ העל־גרינע זיידענע באַנד איז געווען ארומגעבונדען ארום דעם קראַנקען שטערען.

דער פּאָליסמאַן האָט זי מיט דיקע הענט געפּרובט אויסגלייכען. אָבער זי האָט אויסגעזעהן צו זיין גאַנץ שטאַרק, ווי אַ ווילדע טי־געריך האָט זי געקעמפּפט.

איינמאָל, ווען ער האָט זי אויסגעגליכען, האָב איך באַמערקט אַ קליין פלעשעלע מיט אַ העל־ברוינער פליסיגקייט אין איין האַנט. און אָט דאָס פלעשעלע האָט זי פעסט געדריקט צו איהר איינגע־פאַלענער ברוסט.

דער פּאָליסמאַן האָט קורץ, אין עטליכע ווערטער אָנגעגעבען זיין קלאַגע:

— זי האָט גיפט אין דער רעכטער האַנד. איך בין איהר נאָכ־געגאַנגען, זי איז מיר ניט געפעלען. מען האָט מיר וועגען איהר דערצעהלט. איך בין אַ נייער מענש אויף בראָדוויי, ערשט דעם

דריטען אבענד בין איך דארט. ווען איך האב זי דערזעהן, בין איך איהר נאכגעגאנגען. ווען מיר זיינען אנגעקומען נעבען מעטראַ־פאליטען אפערא הויז, אין דער גיין און דרייסיגסטער סטריט, איז זי געגאנגען אזוי נאהענט צו דער וואנט, אז איך האב ניט געקענט זעהן וואס זי טהוט. פלוצלונג האב איך באמערקט, אז זי נעהמט ארויס דאס פלעשעלע פון בוזים, באטראכט עס, געהט ווייטער א פאר שריט, שטעלט זיך אפ, קוקט ווידער אויף דאס פלעשעלע, אזוי האט זי געטהאן עטליכע מאל, ענדליך, ווען איך האב דערזעהן, אז זי וויל עס טרינקען און ווען איך האב געזעהן, ווי ענטשלאסען זי איז, האב איך זי ארעסטירט.

דעם ריכטער האט די ערשיינונג פון אט דעם באשעפעניש אויפ־געוועקט פון זיין פארטראכטקייט, און די גאנצע צייט, וואס דער פאליסמאן האט גערעדט, האט ער מיט א מעסטענדען און דורכ־דרינגענדען בליק געקוקט אויף דער פרוי.

— וואס איז אייער נאמען? — האט ער איצטער געפרעגט.

— וואס איז אייער נאמען? — האט ער שטרענג געשריען.

די פרוי האט מיט א גלייכגילטיגען טאן געענטפערט:

— איך האב שוין לאנג פערגעסען.

— מאכט זיך ניט נאריש און דערצעהלט דעם אמת, — איז דעם ריכטער'ס שטימע ווייכער געווארען.

— דעם אמת? אז איך האב קיין ליגען ניט צו דערצעהלען. — איהר שטימע איז געווען קלאהר, כמעט זיס, אזוי אנדערש ווי איהר אויסזעהן.

— ווי רופט מען אייך?

— ס'איז שוין אזא לאנגע צייט, אז אימיצער האט מיך גע־רופען, און איך האב שוין אליין פארגעסען. — האט זי געענטפערט מיט א שמייכעל. גאט, וואס פאר א שמייכעל! די קראנקע הויט האט זיך פארצויגען אין אונצעהליגע קנייטשען און די אויגען זיינען עפעס געווארען גרעסער, ווילדער.

— ווי קומט איהר אהער?

— דער פאליסמאן האט מיך אהער געבראכט. זיין דאגה, אז איך וויל שטארבען, דאכט זיך, אז קיינער וועט גאר נים פארלירען, און ע ר טשעפעט זיך גאר צו מיר. ווענען ארט עס, אז איך וויל שטארבען?

— אבער פאר וואס ווילט איהר שטארבען?

זי האט זיך הויך צולאכט, עס איז געוועזן אן אנגענעהמער געלעכטער ווי אימיצער וואלט קלינגען מיט א סך פיינע גלעקלעך. יעדער האט געקוקט אויף איהר, איצט האט מען שוין פארגעסען אז זייגער.

— אודאי וויל איך נים שטארבען, ווייל עס איז מיר גוט.

דער ריכטער האט וואהרשיינליך באמערקט, אז די פרוי האט אמאל בעסערע טעג געזעהן, און ער האט געטהאן דאס, וואס ער טהוט זעלטען. ער האט זי מיט סימפאטיע גענומען פרעגען וועגען איהר פארגאנגענהייט.

— פארגאנגענהייט? — האט זי געפרעגט מיט א שמייכעל, און איהר דארער קערפער האט זיך אינסטינקטיוו אויסגעצויגען. הויך און גראציעז איז געוועזן דער מיט שמאטעס־באדעקטער קערפער. איך האב אויך א פערגאנגענהייט ווי אלע גאסען־פרויען.

— אבער ווי קומט איהר צו דאס אלעס? — האט דער ריכטער געפרעגט.

— טאנצענדיג, שפרינגענדיג און אין מיינע חלומות באגלייט פון מוזיק.

— איך פארשטעה אייך נים.

— אה, אין מיין פאלען איז געוועזן עטוואס אריגינעלעס. איך בין נים געפאלען ווי די מעהרסטע, פאר געלט, מיין ערשטער פארפיהרער איז געוועזן אפאלא, דער גאט פון מוזיק.

— איך מוז ווידער זאגען: איך פארשטעה אייך נים, — האט דער ריכטער געזאגט.

— אמאל האב איך אייך נים פארשטאנען, וואס פאר א פאל־

שער פארפיהרער אט דער גאט קען זיין, אבער איצט קוק איך אויף דעם אלעס מיט קלאהרע אויגען.

— און דאך ווילט איהר שטארבען?

— איך מוז.

— פארוואס?

— ווייל אלץ איז שוין איצט געגאנגען צו גרונד, — האט זי שטיל געענטפערט און איהרע אויגען זיינען איצט געוועז שעהן.

— און נאך דעם „גאט" ווער איז געוועזן?

— דער גאט פון מוזיק האט מיך מיט זיינע פאלשע פארשפרע־כונגען פון דער היים אוועקגענארט. איך האב געהאט וואונדערליכע חלומות. און דא אין ניו יארק, האט מיר א מאן געהאלפען מעהר חלום'ען, מעהר זיך איינריידען, ווייל איהם האט זיך אזוי געלוינט.

— ווער איז ער געוועזן?

— א דיקער מאן, גראב אינוועניג און אויסענווענינ. דאכט זיך ווען מען צושניידט איהם, וואלט מען געפונען אינוועניג אנ־שטאט א הארץ, א פעט שטיק פלייש. ער האט געהאט דאס אין וואס פראפעסיאנעלע פערפיהרער נויטיגען זיך; געלט, געלט, געלט. ער האט אויך געהאט א פרוי, וועלכע האט געמאכט א סקאנ־דאל, אבער א ביסעל צו שפעט. אלע זיינע פארשפרעכונגען צו מא־כען א וועלט־באריהמטע פרימאדאנא פון מיר, זיינען צונישט גע־ווארען. נאך איהם זיינען געוועזן אנדערע, זיי האבען אויך צו־געזאגט. מען האט מיך גענארט, איך האב גענארט, און איצט בין איך דא.

זי האט דאס אלץ דערצעהלט אין א גלייכגילטיגען טאן, ווי זי וואלט פון א צווייטען מענשען גערעדט.

— די גאנצע צייט פלעג איך געהן אין אפערא, אנשטאט א גוטען מאהלצייט, פלעג איך קויפען א טיקעט פאר דער אפערא. געהערט גרויסע זינגער און שפעט ביינאכט באוויינט מיין שיקזאל.

— און פארוואס האט איהר זיך ניט אפגעשטעלט?

— עס איז געוועזן צו שפעט. איך בין אזוי שנעל געפלויגען,

איך האב זיך פארגעסען. איך האב נאר געהאט איין ציעל: מוזיק, און אזוי פליהענדיג בין איך געווארען דאס, וואס איהר זעהט.

ווידער האט זיך איהר קערפער צונויפגעצויגען קראמפהאפט, כמעט אין דרייען, און די העל־גרינע זיידענדע זאקען מיט דעם בענ־דעל אויף דעם שטערען, האבען אויסגעזעהן אזוי אומעטיג, עפּעס איראניש, ווי זיי וואלטען געלאכט פון די איבעריגע שמאטעס.

דער ריכטער האט אויף איהר רחמנות געהאט און זי געשיקט אין א היים פאר געפאלענע.

אונטערבראָכענע קאריערען.

יז'ם פריהמאָרגען, ווען זייער פראצעס האָט זיך אָנגעפאנגען, איז דאָס געריכטס־צימער געווען כמעט ליידיג. א חוץ עטליכע קרובים פון די יונגע אָנגעקלאָגטע האָט זיך דאָרט קיינער ניט אָבגעשטעלט. ווער אינטערעסירט דען דער פראצעס פון צוויי קליינע גנבים? די נייגעריגע בעזוכער קומען מקבל־פנים זיין א „העלד" פון א סענסאציאָנעלען מאָרד, א פערפיהרער פון פרויען, אָדער כאָטש א גרויסען גנב, וואָס האָט אויסגענאַרט די ציערונג ביי עטליכע פינפטע עוועניו ליידיעס. אָבער ווערען געהט אָן דער שיקזאל פון צוויי קליינע גנבים?

אָביסעל שפּעטער איז יאָ געוואָרען פרעהליכער אין געריכטס־זאָל. די אינטעליגענטע קינדערישע פּנים'ער פון די בעשולדיגטע אינגלעך האָבען פעראינטערעסירט עטליכע עלטערע מענשען — מענשען, וועלכע האָלטען שוין ווייט, ווייט ביים נאָכמיטאָג פון לעבען און אויף וועמעס ווייטערען לעבען די טראגעדיע פון די אינגלעך קען שוין קיין ווירקונג ניט האָבען... עס האָבען געדאַרפט קומען יונגע...

אַ הויכער דעטעקטיוו מיט שאַרפע קליינע אויגען האָט דערצעהלט וועגען דער סעריע פערברעכענס וואָס די אָנגעקלאָגטע האָבען בעגאַנגען.

— עס זיינען בעגאַנגען געוואָרען עטליכע גרויסע גנבות אין דעם האָלסייל דיסטריקט, וואו עס ווערען פערקויפט גאָלדענע צייהן און אנדערע דענטיסטישע מאַטעריאַלען. מיר האָבען געזוכט די גנבים, אָבער קיין שפור ניט געפינען ביז מיט עטליכע וואָכען צוריק.

עס איז געווען ביינאכט. מען האט בע׳גנב׳עט אזא געשעפט. דער וועכטער האט עפּעס דערהערט און האט זיך גענומען ארומקוקען. אבער באלד האט ער דערהערט א שאָס און זיין רעכטע האנד איז פערוואונדעט געווארען. קוקענדיג אין דער ריכטונג פון וואנען דער שאָס קומט, האט ער דערזעהן ארויסלויפענדיג צוויי קליינע מענשען, במעט קינדער, מיט שווארצע מאסקעס. ער האט געשריען, אבער די גנבים זיינען פערשוואונדען. די „קיים" איז איבערגעגעבען געווארען צו מיר. איך האב גענומען נאכפאָרשען אין די סקוהלס, אין די האי־סקוהלס און ענדליך האב איך אויסגעפונען, אז צוויי באָיעס פון א געוויסער האי־סקוהל ריידען אפט וועגען גנבים, אז זיי בעוואונדער־רען שטארק די גרויסע גנבים פון דער וועלט. איך האב זיי גענומען נאכשפּיאנירען, האב אויסגעפונען, אז איינער פון זיי ארבייט אין איינעם פון די געשעפטען, וואס זיינען בע׳גנב׳עט געווארען. איך האב אזוי פיעל נאכגעפאָרשט ביז איך האב אויסגעפונען, אז די צוויי אינגלאך זיינען עס די מאסקירטע גנבים און איך האב זיי ארעסטירט.

— וואו און ווי אזוי האט איהר זיי ארעסטירט ? — האט מיט א שמייכעל געפרעגט דער דיסטריקט אטורני

דער דעטעקטיוו האט אריינגעקוקט אין א נאָטיץ־ביכעל און ווייטער דערצעהלט :

— דעם קלענערען, סעם ליווען איז זיין נאמען, האב איך ארעסטירט אין דער צוויי און פיערציגסטע סטריט לייברערי, ער האט דארט געלעזען א געשיכטע פון פראנצויזישע פערברעכער.

— דעם הויכען מיט די קורצע הויזען, ער הייסט לעאָן וויים, איהם האבען מיר אין זיין היים געטראָפען. ווען ער האט זיך דערוואוסט, ווער מיר זיינען, האט ער זיך אוועקגעשטעלט ווי אן אקטיאר און אונז בעפוילען : „דזשענטלמען, איך וועל מיט אייך געהן, אבער איילט זיך ניט". האט ער אויסגעשריען מיט א היל־כינגע שטימע. דאן האט ער פערדרויכערט א סיגארעט, זיך אוועק־געזעצט ביי דער פיאנא און געשפּיעלט א פּאפּולער ליעדעל. נאכ־

דעם האָט ער זיך טיעף פערבויגען און ערקלעהרט, אז איצט איז ער גרייט מיט אונז צו געהן.

אין געריכט האָט יעדער געשמייכעלט, אפילו דער ערנסטער ריכטער, א חוץ עטליכע פערוויינטע פרויען, וועלכע זיינען געזעסען אויף א הינטערשטער באנק און די צוויי אינגלאך. זייערע אויגען האָבען אויסגעדריקט שרעק און פערצווייפלונג.

עס זיינען אויסגעהערט געוואָרען נאָך עטליכע עדות און וואָס געדיכטער עס איז געוואָרען די נעץ פון בעשולדיגונגען, אלץ מעהר איבערגעשראָקען זיינען געוואָרען די צוויי אינגלעך. זייערע גלאָט־פערקאמטע קעפּלעך האָבען זיך אָפט צוגעבויגען צו זייער לאָיער. מען האָט זיך געהאלטען אין עצה.

ענדליך האָט זיך זייער אדוואָקאט אויפגעשטעלט און ער־קלעהרט, אז די צוויי אינגלעך וועלען זיך ערקלעהרען שולדיג און וועלען איבערגעבען זייער שיקזאל אין דעם ריכטער'ס הענד.

ביידע האָבען ביטער געוויינט. ביים גרעסערען זיינען פריי גע־רונגען די טרעהרען איבער זיין שעהנער נאָז, אריין צווישען די רויטע קינדערשע ליפּען און אראָפּ מיט דער חנ'עוודיגער מאָרדע. ער האָט זיך ניט געקענט קאָנטראָלירען, זיינע פּלייצעס האָבען זיך געטריי־סעלט, ער האָט הויך געכליפּעט. עס איז פערשוואונדען זיין טע־אטראַלישע האלטונג. א שולדיג אינגעל איז ער געשטאַנען פאר דעם ריכטער.

דער קלענערער האָט מיט א צארטע ווייסע האנד אָבגעווישט זיינע טרעהרען, א גלעט געטהאָן זיין חבר אין פּלייצע און איז מיט געמאָסטענע טריט ארויף אויפ'ן וויטנעס־סטענד.

„וואו האָט איהר זיך בעקענט?" האָט דער ריכטער געפרעגט.

— נאָך אין פּאָבליק סקוהל — האָט דער אינגעל געענטפערט.

דאן האָט ער פארטגעזעצט: — איך וועל אייך דערצעהלען אלעס. מיר זיינען געגאנגען צוזאמען אין די מואווינג־פּיקטשורס און איין מאָל האָבען מיר געזעהן א פּיקטשור פון א גרויסען גנב. דעם צוויי־טען טאָג האָבען מיר ביידע נאָר גערעדט וועגען אָט דעם קלוגען

גנב. פון דאן אן האבען מיר בלויז געזוכט אזעלכע פיקטשורס. מיר איז זעהר געפעלען אט דער העלדישער גנב, ווי ער ראטעוועט א מיידעל און נארט אפ די פאליציי. שפעטער האבען מיר ביידע בעשלאסען צו ווערען אזעלכע גנבים. מיר האבען זיך גענומען ערנסט לערנען. מיר האבען געלעזען ביכער וועגען פערברעכער. מיר האבען ביי זיך אבגעמאכט דערוויילע נאר צו גנב'ענען אביסעל, נאר אזוי פיעל וואס מיר דארפען אום צו קענען געהן אין קאלעדזש. מיר האבען געוואלט ווערען געבילדעטע מענשען, כדי צו קענען ווערען פון די גאר גרעסטע וועלט־גנבים.

— ווען מיר זיינען אנגעקומען אין האי־סקוהל און איך האב געקראגען לאנגע הויזען, האבען מיר אנגעפאנגען אויסצופיהרען אונזער פלאן און צוערשט האבען מיר בע'גנב'עט מיין באס.

ווען דאס אינגעל איז שטיל געבליבען, האט דער ערשטווינטער ריכטער איהם לאנג אנגעקוקט און שטיל געפרעגט:

— און וואס האסטו יעצט צו זאגען וועגען דעם?

דאס אינגעל האט שטיל אנגעהויבען צו וויינען.

— איך... מיר... האבען ניט געוואוסט, אז דאס איז אן עברה. איצט טהוט אונז שטארק לייד. איך האב גרויס רחמנות אויף מיין מאמע און איך האב מורא פאר געפענגנים. אין די טומס איז ניט אזוי ווי אין די מואוויס. איך האב מורא.

לאנג האט דער ריכטער זיי געשטראפט. ענדליך האט ער ארויסגעזאגט דעם אורטייל: זיי זאלען פערשיקט ווערען אין אן אויסבעסערונגס אנשטאלט.

איך האב מורא, אז ערשט דארטען וועלען זיי זיך אויסלערנען ווי פארטצוזעצען זייערע אונטערבראכענע קאריערען...

דער קליינער עדות.

א שטילע אויפרעגונג האט יענע פריהמארגען געהערשט אין דער געריכטס־געביידע. איינער האט דעם צווייטען דערצעהלט: „אן עלף־יעהריגער אינגעלע וועט היינט שיקען זיין פאטער אויפ'ן עלעקטריק טשער! א קינד וועט היינט פאר'ן דזשאדזש דערצעהלען ווי אזוי זיין ברוטאלער פאטער האט ערמארדעט זיין מוטער“.

דיעזע בעמערקונגען האבען שנעל אנגעפילט די קאורט־רום. הונדערטער האבען זיך געבעטען אריינגעהן, און צווישען די „גליקליכע“ וואס זיינען נאך פיעלע שטויסעניש ענדליך אריין, זיינען געווען ניט נאר די געוועהנליך נייגעריגע קאורט־בעזוכער, נאר אויך פיעל אלטע געריכטס־אנגעשטעלטע.

פעראינטערעסירט איז מען בלויז געווען אין דעם קליינעם עדות. מיט אונגעדולד האט מען געקוקט אויף דער הויכער טהיר, דורך וועלכער ער האט געדארפט אריינקומען, זעלטען האט ווער געקוקט אויף דעם אנגעקלאגטען, וועלכער איז מיט אן אראבגעהאנגענעם קאפ געזעסען נעבען זיין לאיער.

א שרעקליך קלעגליכען אויסזעהן האט געהאט דער אנגעקלאגטער. אויף זיין ווייסען מאגערען האלז, האט מען געזעהן א טיעפע, ערשט פערהיילטע וואונד. זיינע געקרייזעלטע האר זיינען געווען האלב גרוי, אין אונארדנונג זיינען זיי אראבגעהאנגען אויף זיין קורצען שטערען, דערגרייכענדיג זיינע קורצזיכטיגע, שוואכע אויגען, וועלכע האבען אהן אינטערעס געקוקט אויף זיינע מאטע, מאגערע הענד. די גלייכע נאז און דער מילדער מויל האבען דעם פנים געגעבען כמעט א שעהנעם אויסדרוק, נור די קורצע, קליינע מארדע האט פערדארבען דעם גאנצען איינדרוק. ווען מען האט געקוקט

אויף דער מאָרדע האָט מען זיך עראַינערט אָן עטוואָס שוואַכעס, נעבעכדיגעס, איהר האָט פאַר זיך געזעהן אַ ווייבען מענשען„ אָהן ווילענס־קראַפט, אָהן זעלבסטשטענדיגקייט, אַ מענשען וואָס לאָזט זיך פיהרען...

שטילע, איבערגעשראָקענע שכנים האָבען דערצעהלט ווי זיי האָבען געהערט דאָס געשריי פון דער פרוי, ווי זיי האָבען אויפגע־בראָכען די טהיר און געפונען די פרוי אַ טויטע. פון עטליכע וואונ־דען איז לאַנגזאַם גערונען דאָס בלוט. ניט ווייט פון איהר איז גע־לעגען דער אַנגעקלאָגטער מיט אַן איבערגעשניטענעם האַלז.

קיינער האָט ניט געוואוסט ווער עס האָט דעם שרעקליכען פער־ברעכען בעגאַנגען. קיינער האָט ניט געזעהן. די קינדער זיינען רוהיג געשלאָפען, ווי נאָר קינדער זיינען עס אימשטאַנד.

איין שכנה האָט זיך עראַינערט, דאָס זי האָט מיט עטליכע מינו־טען פריהער געהערט דעם אַנגעקלאָגטען קלאַפּען אין טהיר. באַלד נאָך דעם איז געוואָרען גאַנץ שטיל, ביז עס האָט זיך געהערט דאָס שרעקליכע געשריי פון דער ערמאָרדעטער.

— איך האָב זיך אפילו געוואונדערט אויף דער שטילקייט, וייל די לעצטע צייטען האָט מען זיך פיעל געקריעגט נעקסט־דאָר, — האָט זי געענדיגט מיט אַ שמייכעל.

— נאָר די לעצטע צייט? — האָט אויפשפּרינגענדיג געפרעגט דעם אַנגעקלאָגטענ׳ס לאָיער.

— יעס, זייט עטליכע מאָנאַטען.

— וואָרום, דענקט איהר, האָבען זיי זיך געקריעגט? — האָט דער לאָיער ווייטער געפרעגט.

— איך ווייס ניט. אָבער מרס. לערנער איז געווען קרענקליך. זינט זי האָט דאָס דריטע קינד געבוירען איז זי פיעל געגאַנגען צו דאָקטוירים. זי האָט זיך מיר עטליכע מאָל בעקלאָגט, דאָס אַלע פערדיענסטע געהען אוועק צום דאָקטאָר און אין דראָג־סטאָר. זי איז געווען שטאַרק נערוועז און האָט זיך אָפט געקריעגט.

לאנגזאם, וואָרט ביי וואָרט, איז דעם שארפזיניגען אדוואָקאט געלונגען צו צייגען, דאָס די פרוי איז געוועזן קראנק. מיט קונ־ציגע דריידלעך האָט ער ארויסגעקראָגען גינסטיגע ערקלעהרונגען פון די עדות.

דעם קאָראָנער'ס דאָקטאָר, וועלכער האָט געפּאַלמעסט די טויטע פרוי, איז געצוואונגען געוועזן צוצוגעבען, דאָס די פערשטאָרבענע איז געוועזן שרעקליך בלוט־ארעם.

פון אזעלכע ערקלעהרונגען און פון דעם אדוואָקאט'ס פראגען, האָט מען לייכט געקענט זעהן, דאָס די פערטיידיגונג וועט זיין, אז די שוואכע פרוי איז צומישט געוואָרען און האָט דעם פערברעכען אליין בעגאנגען.

און באלד, באלד האָט זיך שוין אַ חשד ארייננגעכאפּט אין מוח. איהר האָט שוין באלד גענומען גלויבען, אז דאָס איז טאקע אזוי פאָרגעקומען, ווען די הויכע טהיר האָט זיך געעפענט און דער וויכ־טיגסטער עדות געגען דע אַנגעקלאָגטען איז אריין זיין עלף־יעהרי־גער זוהן.

ווען די הויכע טהיר עפענט זיך, קוקט מען געוועהנליך מיט שפּאַנענדער אויפרעגונג אהין. דורך יענער טהיר קומען אריין די, וואָס העלפען דעם געזעץ שאפען גערעכטיגקייט; די וועלכע גלויבען אין „אַ האנד פאַר אַ האַנד, אן אויג פאַר אן אויג"... די ווער־טער פון אזעלכע עדות ברענגען די אונגליקליכע אין טויטען־הויז, וואו זיי ראנגלען זיך מיט האָפנונג און ביטערער פערצווייפלונג.

דורך דיעזער טהיר איז אריין דער קליינער אינגעל. זיין פּנים בלאָס, זיינע קליינע רויטע אויגען פערדעקט מיט אַ פּאָר דיקע אויגען־גלעזער, זיינע גלייכע צונויפגעקלעפּטע האָר פערוואָרפען אויף דעם קליינעם שטערען, די דינע ליפּען פערביסען און דאָס קעפּעלע ארונטערגעלאָזען.

זיינע דינע פיסעלעך האָבען געציטערט, די פארב אין דעם קליינעם פּנים האָט זיך שנעל געביטען, ווי מיט צוואוואסערטען בלוט איז פערוויטעלט געוואָרען דאָס ליידענדע פּנים'ל.

אין דער גרויליך טויטער שטילקייט פון קאורט־רום, האט זיך אויסגעוויזען, אז מען קען הערען דאס שווערע אטהעמען פון דעם אינגעל. עפעס האט דאס זידען פון זיין ברוסטעלע ווי הארמאנירט מיט דעם דינעם גערדיכטען רעגען, וואס האט שטיל געקלאפט אין די שויבען פון געריכט־זאל...

און זעה איך אזא רעגען, דערמאן איך זיך פון יענעם טאג אן אן דעם אינגעל, אן זיין שווערען אטהעמען... די אלע דינגע, געדיכטע רעגענס קענען יענע עראינערונג ניט אבוואשען...

דער אימער ערנסטער ריכטער איז נאך טויזענד מאל מעהר ערנסט געווארען, ווען ער האט געפרעגט דעם אינגעל:

„ווייסטו וואס דאס ווארט אמת מיינט?“

„יעם“, איז אנגעקומען דער הייזעריגער ענטפער.

„וואס מיינט עס?“

דאס איבערגעשראקענע אינגעלע האט עטליכע מאל שווער געשלונגען. זיין דין העלזעלע האט זיך אנגשטרענגט און ווען ער האט געענטפערט איז זיין שטימעלע געווען דין, קוויטשיג, און דער טאן איז געווען ווי א טרויעריגער, איינגעשטודירטער ניגון.

„מיר מוזען זאגען דעם אמת, אז ניט וועט אונז גאט בעשטראפען“.

פיעלע אנוועזענדע האבען מיט אינטערעס צוגעשאקעלט מיט די קעפ.

— איזראעל, וואס ווייסטו וועגען דיין מוטער׳ס טויט? — האט דער ריכטער געפרעגט.

איזראעל האט לאנגזאם אויפגעהויבען זיינע קורצזיכטיגע אויגען און דאס ערשטע מאל אין קאורט האט ער בעטראכט זיין פאטער.

די פערצווייפעלטע אונגליקליכע אויגען האבען בעגעגענט דעם קינד׳ס בליק. דער האלב־גרויער קאפ האט זיך שווער אראבגעלאזען אויפ׳ן טיש...

די קינדערישע אויגען האבען שטארק געקוקט און מעכאניש האט ער געענטפערט:

— איך ווייס פיעל.

— ווער האט דיין מוטער געטויטעט? איז געקומען דעם ריכטער'ס פראגע.

עטליכע סעקונדען איז געווען שטיל. עס האט זיך געהערט דאס אויפגערעגטע אטהעמען פון פיעלע אנוועזענדע.

לאנגזאם האט דאס אינגעלע, וועמעס דאר קערפערל מען האט קוים געקענט ארויסזעהן פון טיעפען עדות־שטוהל, אויסגעשטרעקט זיין דין ציטערענד פינגערל און אנווייזענדיג אויף זיין פאטער, האט ער הייזעריג ארויסגעקרעכצט:

— ער!

די אנוועזענדע מאסע האט ווי אויף אמאל אבגעזיפצט. די שטילקייט איז געבראכען געווארען. ערשטוינטע שושקערייען האבען זיך געהערט פון מאנכע אנוועזענדע און דער אלטער ריכטער מיט זיין קליינעם האמער האט געקלאפט פאר ארדער.

„איזראעל, דו דערצעהלסט א שרעקליכע זאך. דיינע ווערטער קענען שיקען דיין פאטער צום טויט. זיי פארזיכטיג און דערצעהל בלויז דעם אמת!" — האט געדונערט דעם דזשאדזש'ס אויפגערעגטע שטימע.

דאס אינגעל האט זיך דערשראקען און האט שטיל אנגעפאנגען צו וויינען.

לאנג האט איהם דער דיסטריקט אטורני געפרעגט וועגען דעם צוזאמענלעבען פון זיין פאטער און מוטער און שטיל האט ער דערצעהלט וועגען די צאנקערייען צווישען זיינע עלטערען.

— וואס איז פארגעקומען ביי דעם לעצטען סאפער? — האט דער דיסטריקט אטורני געפרעגט.

— פאפא האט ביים עסען געשוויגען. עס איז געווען זעהר

היים. דאס עסען איז ניט געווען גוט און ווען פאפא האט וועגען דעם בעמערקט, איז געווארען א שרעקליכע קריעגעריי. די מאמא האט געוויינט און דער פאפא האט געשריען: „איך וועל דיך דער׳הרג׳ענען!“

— און דאן?

— דאן איז פאפא אוועק. מיר האבען זיך געלעגט שלאפען. מאמא איז געזעסעןביים פענסטער. דארט האב איך איהר דאס לעצטע מאל געזעהן.

און ווידער האט זיך דאס קינד צוואויינט און מאנכע אנוועזענדע האבען געווישט די טרעהרען פון זייערע אויגען.

— און דאן?

— דאן האב איך זיך אויפגעכאפט, ווען איך האב געהערט די שרעקליכע געשרייען. צו ערשט האט זיך מיר אויסגעוויזען ווי עס וואלט געווען א חלום.

— עס זיינען געווען א סך מענשען אין צימער. אן אונז, קינדער, האט מען אין גאנצען פערגעסען. ווען איך האב געזעהן דאס בלוט אין מיין פאפא׳ס איבערגעשניטענעם האלז, האט מיר עפעס אזוי וועה געטהאן. איך האב געוואלט צו איהם געהן, אבער איך האב זיך אן עפעס אנגעקלאפט. ס׳איז געווען דאס ברויט־מעסער. ס׳איז געווען בלוטיג. דאן האב איך זיך עראינערט ווי דער פאפא האט געזאגט צו דער מאמא: „איך וועל דיך דער׳הרג׳ענען“ און איך האב גענומען שרייען: איך וויים, איך וויים ווער עס האט עס געטהאן!

זיין מיעד קעפעלע איז אראבגעזונקען, זיינע דארע הענטעלעך האבען פערדעקט די אויגען, ווי ער וואלט מיט גוואלד וועלען ארויסשטויסען דאס שרעקליכע בילד, וועלכע די עראינערונג האט צוריק געבראכט.

זיין פאטער׳ס לאיער האט איהם לאנג אויסגעפרעגט.

— ווארום דענקסטו דאס דיין פאטער האט דעם פערברעכען בעגאנגען?

— ווייל ער האט געזאגט, ער וועט די מאמע׳ן דער׳הרג׳ענען.

— האט דען ניט דיין פאטער מעהרערע מאל געזאגט די זעל־בע ווערטער? פלעגט עס דען דיין מאמע ניט זאגען? זאגען עס דען ניט פיעלע אידישע מאמעס צו זייערע קינדער? ווייסטו דען ניט, דאס מיט דעם ווארט „דער׳הרג׳ענען" מיינט מען מעהרסטענס אנשלאגען?

— ניין, ניין! — האט דאס קינד געענטפערט, זיך פעסט האל־טענדיג ביי זיין מיינונג. אין זיין שמאלער קינדערישער קאפ איז ניט געוועזען קיין פלאץ פאר ארגומענטען...

דער אנגעקלאגטער האט א דערשראקענער דערצעהלט, אז ער איז א שניידער, ארבייט אכט יאהר אויף איין פלאץ, אז זינט דאס אינגסטע קינד איז געבוירען געווארען איז זיין פרוי געווארען שרעק־ליך נערוועז. זי איז געוועזען שוואך, האט געהאט צוויי בלוט־שטור־צען, האט זיך שטענדיג געקריעגט. פערלאנגט זאכען, וועלכע ער האט ניט געקענט נאכגעבען, זייענדיג א קליינער פערדיענער...

יענעם אבענד איז געוועזען שרעקליך הייס אין די צוויי רומקעס מיט א ניעדריגען סילינג אויף ריווינגטאן סטריט. זיין פרוי האט זיך מיט איהם געקריעגט. ער געדענקט ניט, אפשר האט ער גע־זאגט: „איך וועל דיך דער׳הרג׳ענען", אבער דער אויסדרוק איז ניט קיין נייעס. נאכ׳ן עסען איז ער ארוים פון הויז. לאנג האט ער געוואנדערט אין סטריט ניט דענקענדיג וועגען גאר נישט.

— ווען איך בין אריין אין הויז האט זי געשוויגען און איך האב זיך גענומען גרייטען צום שלאפען. די היץ איז געוועזען שרעק־ליך. מיין פרוי איז געזעסען ביי פענסטער. א שרעקליכער מיט־לייד צו איהר האט מיך ארומגענומען. ווען זי וואלט געהייראט מיט א רענס־פעדלער, וואלט איהר שוין געוועזען בעסער. זי איז אמאל געוועזען זעהר א שעהנע. איך בין בלויז א שניידער און זי האט זיך

אימער געערגערט וואס איך זיץ שוין אכט יאהר אויף איין פלאץ. פלייכט וואלט איך ערגעץ אנדערש מעהר פערדיענט, פלעגט זי זאגען.

— אזוי האב איך געטראכט ווען איך האב דערפיהלט דעם קאל־טען שטאהל פון א מעסער אויף מיין האלז. ווען דאס הייסע בלוט האט גענומען רינען און מיינע אויגען זיינען פערשוואומען געווארען מיט בלוט, האב איך בלויז געזעהן דעם געשטאלט פון מיין פרוי.

ער האט גערעדט לאנגזאם און אבגעהאקטע ווערטער:

— ווען איך האב מיט וואכען שפעטער אויפגעוואכט אין האספי־טאל, האט מען מיר דערצעהלט, דאס א י ך האב עס געטהאן, — האט ער געענדיגט מיט א ביטערען שמייכעל.

ווען די דזשורי האט איהם געפונען שולדיג אין „טויט־שלאג" ערשטען גראד, פאר וועלכען מען האט איהם שפעטער פארשיקט אויף צעהן יאהר פריזאן, זיינען פיעלע געוועזן צופריעדען. עס האט געקאנט זיין ערגער, ווארים זעהר פיעל דזשוראָרס ווילען זיך ניט אריינלעגען אין דעם אנגעקלאגטענ׳ס אומשטענדען.

אט דער שניידער, וועלכער איז אבגעזעסען אכט יאהר אויף איין בענקעל, האט געווים ניט געמאכט דעם איינדרוק פון א מערדער, און דאך האט מען איהם געפונען שולדיג. אויב ניט אין גאנצען שולדיג, איז כאטש אביסעל...

— — — — — — — — — — — — —

מיט יאהרען שפעטער האב איך איהם בעגעגענט אין סינג־סינג פריזאן (ווען איך בין דארט געוועזן אויף א בעזוך). פיזיש האט ער אויסגעזעהן פיעל בעסער ווי אין יענע שרעקליכע טעג פון פראצעס. גייסטיג אפשר אויך. ער ארבייט אין דעם שניי־דער־שאפ פון געפענגנים און האפט נאך אמאל גליקליך צו זיין מיט זיינע קינדער.

— און אייער עלטסטעו זוהן, דעם ערות געגען אייך, האט איהר־שוין אויך פערצייעט? — האב איך געפרעגט.

— געווים, ער איז דאך מיין קינד! — האט ער געענטפערט. אין זיין שטימע האט געפעהלט אירגענד וועלכע ביטערקייט צו דעם קליינעם ערות.

* * *

פאר מיר און ביז היינט איז דיזער מארד געבליבען א פסי־כאלאגישע רעטעניש.

ווער איז שולדיג?

ע נ ד ע.

געזעצט ביי די אינטערנעשאָנאַל לײנאטײפּ קאמפּאַז. קאָ., 125 קאַנאַל סט.